STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08296

DI FERTE VANT

Der Lebediker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער לעבעדיקער

די פערטע וואַנט

פאַרלאַג „אחיספר“ וואַרשע

ביי געז. „צענטראַל“, נאַוואָליפּקי 7.

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1 9 2

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner Warszawa, Nowolipki 6.

אינהאַלט:

		זייט
1)	די טראַגעדיע פֿון אַ טעאַטער־קריטיקער	9
2)	וועגן זינדיקן גוף	13
3)	„בו־הו!"	17
4)	דאָס, דאָס און נישט דאָס?	20
5)	איין ראָלע און נישט מער	24
6)	אַן עולם אַ פּרעסער	28
7)	דער עלעקטריק־שטול	32
8)	דאָס איז דער פּאַרפּאַסער	35
9)	אַן אַ מאַמע	38
10)	צווישן טאָג און נאַכט	41
11)	באָרד און פּאַטשיילקע	45
12)	טעאַטער אָן אַקטריסעס	48
13)	„מיר שווימען"	50
14)	וואָס טוט מען מיט די קריטיקער?	52
15)	די טעאַטער־קינדער	56
16)	רעזשי און אַנסאַמבל	59
17)	דער אַקטיאָר הינטער די קוליסן	63
18)	פּרעה דער בעל־תּשובה	67
19)	אַ מאָדנער בריוול	70
20)	וואו נעמט מען אים?	74
21)	יידן הוסטן	78
22)	דאַרף אַן אַקטיאָר זיין אויפריכטיק?	81
23)	מען דאַרף אַ ניי טעאַטער	85
24)	וועגן וואַרפן	89
25)	דער מיטשפּילער	92
26)	אויף אַ פּיסל	97

זייט

27) ווען אַ מענטש האָט אַ דראַמע 100
28) אונזערע בעלי־טובות 104
29) די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ קריטיקער . . 107
30) „שאלות ותשובות" 111
31) דער אמת וועגן אונזער פובליקום . . . 115
32) דאָס פאַרשעמטע יידישע וואָרט 118
33) שוישפּיל און שותּפות 122
34) דאָס געזעץ פון וואַלד 126
35) מאַסקע און גרים 129
36) אַ ליבע־געזאַנג צום אַקטיאָר 132
37) דער הוסט־פּראָבלעם 136
38) די פערטע וואַנט 140
39) חנוכּה־לאַטקעס 143
40) פינסטערניש אויף דער בינע 147
41) „אַלץ וויל שפּילען טעאַטער" 150
42) פּרעמיערעס און מבינות 154
43) שונד מיט אַ הכשר 158
44) אַ נייע געזעלשאַפט 161
45) זיי לאַכן — און דאַך 164
46) וואו איז דער אמתער אמת? 169
47) געראַטעוועטע שורות 174-211

די טראגעדיע פון א טעאטער־קריטיקער.

יעדע באַשעפעניש האט זיך אירע צרות.

דעם טעאַטער-קריטיקער זענען אַלע מקנא. אים חנפענען אַקטיאָרן, פאַר אים ציטערן דירעקטאָרן, היינט וואו זענען די פרייע בילעטלעך, וואָס ער קריגט?

דאס פאָלק מיינט, אז צו זיין אַ טעאַטער-קריטיקער איז אַ ברכה, אַ פאַרגעניגן, אַ גליק, א פריווילעגיע.

אָבער אין אמתן איז די פראָפעסיע פון אַ טעאַטער-קריטיקער אַ ביטערע, אַ שלעכטעאַ, פינסטערע, א שווערע און אומגליקלעכע...

פרעגט דעם טעאַטער-קריטיקער אַליין און ער וועט אייך זאָגן.

די ערשטע צרה: אַ טעאַטער-קריטיקער זעט זאַכן און האָט קיין הנאה נישט...

ער וואָלט געקענט הנאה האָבן, אָבער ער טאָר נישט: די פראָפעסיע זיינע לאָזט אים נישט, די מבינות שטייט אים אין וועג, שטרויכלט יעדן ריה פון באַגייסטערונג, דערשטיקט יעדע געבורט פון פאַרגעניגן, אבן-נגפט יעדן פרייען קער פון דער נשמה.

אזוי א מענטש, א טעאַטער-גייער, ווען ער זיצט אין טעאַטער און אַן אַקטיאָר מאַכט אים צו לאַכן — צעלאַכט ער זיך... לאָזט ער פריי זיין געלעכטער: כאַ! כאַ! כאַ!... כי! כי! כי!... און ער האט הנאה, ער גיט אויסדרוק זיינע געפילן...

אָבער אַנדערש איז אַ טעאַטער-קריטיקער; ער טאָר נישט לאַכן. ער טאָר נישט אַרויסווייזן הנאה, ווי געוויינלעכע מענטשן, ווייל אויף דעם איז ער דאָך א טעאַטער-קריטיקער... ער טאָר נישט לאַכן, ווייל ווען ער וועט זיך פערנעמען מיט לאַכן — וועט ליידן זיין מבינות, וועט ער נישט קענען ריכטיק אָפשאַצן דעם אַקטיאָר, וואס מאַכט צום לאַכן...

און דער רעזולטאַט איז, אז אַמאָל ווערט אַ קריטיקער אַזש צעפלאַצט אינווייניק פון געלעכטער, אָבער ער קען נישט ארויספלאַצן...

און דאסזעלבע איז מיט וויינען.

אזוי אַמענטש, מעג ער זיין אפילו נישט קיין יידענע, איז אז ווען אַ טראַגעדיע צענעמט אים, — נעמט ער זיך דאס פאַרגעניגן און וויינט... עס שעמט זיך נישט. ווייל פאַר וועמען זאָל ער זיך שעמען? ער האט באַצאָלט פאַר א בילעט און ער מעג וויינען...

אבער נישט אזוי איז א טעאטער-קריטיקער. אַט דערדאזיקער אומגליקלעכער מענטש טאָר נישט וויינען.

ווייל ווי פּאַסט אים צו ווייזן דעם פּאָלק זיין שוואַכקייט?

און נישט נאָר וויינען, נאָר אפילו גלאַט אזוי זיך א קרים טאָן, מאַכן אַ זויערע מינע קען ער זיך נישט דערלויבן...

ווייל יעדער קרים זיינער — מיינט קריטיק און יעדע זויערע מינע — אָפּשאַצונג. און דאס אַלץ באַטייט — אַרויסגעבן זיך, דערציילן פאַר דער וועלט, וואס ער דענקט... און ווי קען ער עס טאָן היינט, אז די קריטיק דאַרף ער ערשט שרייבן מאָרגן און די קריטיק דאַרף דאָס פּאָלק נישט זען — נאר לעזן. זען מיינט קריגן קריטיק פריי, און לעזן מיינט — באַצאָלן...

און סתם איז מיטן מאָרגן א צרה: היינט קען ער זיך קרימען, אבער מאָרגן, ווער ווייס? ווייל קען דען א קריטיקער וויסן, וואס ער וועט שרייבן מאָרגן, אין וואס פאַר א מבינות-וועלדער זיין קריטיק-פערדל וועט אים פאַרפירן?

ער איז דען אין זיינע הענט?... אַמאָל פאַרפירט א קעפל: אַ שיין קעפל פון אַן אַקטריסע, ווי אַ שיין „קעפל" פאַר אַן אַרטיקל... אַמאָל פאַרפירט די טעמע, אַמאָל א ווערטל, אַמאָל אַ צו-להכעיס, אַמאָל א פילאַנטראָפּיש געפיל אפילו...

פאַרפירער פעלן נישט!

און דאס זענען נאך נישט אלע צרות. עס זענען, מיינע ווערטע בילעטן-קויפער, דאָ נאך און נאך!

אָט נעמט דעם ענין פון קוקן.

א געוויינלעכער צושויער, ווען ער זיצט אין א טעאַטער, איז נישט מחויב כסדר צו קוקן אויף דער בינע. ער קען זיך פאַרגינען צוצושליסן די אויגן... פאַרוואָס נישט? ער מוז דען עמעצן אָפּגעבן דין וחשבון... א פשוטער בשר ודם מעג זיך אפילו דערלויבן כאַפּן א דרעמל, און אויב ער האט נאר נישט די מיאוסע טבע פון כראָפּען, וועט עס אפילו קיינער נישט באַמערקן...

אָבער דער שלים-מזלדיקער טעאטער-קריטיקער האט נישט די

דאָזיקע טייערע פּריווילעגיע: אַ טעאַטער-קריטיקער מוז קוקן, כּסדר קוקן, אָן אַן אויפהער קוקן... ווייל, ערשטנס, קוקן אויף אים סיי די אַקטיאָרן פון דער בינע, סיי די דירעקטאָרן און סיי דאס פּוב-ליקום... און, צווייטנס, אז ער קוקט נישט, קען ער נאך, חס ושלום, פארפעלן אַ מינעלע פון אַן אַקטיאָר, אַ הנדעל פון אַן אַקטריסע, אַ קנייטשעלע ארום מויל פון אַ „שטערן", אַ פינטל פון אַ פּוס פון אַ סוברעטין... און דאס מיינט ממש וועלט-חורבן... ווייל אַ שפּיל האלט זיך אָפּט אָן אַ מינעלע, קנייטשעלע און פינטעלע... און אָפּט קען מען אויף אָט די אלע געבענטשטקייטן בויען אַ גאנצע קריטיק...

און ווער רעדט שוין פון כאַפּן אַ דרעמל, דאס איז דאך אוודאי אויסגעשלאָסן... און אַ טעאַטער-קריטיקער, וואס האט נעכטן גע-האט אַ שלאָפלאזע נאכט, ווייל זיין ווייב האט געבושעוועט, „פארפאסט קריטיק", קען נישט האבן דאס ביסעלע פארגעניגן פון אַ געוויינלעכן מאַנסביל צו כאַפּן אַ דרעמל אין טעאַטער...

אָדער אָט נאט אייך גאר אזא זאך, ווי דורכרעדן זיך.

אזוי אַ מענטש, ווען אים געפעלט אדער געפעלט נישט אַ פּיעסע, קען ער זיך צווישן די אַקטן דורכשמועסן מיט שכנים, מיט פריינט, מיט דעם ווייב אפילו...

ער קען באַגייסטערט ווערן און נישט באַגייסטערט ווערן... ער קען שאָקלען מיט די הענט, שרייען ווי אַ פּאַטריאָט אדער פארקערט זיך זידלען ווי אַ בעל-עגלה...

אָבער אַ טעאַטער-קריטיקער איז בבחינת אַ שטומער... ער טאָר נישט רעדן, נישט פאר און נישט קעגן...

ער דארף זיך היטן מיט ווערטער, ווייל זיינע ווערטער זענען נישט גלאַט ווערטער — נאָר קריטיק. שטיקער קאַסע-ערפאָלג אדער מיסערפאָלג... זיינע רייד גייען גלייך צו דער קאַסע, צום דירעקטאָר... מען כאַפּט זיי אויף...

און דאס מיינט, באַקאַנט מאכן זיין קריטיק, איידער ער האט זי נאך אנגעשריבן, דאס באַטייט געבן לייענען אַלעמען דעם מאַנו-סקריפּט, איידער ער איז נאך פארפאסט געוואָרן...

קורץ: אַ טעאַטער-קריטיקער מוז שטומען, שווייגן, האלטן די צונג שטייף, אין דער צייט, ווען עס ווילט זיך אזוי רעדן און זאָגן מבינות...

און וואס שייך דאס ווייב, קען אַ טעאַטער-קריטיקער צווישן די אַקטן נישט רעדן צוליב נאך אַ סיבה.

יעדער קלוגער און דערפאַרענער טעאַטער-קריטיקער ווייסט, אז בייזע צינגער זאָגן, אז די בעסערע טעאַטער-קריטיקן רעדן אין די קריטיקער אַריין זייערע ווייבער, און דערפאר דארף מען זיך היטן...

הכלל, סאיז צרות !..

און דערפאר, פרייע בירגער פון טעאַטער-קעניגרייך, ווען איר זעט אַ טעאַטער-קריטיקער, זיצנדיק אין אַ לאָזשע, דארפט איר אים נישט מקנא זיין. ער זיצט אויף הייסע קוילן, זיצט ער... ער זיצט אויף אן עלעקטרישן שטול, זיצט ער...

און דערפאר, ליבע בילעטן-קויפער, ווען איר זעט אַ טעאַטער-קריטיקער, אַרומשפּאַצירנדיק איבער דעם קאָרידאָר פון טעאַטער איינער אליין—קוקט אויף אים, ווי אויף אַ מאַרטירער פאר דער קונסט... קוקט אויף אים, ווי אויף אַ קעסל מיט דאַמף, וועלכער ווערט צעפּלאַצט אינווייניק... קוקט אויף אים, ווי אויף אַ שטומען, וועלכער פאַלט אַריין צווישן רעדעוודיקע...

קוקט אויף אים און האט אויף אים רחמנות, אויב איר ווילט...

ווייל ביטער איז די פּראָפעסיע פון אַ טעאַטער-קריטיקער, ביטער און פינסטער, אומהיימלעך און קאַלט, און ס'איז אים גאר נישטאָ וואס מקנא צו זיין... גאָר גאָרנישט !.. אויף מיין וואָרט, ער קרענקט אויס די פרייע בילעטן...

וועגן זינדיקן גוף.

מענטשן, גיט אָפּ כּבוד דעם גוף. האט אַכטונג פאַרן גוף!

ווייל נאך אַלע חקירות און שבת-און זונטיק-דרשות איז דער גוף דאך אַ וויכטיקע אינסטיטוציע, און אַ פיינע אינסטיטוציע דערצו.

מענטשן, האט דרך-ארץ פארן גוף! און נישט בלויז פון אַ מע-דיצינישן שטאַנדפונקט, נאר פון אַלע שטאַנדפונקטן.

ווייל ווי די גייסט-מענטשן און גוף-פאַרלייקענער זאָלן נישט וועלן לייקענען, אָפּלייקענען און פאַרלייקענען, שפילט דאָך דער זינדיקער גוף אַ היבשע ראָלע אין לעבן, און אפשר טאקע די הויפּטראָלע.

פריער קומט גוף און נאָכדעם גייסט. דאס איז אַ געזעץ פון לעבן. אזוי איז פאַרשריבן און אָנגעשריבן געוואָרן אין בלוט.

און דער בלוט-שריפט איז נאך אַלץ דער לעבעדיקסטער, ברויזנסטער און קאָכעדיקסטער שריפט פון אַלע שריפטן.

עס זאָל לעבן דער קעניג גוף! דער איינציקער קעניג, וועלכן קיין מענטשלעכע רעוואָלוציע קען נישט אַרונטערזעצן. דער איינציקער זעלבסטהערשער, וועלכן אַלע האָבן ליב, אפילו די רעוואָ-לוציע-מאַכער.

מענטשן, קוקט זיך אַרום, ווי וויכטיק דער גוף איז און גיט אים אָפּ כּבוד!

און ווי אין לעבן, אזוי נאכמער אויף דער בינע.

מענטשן בייטיקן זיך אין גוף, אָבער פאר אן אַקטיאָר איז דער גוף כמעט אַלץ!

אַ מענטש קען פארלייקענען זיין גוף, פאַרשליסן אים בחדרי חדרים און באַהעפטן אים מיט בלויז גייסט-שפינוועבס און שאָטנס.

אן אקטיאָר אָבער מוז זיין גוף ווייזן פארן עולם. ער מוז זיין גוף באַהעפטן מיט שפּיל און פּובליקום...

אַ מענטש קען זיין גוף פאַרפייניקן, ווי אן איבעריקע זאך, אן אַקטיאָר אָבער מוז זיין גוף אָפּהיטן, ווי אן אוצר.

אין לעבן שפּילט הויך-געוויקסיקייט און קערפּער-עשירות אַ גרויסע ראָלע. עס איז אַ מעלה צו ארבעט, צו געשעפט, צו כּלל-טוערײַ, צו אַ קאַריערע בכלל און צו אַ שידוך בפרט...

דער, וואס האט אַמאָל געפּראוווט זוכן אַ שטעלע דורך אַ צײַטונג, ווייסט ווי וויכטיק דער קערפּער-וואוקס איז. מען דאַרף האָבן לאַנגע פיס, כּדי צו קומען שנעלער פאַר אנדערע צום פּלאַץ, לאַנגע, פעסטע הענט, כּדי דורכצושטופּן זיך אַ וועג און שטעלן זיך אין דער ערשטער רײ... און אַ הויכן וואוקס, כּדי מען זאָל זײַן אָנגעזען, כּדי דעם אַרבעטסגעבער זאָל אָננעמען אַ חשק אײַך אָנצונעמען...

און דאסזעלבע איז מיט טאַלאַנט: קליינגעוויקסיקע קומט אָן אַ סך שווערער צו ווערן אפילו אַ שרײַבער. און פון אַ כּלל-טוער איז שוין אָפּגערעדט. פּאָליטיקאַנער זענען ווינציק דאָ קורצע און מאָגערע.

און אזוי אויך וועגן שידוכים.

יעדעס געזונטע מיידל וויל אַ הויכן מאַן. איר אידעאַל איז אַ מאַן העכער פון איר...

און יעדעס מיידל זוכט אזא מאַן — נאָר ווען זי געפינט נישט איר אידעאַל, נעמט זי א קליינגעוויקסיקן, אַבי מיט אַ פעטן באַנק-בוך...

איך גיב געררעכט דער פרוי! זי האט די ריכטיקע מאָס פאַרן לעבן, זי פילט מיטן געזונטן אינסטינקט, אז דער קעניג-גוף איז זייער אַ וויכטיקער קעניג...

מיר שטייען פאַר לעבעדיקע פאַקטן:

גרויסגופיקייט — איז א גרויסער ענין.

נישט נאָר דער גרויסער פאַרנעם פון א בוך וועקט רעספּעקט, נאָר אויך דער פאָרמאַט.

קערפּער-פאַרנעמלעכקייט פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין לעבן.

מענטשן זענען בטבע קרעמער, אפילו ווען זיי האבן נישט קיין קראָמען.

אַלע מענטשן רעכענען זיך מיט מאָס און וואָג מער ווי מיט אנדערע זאכן. ס'האט אפשר נישט געדאַרפט זײַן אזוי, אָבער ס'איז אזוי, און ווער קען זיך העלפן?

און ווי אין לעבן, אזוי איז באַכמער אויף דער בינע.

א הויכגעוויקסיקער אַקטיאָר אויף דער בינע איז שוין גלייך א פארטיקער העלד.

ער איז א העלד שוין מיטן וואוקס אליין.
צו א הויכגעוויקסיקן שוישפילער מוז דאס פּאָלק ארויפקוקן.
און ארויפקוקן האט דאס פאלק שרעקלעך ליב...
אי, אי, ווי הויך ער איז!
אויף א קליינגעוויקסיקן אקטיאָר קוקט מען ארונטער...
און דערפאר, ווען דער קליינגעוויקסיקער אקטיאָר וויל, אז מען זאל צו אים ארויפקוקן, מוז ער זיך דערהייבן איבער זיין ראָלע, מוז ער שפּילן מיט מער טאלאנט, ווי דער הויכגעוויקסיקער, מוז ער זיך אָנשטרענגען.

א סך אקטיאָרן וואָלטן נישט דערגרייכט צו זייער מעמד אויף דער בינע, ווען גאָט בענטשט זיי נישט מיט א חלק גוף מער ווי אן אנדערן...

און, פארקערט — א סך אקטיאָרן קענען זיך בשום אופן נישט ארויפדראפּען, ווייל די קערפּער-קארגשאפט שטייט זיי אין וועג.

ווען א „מאסקווער" קומט ארויף אויף דער בינע, איז פריער פון אלץ „שפּילט" שוין פאר אים זיין הויכגעוויקסיקייט און נאָכדעם די אנדערע באגאבטקייטן.

שיינקייט איז ביי מענטשן פארבונדן מיט געוויקסיקייט.
ערפאָלג אין לעבן — מיט גרויסגופּיקייט.
און באמת, ס'איז טאקע שיין צו זען הויכגעוויקסיקע אקטיאָרן אויף דער בינע, א חיות צו קוקן אויף זיי!

און דערפאר קאן מען צורעכענען א פיינעם פּראָצענט ערפאָלג פון די „מאָסקווער" אויפן חשבון פון זייערע גופים.

אזעלכע קערפּער-ריזן פארשפּאָרן גאר צו שפּילן. סטאניסלאווסקי אָדער קאטשאלאוו זענען שוין א גע וינס פאר דער בינע מיט זייער וואוקס אליין.

מענטשן האבן נישט ליב מיטלמעסיקייט.
אָדער גאָר גרויס, אדער גאר קליין.
ריז אָדער קארליק!
און דערפאר האבן נאך די גרויסגעוויקסיקע דעם גרעסטן ערפאָלג אויף דער בינע-קינדער.
דאס קינד נעמט מיט זיין קליינגופּיקייט אליין.

און דערפאר זאג איך:

יונגע מענטשן מיט טעאטער־אמביציעס! איידער איר שטעלט אפּוס אויף דער בינע, מעסט זיך אָפּ און וועגט זיך אָפּ!

און איידער איר דענקט צו וואקסן אויף דער בינע אין טאלאנט, גיט א טראכט, צי קענט איר נאך וואקסן אין גוף!..

„בו־הו!“

וער האט אויסגעטראכט דעם בו-הו? איך ווייס נישט. אפשר קומט עס פון דעם געזונטן אינסטינקט פון דער מאַסע גופא, און אפשר האט אים אויסגעטראכט א קלוגער געשעפטס-פעיקער טעאַטער-דירעקטאָר. נאר אַזוי, צי אזוי: אָפּטמאָל גלויבט זיך מיר, אז אָן דעם „בו-הו“ קען דאס יידישע טעאַטער נישט עקזיסטירן, אז אָן דעמדאָזיקן אויסגעשריי האט אונזער בינע קיין פנים נישט, אז אָט דערדאָזיקער „בו-הו“ איז דער אָנגעזועגנסטער צייכן, אז יידישע קינדער האבן ליב טעאַטער...

איך קען זיך נישט פאָרשטעלן יידיש טעאַטער, אמת, לעבעדיק, בלוטיק-קאָכעדיק טעאַטער אָן דעם „בו-הו“...

איך ווייס נישט, ווי אַזוי ס׳רופן זיך אָפּ גוים אין זייערע טעאַטערן, אָבער דער „בו-הו“ איז דער יידישער אָפּרוף...

ער איז דער מאָראַל-צייכן פון אַ מאָראַלִיש פאָלק...

אַ פאָלק, וואָס האט ליב גערעכטיקייט און האט פיינט אומגערעכטיקייט, אַ פאָלק פון יושר, א פאָלק, וואָס האַסט רשעים און אינטריגאַנטן, אפילו ווען זיי זענען בלויז פאַרשטעלטע אַקטיאָרן...

דער „בו-הו“ איז דער אָרגטלעכסטער, אָפּנהארציקסטער אויסדרוק פון אונזער מאַסע. ער באַצייכנט איר בליק אויף לעבן און מענטשן, גוטס און שלעכטס... קונסט און דראַמע...

„בו-הו“ איז אַ וואולקאַנישער אויסברוך, ער קומט שטענדיק, ווי אַ דונער... און אין דעם ליגט זיין ש ינקייט און וויכטיקייט...

ביים ארויסלאָזן אַ „בו-הו“ רעדט דאס פאָלק זיך נישט צונויף, דאַרף דאָס פאָלק נישט האבן קיינע פירער און אָרגאַניזאַטאָרן.

דער „בו-הו איז א פיינערער טעאַטער-אויסדרוק, ווי דער אַפּלאָדיסמענט.

אַזאַ פּאָדיסמענטן — קען מען קויפן, אָרגאַניזירן, אַפּלאָדיסמענטן קומען פון הענט, און אָפט געצוואונגען — צוזאַמענגעקליגטע...

דער „בו-הו" אָבער קומט פון האַרצן, פון דעם ריכטיקן קוואַל.

איך האב ליב צו זיצן אין טעאַטער און זיך צוהערן, ווי דאס פאָלק דריקט זיך אויס...

עס איז אפשר פרימיטיוו — אָבער ליב. עס איז אפשר נישט געהובלט — אבער עס איז געזונט.

„בו-הו" איז פאָלקס-קריטיק, אמתע קריטיק.

עס איז פאָלקס-מבינות, פאָלקס-אורטייל. נישט געפאַרבט, נישט סטיליזירט...

מיט דעם, וואס דאס פאָלק שטעלט זיך אויף דער זייט פון גערעכטן און פארשרייט און פאַרהוקעט דעם אומגערעכטן,—גיט עס אויך זיין אורטייל אויף דער פיעסע: צום טויט אָדער צום לעבן...

אַ פיעסע, ביי וועלכער דאס פובליקום באַטייליקט זיך מיט אַ סך „בו-הו", איז פאַרשריבן צו לאַנגע מאָנאַטן לעבן...

און אַ פיעסע, ביי וועלכער עס בלייבט זיצן גלייכגילטיק, עפנט נישט דאס מויל און לאָזט נישט ארויס זיין „בו-הו", — איז פאַראורטיילט צום טויט...

און אָפט זאג איך זיך: אונזער בעסערער טעאַטער וואָלט אויך געדאַרפט האבן זיין „בו-הו", זיין אויסדרוק-שטייגער... זיין פובליקום, וועלכעס זאָל זאָגן זיין וואָרט אויפן אָרט...

אָפט ווערט מיר זייער קאַלט צו זיצן אין אונזער קונסט-טעאַטער. אַפּלאָדירן? — נישט. מען דאַרף וואַרטן ביזן שלוס. אויסשרייען שרייט קיינער נישט אויס — עס איז נישט אָנשטענדיק, נישט קונסט-מעסיק... און אזוי, צי אזוי: דאס פאָלק קומט נישט צום אויסדרוק.

און א טעאַטער-עולם מוז קומען צום אויסדרוק.

יעדער טעאַטער-עולם דאַרף האבן זיין „בו-הו". אָן דעם איז עס א טויטער עולם... אָן עולם פון טעאַטער-מבינים אָן לשון, א שטומער עולם...

און עס ווערט אזוי אומעטיק צו זיצן אין אונזער בעסערן טעאַטער, מיט א שטומען עולם ביים זייט...

און נאך ערגער איז עס פאַר די אַקטיאָרן.

קונסט אהין, קונסט אהער, — אָן אַקטיאָר מוז פילן דעם אָטעם פון פובליקום, די וואַרעמקייט פון עולם.

שױשפּיל איז אַ װעזן אַזאַ, װאָס קאָן אָן װאַרעמקײט נישט לעבן. און די װאַרעמקײט דאַרף זײַן אַ טאָפּעלע: פֿון אַקטיאָר און פֿון צושױער.

און די װאַרעמקײט דאַרף זיך צונױפֿגיסן, באַהעפֿטן און װערן אײן װאַרעמקײט, אײן פֿלאַם...

און נאָר דאַן װערט טעאַטער־שפּיל אַ לעבעדיק װעזן מיט אַן אײגענער נשמה.

מיר געפֿעלט דער „בו־הו!"

נישט עסטעטיש, זאָגט איר? — מיך אַרט עס נישט. אַבי עס איז געזונט און לעבעדיק.

און איך גלױב, אַז אױב אַ יידיש טעאַטער לעבט און װאַקסט — קומט דערפֿאַר אַ גרױסן דאַנק דעם „בו־הו".

אַט דעמדאָזיקן אָרענטלעכן מאַסאָװן אױסדרוק.

און איך זאָג זיך: כּל זמן, מיר װעלן הערן דעם „בו־הו" אין יידישן טעאַטער, האָבן מיר נישט װאָס צו שרעקן זיך פֿאַר זײַן קיום... װײַל מיטן „בו־הו" זענען מיר זיכער, אַז אונזער פּובליקום װיל גײן אין טעאַטער, האָט ליב טעאַטער און איז פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדן מיט דער מאָראַל פֿון טעאַטער...

און אונזער בעסערער טעאַטער דאַרף אױך זען אַרײַנציען זײַן עולם אין שפּיל, דאַרף זען, אַז דאָס פּובליקום זאָל נישט זיצן שטום און קוקן, װי אַ גולם. (אפֿילו אַ קונסט־גולם איז אױך אַ גולם...).

זאָל דאָס קונסט־טעאַטער שאַפֿן זײַן אײגענעם „בו־הו", אױב אים געפֿעלט נישט דער טראַדיציאָנעלער...

דאָס װעט אַרײַנברענגען לעבן אין אונזער בעסערן טעאַטער.

עס איז צו קאַלט און כּמורנע אין אונזער בעסערן טעאַטער: מען שפּילט פֿאַר אַן עולם אָן לשון...

דאס, דאס און נישט דאס!

— אָט דאס איז טעאטער! — טאראבאנעוועץ געוויסע מענטשן, וועלכע האלטן זיך פאר טעאטער-קענער פון גאָר א נייעם מין.

הער איך עס אפט און שמייכל.

איך האב בכלל נישט ליב פסק-דינים און תּורות, וועלכע מען צווינגט אויף מיר ארויף.

מעגן זיי זיין די פיינסטע תּורות, געפעלן זיי מיר נישט.

איך וויל מיין תּורה אָננעמען פריי און אליין. שטיל, אָן דונערן און בליצן.

אָט דאס איז טעאטער!

מיין ענטפער איז: אָט דאס איז א ליגן!

באמת קען מען נישט זאָגן: דאס איז טעאטער!

נישטאָ אזא זאך, ווי עס איז נישטאָ אזא זאך, ווי: אָט דאס איז לעבן!

לעבן איז דאס און דאָס, און אפילו נישט דאס אויך...

און טעאטער איז דאס און דאס, און אפילו נישט דאס אויך.

פריער פון אלץ דארף טעאטער זיין גוט טעאטער.

און גוט טעאטער האט נישט קיין איין פּנים.

איין פּנים האט א טויטער.

טעאטער, ווי אלץ, וואָס לעבט, בייט זיך, מינעט זיך, חנדלט זיך און באווייזט זיך אין א סך פּנימער.

* *

*

עס איז דאָ אויף דער צווייטער עווענױ א ייד, א טעאטער-קענער (אזוי מיינט ער), האט ער ליב, ווען מען שמועסט מיט אים וועגן טעאטער, צו ציטירן פּלאטא, מייערכאלדן און קרעגן.

זאָג איך צו אים אמאָל: מיין ליבער ייד, ציטירט וואס ווינציקער!

מיט אציטאטע, און מעג זי זיין די געלונגענסטע, קען מען פיל נישט אויפטאָן (שפּילן גוט טעאטער אוודאי נישט).

ווייל, וואָס איז אציטאטע? אציטאטע איז אן עדות.

דו ברענגסט איין עדות און איך קען דיר ברענגען אצווייטן עדות.

דיין עדות איז אן אמת־זאָגער — מיינער אויך.

מיינער קען זיין פאַלש — דיינער אויך.

אָבער די שוישפּיל־קונסט איז נישט קיין געריכט־הויז, נאר אַ הויז פאר שפּיל.

און אַ דראַמע איז נישט קיין גט-פּראָצעס, וואו עדות און אַד־וואָקאַטן שפּילן די הויפּטראָלע.

נאר וואו גוטע שוישפּילער שפּילן.

יע, יע...

*   *

*

און נאך אַ יידן קען איך, אויך אַ טעאטער-קענער, האט ער ליב מבטל צו מאכן געוויסע אויפפירונגען מיט: „גוט — נאר אָפּגעלעבט".

שמייכל איך ווידער.

נישטאָ קיין אָפּגעלעבטע אמתן אין גוטער דראַמע!

גוטע דראַמע איז אייביקער אמת פאר זיך אַליין.

גוטע טראַגעדיע — אייביק טראַגיש.

גוטע קאָמעדיע — אייביק קאָמיש.

„איוב" און „רעוויזאָר", „פאַוסט" און „אנאטעמא".

באמת בייטן זיך די שוישפּילער און דער עולם, אָבער די אמתע גוטע דראַמע בלייבט.

*   *

*

— אי, אי, דעקאָראַציעס! זיי זענען, זיי זענען!..

איך האב ליב דעקאָראַציעס, אָבער נישט מער ווי אַ שיינעם איינבונד צו אַ בוך.

אָבער דער עיקר — וויל איך נאך אַלץ אַ גוט בוך!

מיט אַ שיינעם גאָלד־באַצוימטן און לעדער-באַרוקנטן בוך באַפּוץ איך מיין ביכערשראַנק.

אָבער מיטן גוטן אינהאַלט פון אַ בוך — באַפּוצט איך מיין נשמה.
און אַמאָל פּאַסירט מיט מיר אַזאַ זאַך: עס ווערן מיר נמאס די שיינע פּריצישע איינבונדן.
עס הייבט זיך מיר אָן דאַכטן, אַז זיי לעבן אויפן חשבון פון בוך, אַז זיי זענען פּאַראַזיטן, וואָס ווילן אויפעסן די נשמה פון דעני קער, פון דיכטער.
און איך נעם אַרויס אַ נאַקעט ביכל אָדער אַ פּשוט באַשיידן איינגעבונדן בוך.
און עס ווערט מיר אַזוי ליכטיק אויפן האַרצן.
דאָס פּשוטע בוך רעדט צו מיר בלויז מיט די ווערטער פון בוך.
און דער צירלעכער איינבונד שטערט נישט, מישט זיך נישט אַריין, פאַרשרייט נישט.

* *
*

דעקאָראַציעס! — גרויסע אַקטיאָרן דאַרפן זיי נישט, און קליינע — העלפן זיי נישט!
גרויסע אַקטיאָרן זענען גוט אָן דעקאָראַציעס און אפשר נאָך בעסער.
רודאָלף שילדקרויטן שטערן זיי.
ער האָט מיר אַמאָל אויסגעקוקט אין זיין טעאַטערל, אין די בראָנקס, ווי אַ מתער קאָרנבראָיט (100-פּראָצענטיקער), אַרומגערינגלט מיט „פּאָפּ-קאָרן".
די אַלע דעקאָראַציע-נייאיקייטן און מאָדערנקייטן דאַרף ער נישט. זיי זענען אַ שטער פאַר זיין פּשטות און ברייט-פּלייצעדיקייט.
און אויך אונזער בינה אַבראַמאָוויטש דאַרף נישט קיין דעקאָראַציעס.
זי איז ווי גוטע, היימישע, פרייטיק-צונאַכטיקע חלה.
זי איז גוט אויף דעם היימישן טיש, מיטן היימישן טישטוך.
איך לייקן נישט דעם ווערט פון די נייע דעקאָראַציעס. אָבער איך שפּרינג אויך נישט קיין קדוש פאַר זיי.
קינסטלערישע דעקאָראַציעס זענען ווי רויטע קרעלן אויף דעם ווייסן האַלז פון אַ שיינער פרוי.
אָבער די הויפּטזאַך איז דאָך נאָך אַלעמען אַלץ די שיינע פרוי.
און טאַקע איר ווייסער האַלז.

אַ שיינע פרוי קען מען ליב האָבן אָן קרעלן אויך.
אדרבה.

און אַ מיאוסער וועלן אפילו קיין קרעלן אויך נישט העלפן.

אָבער עס זענען דאָ צייטן, ווען קונסטפולע דעקאָראַציעס זענען אפילו שעדלעך אויך.

עס קומען טאַלאַנטלאָזע און באַהאַלטן זיך הינטער זיי, ווי הויז־אומאָרדענונג אונטער שפּאַנישע ווענטלעך.

ליגט אויף אַ מאָדערנער אויסגעפּאַנטאַזירטער בעט אַן אקטיאָרישער שטיק האָלץ — איז עס אַן עוולה פאַרן בעט.

זיצט אויף אַ סטיליזירטן קעניג־שטול אַ יונגערמאַן, וואָס ווייסט נישט וואָס סטיל איז אַזוינס — איז עס אַ חלול־הסטיליזאַציע.

דעקאָראַציעס יע, גוט, — אָבער זיי דאַרפן דינען דעם דראַמאַטורג און דעם אַקטיאָר — אָבער נישט פאַרקערט.

איין ראָלע און נישט מער.

אַקטיאָרן, ווי מענטשן:
זיי מיינען, אַז זיי האָבן אַ סך ראָלן אין זייער „רעפּערטואַר", אָבער אינדעראמתן נישט מער, ווי איין ראָלע...
מענטשן, ווי אַקטיאָרן, און מעגן זיי זיין ווי באַגאַבט — זענען באַשרענקט.
די רייכסטע נשמה איז אין אמתן אָרעם.
שפּילט אַ מענטש, ווי אַ שוישפּילער אַ סך ראָלן אין לעבן. ער מיינט, אַז ער שפּילט אַ סך, אי, אי, אי!... אָבער אין אמתן האָט ער נישט מער, ווי איין ראָלע...
אויף איין ראָלע טויג ער... קלעקט אים טאַלאַנט — אויף אַ סך — נישט.
אַ גרויסע צאָל מענטשן באַנוגענען זיך מיט זייערע איינציקע ראָלן אין לעבן, אַ היפּש ביסל דערהייבן זייערע איינציקע ראָלן ביז גרויס... אָבער אַ גרויסע מערהייט וויל מער ווי איין ראָלע. זיי איז ווינציק... דרייען זיי זיך, וואַרפן זיך, טאַנצן אַרום זיך אַליין, מיינען, אַז זיי שפּילן אַ סך ראָלן — אָבער אין אמתן טאַנצן זיי אַן אומזיסטן טאַנץ, און נאָך פיל אַרומטאַנצן קומען זיי צו זייער איינאונאיינציקער באַשערטער ראָלע...
אַ פאַרפישופטער קרייז...
פאַר מיר זענען איינראָליסטן די בעסטע מענטשן און שוי־שפּילער.
ווייל בעסערע מענטשן, ווי שוישפּילער, זענען פון נאַטור איינ־ראָלע־שפּילער:

איין ראָלע האָט דער טאַלאַנטפולער, אין וועלכער ער צייכנט זיך אויס, ברענגט זיך אַרויס, אין וועלכער ער ווייזט זיין גאַנצע נשמה־דייכקייט.

איך בין קיינמאָל נישט פאַרליבט אין די שפּילער פון אַ סך ראָלן.

פאַר מיר איז אַ פּיל־ראָלעדיקייט אַ סימן פון פלאַכקייט, אַ סימן פון דלות.

מענטשן, ווי אַקטיאָרן, אַקטיאָרן, ווי מענטשן. די בעסערע פון זיי האָט דער שיקזאַל אָנגעשריבן איין ראָלע.

שפּיל אָפּ אַ לעבן איין ראָלע — און ווייז דיין טאַלאַנט!

אַ גרויסע צאָל שפּילט די איינציקע ראָלע מיט פרייד. אַ סך פון זיי דענקען: מיר האָבן אַזויפיל ראָלן! מיר זענען דאָך אַזוי רייך, פאַרשידנאַרטיק און פילפאַרביק — אַ געוואַלד!

אָבער אין אמתן: איז עס איין ראָלע, אַ ראָלע, וואָס זיי ווידערהאָלן...

ס'איז דיזעלבע ראָלע, נאָר אַ ביסעלע סטיליזירט, אַ ביסעלע אָן אַ זייט און מיט אַ חנדל באַפּוצט...

דיזעלבע ראָלע, נאָר אין אַן אַנדער גרויס...

און אַז מען וויל, קען מען די ראָלע אויך אָנרופן טעמע.

מענטשן, ווי שריפטשטעלער, האָבן אין אמתן נישט מער, ווי איין אמתע טעמע.

דאָס מענטשלעכע נשמה־פידל האָט אַ סך סטרונעס, אָבער שפּילן שפּילט אַ מענטש גוט און טאַלאַנטפול, נאָר אויף איינער...

טעמע, ווי ראָלע, ראָלע, ווי טעמע...

די פילזייטיקסטע שריפטשטעלער האָבן אין אמתן נישט מער, ווי איין טעמע און אין דעם איז זייער גרויסקייט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען דאָ שריפטשטעלער, וועלכע ווילן זיך אַרויסרייסן פון דעם נעץ פון זייער איינטעמעדיקייט. זיי ווילן זיין ברייט און פילטעמעדיק, לויפן זיי, יאָגן זיך נאָך נייע טעמעס, און אָפט קריגן זיי אַרויס פון טינטער אַ סך טעמעס.

אָבער עס זענען נישט זייערע טעמעס.

זייער טעמע איז איינע, נישט מער!

איך האַלט דידאָזיקע איינראָלעדיקייט און איינטעמעדיקייט פאַר אַ מעלה און אַ ברכה.

איינטעמעדיקייט ביי אַ שרייבער — דאָס איז סטיל.
איינראָלעדיקייט ביי אַ שוישפּילער — דאָס איז נוסח.
איין גרויסע ראָלע אויף אַ גאַנץ לעבן — דאָס איז די עשירות פון אַ טאַלאַנטפולן שוישפּילער.
איין גרויסע טעמע אויף אַ גאַנץ לעבן — דאָס איז אַ געשאַנק פאַר דעם גרויסן שריפטשטעלער.
שוישפּילער האָבן ליב ציילן זייערע ראָלן און זיי שטאָלצירן מיט זייער „אַ סך"...
אָבער דאָס איז נאַיוו. באמת איז אַ סך ראָלעדיקייט נישט קיין מעלה און אַ קנאַפּע ברכה.
אַ סך ראָלן צעברעקלען, פאַרפלאַכן און ליידיקן אויס.
איין גוטע גרויסע ראָלע — איז גענוג פאַר אַ גאַנצן לעבן.
אָבער די ראָלע דאַרף זיין אַזאַ, וואָס זאָל אויסשעפּן דעם קינסטלער ביזן דעק, דורכנעמען זיין לעבן ביז דעם דינסטן סטרונע-ציטער...
אַקטיאָרן האָבן אויך ליב צו שטאָלצירן מיט דעם, וואָס מען דערקענט זיי נישט אין נייע ראָלן.... אָבער אויך דאָס איז נישט קיין מעלה און אוודאי נישט קיין סימן פון גרויס טאַלאַנט.
ס'איז גיכער אַ קונץ... מען קען עס מאַכן, די טעכניק העלפט צו...
פאַרקערט, אַ גוטן אַקטיאָר דאַרף מען גלייך דערקענען.
תּיכּף דערקענט — דאָס איז אַ סימן פון אייגענעם שוישפּיל-סטיל, פון אייגענעם בינע-נוסח.
אויך אַ גוטן שריפטשטעלער דערקענט מען תּמיד פון די ערשטע שורות.
נישט אין פאַרשטעלן זיך, אַז מען זאָל באַלד נישט דערקענען, ליגט די גבורה פון אַ שוישפּילער, נאָר פאַרקערט: מען זאָל אים יאָ גלייך דערקענען.
דערקענען גלייך און דאָך זאָגן: אוי, ווי טאַלאַנטפול ער שפּילט!
געוואַלד, ווי גרויס! געוואַלד, ווי ניי! אַלעמאָל גרויס און ניי!
דער קינסטלערישער אמת באַפעלט:
שוישפּילער, פאַרשטעל זיך — און דאָך זיי תּמיד נאָר דו!
אַקטיאָר, מאַסקיר זיך — און דאָך זאָל מען אַלעמאָל זען דיין אייגן פּנים!

זאָל מען דיך אַלעמאָל דערקענען—אָבער זאָל מען דיך אַלעמאָל פאַרגעטערן, ווי צום ערשטן מאָל.

מאָסקווין קען זיך נישט פאַרשטעלן.

שאַליאַפּינען דערקענט מען באַלד.

שילדקרויט — קען זיך נישט מאַסקירן.

און דאָך שאדט זיי עס נישט.

שוישפּילער, ווי מענטשן, דאַרפן נישט שטרעבן אויסצוצייכענען זיך אין אַ סך ראָלן. איין ראָלע, אָבער אַ טיפע, איז גענוג פאַר אַ גאַנץ לעבן.

אַן עולם אַ פּרעסער.

ווען איר קוקט זיך גוט צו, ווי אַזוי דער יידישער עולם נעמט אויף קונסט און קונץ, קומט איר צום שלוס, אַז אונזער עולם איז אַ פּרעסער...

ער האָט נאָר דאַן די פולע הנאה פון עפּעס, אויב מען גיט אים אַ סך און פעטס.

אַזוי, אַז עס זאָל רינען און אַריבעררינען.

אַזוי, אַז מען זאָל זיך קענען פאַרכלינען...

אַ גויישן טעאַטער-גייער קענט איר אָפּקויפן מיט לייכטע מאכלים, מיט שיה-פּיה, ער פאָדערט נישט קיין סך פאַר זיין געלט...

אַ ייד אָבער וויל פאַר זיין געלט אַ סך און נאָכמער...

פאַר אַ גויישן טעאַטער-גייער איז גענוג, פאַר איין אָוונט, אַ פּיטשינקע טראַגעדיעלע!

אַ ייד דאַרף האָבן אין איין אָוונט אַ גרויסע טראַגעדיע און אָפּט נישט איינע, נאָר צוויי און דריי און אַלע אין איין פּיעסע...

געבילס דערפאָלג ליגט אין דעם, וואָס ער פאַרשטייט דעם יידישן עולם און גיט אין זיינער אַ פּיעסע עטלעכע טראַגעדיעס מיט איין מאָל...

כמעט בחצי חנם...

אַ גויישן טעאַטער-באַזוכער קען מען אָפּקויפן מיט אַ פּאָר לייכטע וויצן. ער לאַכט, איז צופרידן און האָט הנאה...

דעם יידישן טעאַטער-גייער מוז מען געבן אַ פולע פּיעסע מיט וויצן. כולו וויץ, אַזוי, אַז מען זאָל בראָדזשען איבער די קני אין וויצן, אלא „פאָטאַש און פערלמוטער"...

דער הויפּט יידישער שטריך איז — אַ סך.

אַ סך מצוות, אַ סך עבירות, אַ סך טראַבעדיע, אַ סך געוויין, אַ סך וויצן, אַ סך לאַכן. האָט איר געזען, ווי אַ ייד שלאָגט זיך על חטא? פאַר אַלין און אַלעמען... פאַר אַ צעטל זינד פון פרעמדע... אָבער דער עיקר, ס'איז אַ סך שלאָגענישן...

אַ פאָלק אַ פרעסער! אַ גוי איז גענוג צו „עסן" טעאַטער צוויי שעה.

אַ יידן איז דריי און אַ האַלבע אויך ווינציק.

אַ סך, אַ סך!

און חוצן סך האָט אַ ייד ליב, מען זאָל אים נאָך צוואַרפן, צוגיסן, געבן אַ הכרעה. אַ ייד איז פאַרליבט אין צולאָג מער, ווי אין דער „קניה" גופא...

און דערפאַר צווינגט דער יידישער עולם דעם טענצער, ער זאָל טאַנצן און איבערטאַנצן, ביז חלשות.

און דערפאַר האָט ער ליב, אַז זיין זינגער אין דער אָפּערעטע זאָל איבערזינגען ביז הייזעריקייט...

אים אַרט נישט אַפילו דער פאַלשער טאָן, דער עיקר—ער זאָל נעמען דעם העכסטן קוויטש...

און דערפאַר איז דער יידישער עולם אַזוי שטאַרק פאַרקאָכט אין „ענקאָר".

גיב נאָך און נאָך.

און דער עיקר, ווייל דאָס איז אומזיסט, נישטאָ אויף דעם פּראָגראַם...

דאָס, וואָס זיי קריגן אַרויס ביים אַקטיאָר, אָדער פידל-שפּילער, חזן און זינגער אומזיסט, איז ביי זיי טייערער, ווי אַלץ...

דאָס איז אַ מציאה... גלייך ווי געפונען...

איצט, ברודערל, אַז דו האָסט מיר געגעבן אַזויפיל „ענקאָרס", איז מעגלעך, אַז דו האָסט מיך שוין נישט אָפּגענאַרט!...

אַ ייד האָט שטענדיק מורא, מען זאָל אים נישט אָפּנאַרן.

און אים שטייט עס פשוט נישט אָן — אים, דעם חכם, זאָל מען אָפּנאַרן!

אים, דעם סוחר און מבין אויף אַלע מינים סחורות, פאַרנאַרן!...

ניין! ניין!...

און נאָך אַ כאַראַקטער-שטריך האָט דער יידישער עולם, ער וויל, אַז זיינער אַ קינסטלער זאָל אַרבעטן.

און אַרבעטן מיינט ביי יידן — שווער, אַ סך האָרעווען...

יעדער ייד איז אַ מבין אויף יענעמס אַרבעט און ער לאָזט זיך נישט נאַרן...

לייכטע אַרבעט אויף דער בינע האָט אַ ייד נישט ליב...

דאָס מיינט—מען נעמט אים אויף זיכער...

לייכט שפּילן, שפּילעוודיק שפּילן, שפּילן צוליב שפּילן, דאָס באַנעמט נישט אַ יידישער טעאַטערגייער...

דאָס מיינט ביי אים — אַרויסוואַרפן געלט אומזיסט...

און געלט אַרויסוואַרפן איז אַן עבירה.

דו ווילסט, ברודערל, מיין געלט, טאָ האָרעווע, שוויץ, אַרבעט מיט די זייטן...

לייכט אַרבעטן קען איך אַליין אויך...

און פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויסגייענדיק, ווערט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אַ ייד האָט בעסער ליב טראַגעדיע, מעלאָדראַמע, ווי קאָמעדיע און לייכטן · שפּיל.

ביי טראַגעדיע דאַכט זיך דעם יידן אויס, אַז דער שוישפּילער אַרבעט שווער, ווייל ער שרייט דאָך, וויינט, רייסט זיך ביי די האָר, חלשט און פאַלט אָפּט אַ טויטער...

אָט דאָס הייסט געאַרבעט!

אָבער ביי קאָמעדיע? אויך מיר אַן אַרבעט? אַרומגיין און זאָגן וויצן איז אַן אַרבעט? דאָס קען ער דאָך אַליין...

וועלכער ייד קען עס נישט?

און דערפאַר האָט אַ יידישער טעאַטערגייער פיינט גלאַט אַן אָפּערעטע, ווי ביי די גויים.

ביי אים אַן אָפּערעטע מיינט אויך מעלאָדראַמע און האַרץ-רייסעניש, און דראַמע און טראַגעדיע. עס זאָל זיך טאָן, עס זאָל זיך קערן אַ וועלט...

ווייל, אויך דאָס אייגענע, וואָס אַרט עס אים, אַז פאַר דאָס-זעלבע געלט קריגט ער נאָך עפּעס?...

און זיצט אַ ייד ביי ריינער דראַמע, וויל ער געזאַנג אויך, און לידלעך אויך...

ווייל וואָס הייסט עפּעס אָן לידלעך, עס קאָסט דאָך געלט?!

און אָן קלעזמער אין אָרקעסטער האַלט אַ יידישער טעאַטער-גייער דעם טעאַטער פאַר גאָרנישט.

מען נאַרט אים אָפּ...

וואָס הייסט, אומעטום קלעזמער און דאָ נישט?

אי, דאָ דאַרף מען עס נישט, דאָ איז ריינע דראַמע — אַרט עס אים נישט...

וואָס הייסט מען דאַרף נישט? מען דאַרף יאָ! איך דאַרף יאָ!...

יידן פאַרפייניקן זייערע קינסטלער מיט זייער פאָדערונג פון אַ סך און אַ סך.

און דערפאַר ווערן אונזערע שוישפּילער-זינגער אין די יונגע יאָרן שוין שטימענלאָז.

און דערפאַר בלייבן אונזערע אָפּערעטע-העלדן פאַר דער צייט אָן פּיס...

און דערפאַר קוקן אונזערע שוישפּילער אויס אַזוי מיד...

מען פאַרמוטשעט זיי מיט „ענקאָרס", מיט פאָדערונגען פון אַ צוגאָב...

אמת, פון דער צווייטער זייט זשאַלעוועט דער ייד אויך נישט קיין אַפּלאָדיסמענטן.

וואו אַ גוי אַפּלאָדירט איין מאָל, אַפּלאָדירט אַ ייד צען מאָל...

אויך דאָ פאַרפעלט נישט דער ייד זיין ליבלינג: דעם אַ סך...

איז טאַקע דאָס — דאָס איינציקע, וואָס עס דערהאַלט אונזערע שוישפּילער ביים לעבן...

די סך אַפּלאָדיסמענטן באַצאָלט זיי פאַר דעם סך, וואָס מען קריגט פון זיי אַרויס...

און פאַרוואָס קאַרגט נישט אַ ייד קיין אַפּלאָדיסמענטן? פּשוט: דאָס איז, ווייל עס קאָסט אים נישט קיין געלט... אַז עס קאָסט גאָר-נישט, פאַרוואָס זשאַלעווען נאָך אַפּלאָדיסמענטן?

דער עלעקטריק-שטול.

בנאמנות, איך ווייס נישט, פאַרוואָס מען מאַכט ביי אונז נישט אַ מעלאָדראַמע פון אַן עלעקטריק-שטול. אַ פּיעסע, וואָס זאָל זיך אָפּשפּילן אַרום דעמדאָזיקן באַרימטן שטול.

מען קען עס דאָך אַזוי גרינג מאַכן!

און די פּיעסע קען דאָך האָבן אַ מוראדיקן דערפאָלג. ווייל זי קאָן דאָך איבערשטייגן אַלע מעלאָדראַמעס אויף דער יידישער בינע אין טראַגיזם און פּאַטאָס.

ווייל איר שפּילט זיך מיטן עלעקטריק-שטול?

שוין דער שטול אַליין קאָן אויפטאָן וואונדער, שוין ער אַליין איז גענוג פאַר אַ מעלאָדראַמע.

שטעלט זיך פאָר: עס הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג און אויף דער בינע שטייט דער עלעקטריק-שטול אַליין, בכבודו ובעצמו.

דאָס וואָלט דאָך געווירקט, ווי אַ כישוף, ווי להבדיל דער זיידע פון יענער וועלט... עס וואָלט דאָך אָנגעוואָרפן אַ מורא און דער עולם וואָלט זיך גלייך צעכליפּעט.

און נאָכדעם איז שוין נישט וויכטיק, וואָס מען וואָלט גע-שפּילט...

נאָר אַז מען וויל, קען מען אַרום דעם עלעקטריק-שטול מאַכן אַ גאַנצע מעלאָדראַמע אויך. אָט וואַרף איך אָן בלויז דעם סיוזשעט:

אַ פרימאָרגן, הערבסט. אַ האַלבע שעה פאַר דער הינריכטונג. מען דאַרף זעצן אויפן עלעקטריק-שטול אַ יונגן פאַרברעכער. דער יונגערמאַן איז שוין גרייט און דער גלח אָדער רב איז שוין אויך דאָ...

און דאָ געשעט אַזאַ זאַך: פּלוצלונג, אינמיטן „ווידוי" פון דעם פאַרברעכער, בויגט זיך דער יונגערמאַן אָן צום גייסטלעכן

און דערקלערט אים, אַז ער איז אַ זון פון דעם וואָרדען פון סינג-סינג *), און ער איז אַנטלאָפן פון דערהיים אַלס יינגל נאָך... און ער האָט דעם טאַטן גלייך דערקענט, נאָר ער האָט אים נישט געוואָלט מצער זיין... ווערט דער גייסטלעכער מטושטש און ער לויפט גלייך אַריין צום וואָרדען און פאַרטרויט אים דעם סוד, און יענער לויפט גלייך צום פאַרמשפטן אין צימער און דערקענט אים. עס איז טאַקע זיין זון... זיי פאַלן זיך ביידע אויף די העלזער און מען וויינט, און מען יאָמערט...

איז דאָס געווען טראַגעדיע, צי נישט — פרעג איך אייך?

און דאָ דערנענטערט זיך די צייט פון דער הינריכטונג. אַ גרויסער זייגער אויף דער בינע צרום דעם עלעקטרישן שטול ווייזט אָן די מינוטן. און וואָס זאָל דער אַלטער וואָרדען טאָן? איך פרעג אייך: וואָס זאָל ער טאָן?

מען דאַרף ראַטעווען דעם זון, אָבער ווי אַזוי זאָל ער ראַטעווען זיין זון? באַלד דאַרף דורכגעפירט ווערן דער משפט, דער הענקער קומט גלייך... און וואָס טוט מען? — דער גאָווערנאָר האָט אָפּגעזאָגט אין באַגנעדיקונג...

דאָ איז אַ קאַמף צווישן געזעץ, פליכט און פאָטערליבע.

און דער זון בעט זיך ביים פאָטער: ער זאָל נישט וויינען! פאַרפאַלן! זאָל מען דורכפירן דעם אורטייל...

און דאָ קומט אַריין דער הענקער... און עס געשעט נאָך אַ גרויסער וואונדער: דער הענקער דערקענט אין יונגנמאַן זיין איידעם, וועלכן זיין טאָכטער האָט שוין אָפּגעקלאָגט אַלס טויטן סאָלדאַט אין פראַנקרייך, און וועלכן זיין טאָכטער קען נאָך עד היום נישט פאַרגעסן און אויך ער, דער הענקער, האָט ליב געהאַט דעם יונגנמאַן. אַ געוואַלד... און מען פאַלט ווידער אויפן האַלז און מען וויינט...

און איצט ווערט דער פּראָבלעם נאָך שטאַרקער: וואָס טוט מען? און דער זייגער רוקט זיך... רוקט זיך... די הינריכטונג דאַרף באַלד געשען... טאַקע אָט-אָ, שוין, באַלד...

און ביידע מחותנים האַלטן אָפּ אַן אַסיפה צווישן זיך (און דער גאַנצער עולם אין טעאַטער איז אויך אויף דער אַסיפה). און עס בלייבט ביי זיי, אַז דער הענקער זאָל זיך אָפּזאָגן צו זעצן אויפן עלעקטריק-שטול זיין איידעם.

---

*) אויפזעער פון דער ניו-יאָרקער טורמע.

און דער וואָרדען זאָל טעלעגראַפירן צום גאָווערנאָר וועגן דעם...
און דערווייל וועט די היגריכטונג ממילא אָפּגעלייגט ווערן...
און אַזוי טוען זיי טאַקע (דעם עולם גייט אַרונטער אַ שטיין פון האַרצן).

איין מחותן אַנטזאָגט זיך און דער צווייטער טעלעגראַפירט צום גאָווערנאָר וועגן דעם גאַנצן ענין.

און דער גאָווענאָר פאַראינטערעסירט זיך מיטן מאָדנעם צופאַל.

און ער קומט אליין אין סינג-סינג זיך דורכשמועסן מיטן טאַטן און זון און שווער...

און דאָ געשעט ווידער אַ וואונדערלעכע פּאַסירונג:

דער אַלטער גרייזגראָער גאָווערנאָר דערקאָנט אין דעם הענקער זיינעם אַ פאַרלאָרענעם זון... מיט יאָרן צוריק, און וועלכן ער האָט שוין 40 יאָר נישט געזען...

דאַן מיינט עס, אַז דער גאָווערנאָר איז גאָר אַ זיידע צום פאַרמשפּטן מערדער.

און עס פאַרשטייט זיך, אַז דער זיידע נעמט גלייך ווידער איבערקוקן דעם פּראָצעס און ער שרייבט אונטער אַ באַגנעדיקונג... (און דער עולם אַפּלאָדירט).

און דאָ קומט אַריין דעם הענקערס טאָכטער און זי צעקושט זיך מיט איר „געשטאָרבענעם מאַן", שווער און זיידע... אך, אך, אך!..

— — — — — — — — — — — — — — —

איך גלויב, אַז אַזאַ מעלאָדראַמע האָט נאָך די יידישע בינע נישט געהאַט.

טעאַטער-דירעקטאָרן! מיין טעלעפאָן איז פאָרדהעם 5780...

דאָס איז דער פּאַרפאָסער.

גאַנץ אָפּט מאַכט זיך עס מיר צוצוקוקן:

מען שפּילט אַן אָפּערעטע, אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע, ווי מען רופט עס. מען שפּילט, מען זינגט, מען טאַנצט און גיכער פון אַלץ — מען פאַרשפּילט דאָס גרויסע קינד, דאָס פּובליקום.

מען שפּילט, און דאָס פּובליקום איז באַגייסטערט, אים געפעלט עס. דאָס פּובליקום אַפּלאָדירט הייס, מיט חשק. דער פּאָרהאַנג פאַלט, דער פּאָרהאַנג הייבט זיך. עס קומען אַרויס די שוישפּילער, איין מאָל, באַכאַמאָל. און אָט קומען זיי שוין אַרויס מיט אַ מאַן אין „ציווילע קליידער". דער מאַן שטייט צווישן די שוישפּילער, אַזוי אומבאַהאָלפן, בויגט זיך, אָבער זייער שעמעוודיק.

— ווער איז דאָס דער מאַן? — הערט מען פון אַלע זייטן.

— דאָס איז דער פּאַרפאָסער! — זאָגט עמעצער, אַן אַלצ־ווייסער.

— דער פּאַרפאָסער? אַזוי? ווי רופט מען אים?

און דער אַלצ־ווייסער רופט אָן אַ נאָמען, וועלכן קיינער קען נישט.

און איך קוק אויף דעם אומבאַקאַנטן פּאַרפאָסער און פאַרשיידענע געדאַנקען בליצן דורך מיין מוח:

— דער פּאַרפאָסער!

דאָס איז ער? מאָדנע, אַ פּאַרפאָסער — און קיינער קען אים נישט, קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום, קיינער דאַרף אים נישט.

אָט שטייט ער צווישן די שוישפּילער און ער קוקט אויס, ווי אַן אָרעמאַן אויף אַ נגידישער חתונה. דאָס פּובליקום פרייט זיך,

דאָס פובליקום האָט ליב זיינע אַקטיאָרן, קען זיי אַלעמען ביי די נעמען. ווייס וואָס זיי קענען. אָבער דעם פּאַרפאַסער קען עס נישט.

און ס׳איז, קלער איך, אַן עוולה. דער מענטש איז דאָך עפּעס דער פאַרפאַסער! אָן אים וואָלט דאָך — — —

אָבער דאָ כאַפּ איך זיך און פרעג: וואָס וואָלט דאָך? און איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן.

טאַקע, וואָס וואָלט דאָך?

עס וואָלט אָן אים קיין אָפּערעטע נישט געווען? עס הייבט זיך נישט אָן! אמת, די אָפּערעטע האָט דאָך אַ פּאַרפאַסער, אָבער וואָס האָט ער דאָ פאַרפאַסט ווייס איך נישט. איך הייב זיך אָן צו פּאַנאַנדערפלאָנטערן אין דעם כאַאָס פון שפּיל, און איך זע דאָרט נישט קיין פּאַרפאַסער. איך קריך אום צווישן טענץ און קופּלעטן, מוזיק און עפעקטן, איך זע אָבער נישט דעם פּאַרפאַסער. וואָס האָט דאָ דער פּאַרפאַסער געגעבן? דאָס ביסעלע פרישקייט און נייקייט האָט טיילווייז געגעבן דער קאָמפּאָזיטאָר און טיילווייז דער קופּלעטנמאַכער, אַ היבש ביסל די טענצער און די שוישפּילער אַליין, און אויך די דעקאָראַציעס.

אָבער צו אַלדי גוטע יאָר, וואָס האָט דאָ דער פּאַרפאַסער מחדש געווען?

און איך הייב אָן ווערן ברוגז אויף דעם פּאַרפאַסער. אַ מענטש קומט און מאָנט כבוד פאַר גאָרנישט! אַ קאָמישער פּאַרשוין, עפּעס אַ פאַרשלעפּטע קרענק פון טעאַטער. אַ מין שותּף צו אַ שדכן, אַ ייד, וואָס האָט געזען אַ שדכן רעדנדיק אַ שידוך, האָט ער זיך אויך צוגעטשעפּעט צום „מסחר" און בעט רח"ש.

און איך באַוואונדער די „פיינקייט" פון די טעאַטער־באַלעבאַטים: פיינע מענטשן, בנאמנות, נעמען אַ פּרעמען יידן און שטעלן אַרויף זיין נאָמען אויף אַן אָפּערעטע, וואו ער האָט גאָרנישט. קענען זיי דען נישט מאַכן קיין אָפּערעטע אָן אים?

דאַכט זיך, אַז דער מוזיקער און די טענצער און די שוישפּילער און דער קאָמיקער מיט דער עלעקטרישער באַלייכטונג זענען שוין געווען איינגעהאַלט פאַר אַן אָפּערעטע.

הייבט וואו איז דער קאָרב, אָדער דאָס אייוועלע אָדער דער קירבעס? צוגין זעצט מען אַריין די סטאַריכע און זי שפּרינגט אַרויס— און עס איז שוין דאָ אַ האַלבע אָפּערעטע.

און די סאָלדאַטן, אָדער די מאַטראָזן, אָדער די ציגײַנער, אָדער די כינעזער, יאַפּאַנעזער און קאָזאַקן זענען דאָך שוין אויך אַ האַלבע אָפּערעטע.

דאַרף דען אַזאַ אָפּערעטע אינהאַלט? אַ זונג פון ליבע, אַ ביסל רוסישע טענץ. אַ רוסיש לידל אומבאַדינגט. הײַנט זידלען דעם טאַטן אויך אומבאַדינגט. און דערצו די פעטע יידענע, וואָס קושט זיך מיט יעדן. אוודאי מוז זי אויך זײַן. און דער אַלטער ייד מיט זײַן לחיים, און דער ייד, דער שלימזל, אוודאי און אוודאי.

און איך זאָג זיך: יאָ, יאָ, דער פּראָפעסאָר קומט טאַקע אַרויס אומזיסט זיך נויגן. קיינער דאַרף אים דאָ נישט און וויל אים דאָ נישט, און אַז מען וויל זאָגן, איז עס אַ שטיקל חוצפּה אויך. אַ מענטש האָט גאָרנישט געטאָן. אַ מענטש קען אַליין נישט זינגען, נישט טאַנצן און נישט שרײַבן און גיב אים כּבוד!

און איך קוק אויפן פּראָפעסאָר, ווי ער שטייט אַזוי אויף דער בינע און איך דערמאָן זיך, ווי אַזוי מען מאַכט אָפּערעטקעס. אַ מענטש מאַכט אַ מעלאָדראַמע, די געוויינלעכע מעלאָדראַמע. ברענגט ער זי אין אָפּערעטן-טעאַטער, נעמט מען זי בײַ אים און מען שנײַדט זי צו פאַר אַן אָפּערעטע.

מען שנײַדט אַזוי, אַז פון דער פּראָפעסעכץ בלײַבט גאָרנישט.

און ווײַבאַלד אַזוי, איז דאָך דער מענטש גאָר אַ מאַרטירער! ער לאָזט שנײַדן זײַן קינד! אמת, דאָס קינד איז נישט קיין גערעאָטנס, אָבער פאָרט איז עס דאָך אַ קינד. און דערפאַר קומט אים שוין יאָ עפּעס: געלט, אַפּלאָדיסמענטן און כּבוד.

און איך קוק אויף דעם פּראָפעסאָר, ווי ער שטייט דאָ אַזוי אויף דער בינע צווישן די אַקטיאָרן און ער קוקט מיר אויס ווי אַן „אבל", נעבעך. יאָ, יאָ, עס איז נישט קיין פּראָפעסאָר, נאָר אַן „אבל": ער האָט געהאַט אַ קינד און מען האָט עס צעשניטן.

און ס'איז אַזאַ רחמנות צו קוקן אויפן „טאַטן", אַזאַ רחמנות...

אָן אַ מאַמע.

צום שלוס פון סעזאָן ווילט זיך שטעלן איינס קעגן אַנד׳ערן: אונזער יידיש טעאַטער קעגן זייערן און פאַרגלייכן.

איך טו עס אויף מיין אופן. איך כאַראַקטעריזיר עס אַזוי:

זיי און מיר.

זיי שפּילן טעאַטער אין גוט געניייטע ראָקן און אַפּילו דער קלענסטער אַקטיאָר מוז אומבאַדינגט דערשיינען אין גוט געפּרעסטע הויזן, און אומבאַדינגט מיט אַ קנייטש.

ביי זיי שפּילט דער שניידער אַ גרויסע ראָלע אינם שפּיל.

ביי אונז נישט.

ביי אונז איז מען נישט מקפּיד אויף די מלבושים, אונזער שפּיל־מאָטאָ איז: וואָס מער צעקנעפּלט און צעקנייטשט! וואָס מער וואַרפן מיט די פּאָלעס. און די הויזן? ווער קוקט אויף די הויזן, דער עיקר איז אַן אָפן הארץ.

ביי אונז שפּילט דער שניידער אַ גרויסע ראָלע אין שטרייקן און רעוואָלוציעס, אָבער נישט אויף דער בינע.

זיי שפּילן מערסטנס מיט געשולטע שטימען.

זייערע שטימען קומען דער גרעסטער טייל אַרויסגעזייט צווישן די ציין. און די גרעסטע טיפקייט זייערע קומט נישט טיפער פון שלונג־אָרגאַן.

מיר שפּילן הייזעריקלעך, אָבער אונזערע שטימען קומען דער־פאַר פון דער טיף, פון נשמה־אָפּגרונט.

זיי שפּילן מערסטנס, ווי „דזשענטללייט" אפילו אויסוואורפן. קאַלט איז זייער שפּיל. אפילו אין די גרעסטע טראַגעדיעס זאָגן זיי „פּסוקים"... וואָס איז דאָ צו קאָכן זיך?

בײַ אונז פֿײַערט מען שטענדיק, און מען רײַסט זיך צו טראַגיזם, אַפֿילו ווען מען שפּילט בורלעסק.

אונזער דראַמאַטישער שפּיל איז פֿול מיט פּגימות — נאָר ער איז מענטשלעך.

זײַער דראַמאַטישער שפּיל איז אויסגעהאַלטן — נאָר ער איז אַזוי ווײַט פֿון מענטשן.

אונזער מעלאָדראַמע און זײַערע:

בײַ אונז געווײן, אַ צעטרײַסל פֿון אַלע יסודות, און מאָראַל פֿון מוסרניקעס.

בײַ זײ לײַכטזיניקער פּלאָנטער, קינאָ־טיפֿקײט און מאָראַל פֿון אַ פּאָליציימאַן.

אָבער דער גרעסטער אונטערשיד פֿון זײ און אונז אויף דער בינע איז אין מאַמעשקײט.

בײַ אונז — די מאַמע אַלץ.

בײַ זײ — גאָרנישט.

בײַ אונז לײַדט דאָס טעאַטער פֿון צופֿיל מאַמע.

זײַער טעאַטער איז ווי אַן אונטערגעוואָרפֿן קינד.

אין אונזער אַ מעלאָדראַמע זענען גנבים אויך קינדער, פּאַר־פֿירטע, שלעכטע קינדער.

בײַ זײ — דזשענטללײט אָן טאַטע־מאַמע, ווי געבוירן געוואָרן אויפֿן גאַס...

בײַ אונז, ווען אַ מײדל אויף דער בינע פֿאַלט אַרײַן און ווערט פֿאַרפֿירט, איז דאָ אַן אויג, וואָס היט זי, שפּירט איר נאָך, וויל זי ראַטעווען. אויב נישט קײן מאַמע, איז אַ טאַנטע, אַן אָנקל.

און בײַ זײ גאָרנישט, ווי פֿון אַ שטײן.

דאָס מײדל מעג פֿאַרפֿירט ווערן עטלעכע יאָר כּסדר אויף דער בינע, און קײן מוטער קומט נישט.

און קײן קרוב אַפֿילו נישט.

בכלל אונטערשײדט זיך זײַער „אונטער־וועלט" קנאַפּ וואָס פֿון דער „אויבער־וועלט."

דאָ ווי דאָרטן, — ביזנעסמעסיק, אַזוי איז די האַנדלונג און אַזוי דאָס שפּיל.

און די מאָראַל אויך אַ גראָשענע.

און זייער עולם קוקט צו אַ מעלאָדראַמע, פונקט ווי ער לייענט אַן אילוסטרירטע צייטונג.

נייגעריק צו סענסאַציע נישט מער.

אונזער מעלאָדראַמע איז שונד, אָבער שונד איז דאָס פאַרפירטע און איבערגעפירטע קינד פון דראַמע...

זייער מעלאָדראַמע איז קאַלטע כראָניק, טעכניש-קרימינעלע סענ־סאַציע, אילוסטרירטע נייס געשפילט פון אַקטיאָרן.

און וואָס איז ערגער?

דאָס איינציקע, וואָס זייער מעלאָדראַמע דערמאַנט אָן אונזערער, איז אין „קוועטשן".

אויך אין זייער מעלאָדראַמע קוועטשט מען („סקוויז מי, דיער!").

אפנים, אַז דאָס, איז דאָס איינציקע, אָן וואָס די מעלאָדראַמע קען זיך נישט באַגיין ביי קיין אומה ולשון.

נאָר אויך דאָ איז פאַראַן אַ שטיקל שנוי אין יידישן און ענגלישן נוסח: ביי זיי קוועטשט מען אין פראָזע און ביי אונז מערסטנס אין גראַמען. פאָרט אַ פּאָעטיש פאָלק.

צווישן טאָג און נאַכט.

זיצט אַנטקעגן מיר מײַנער אַ באַקאַנטער, אַ פײַנפילנדיקער סקעפּטיקער און ער רעדט:

— איר זאָגט, אַקטיאָרן איז גוט: אַ פרײלעך לעבן, בינע־לעמפּלעך, כבוד, אַפּלאָדיסמענטן. איך זאָג אײַך אָבער, ס'איז נישט ווערט... מקנא זײַן איז זײ אוודאי נישטאָ וואָס. איך וועל אײַך באַווײַזן, אַז דאָס לעבן פון אַ שוישפּילער איז אַן אומזין, אַ ווילדער אומזין...

נאָך מײַן מײנונג האָבן שוישפּילער קײן טאָג און נאַכט נישט, האָבן פאַרלאָרן דעם זין פאַר טאָג און נאַכט, און אָן אַ נאַכט און אָן אַ טאָג האָט דען אַ זין דאָס לעבן? ווײַל צו וואָס איז געגעבן געוואָרן די נאַכט? צוליב רו, שלאָף און ווידערגעבורט. אָבער שוישפּילער ווײסן נישט דערפון. זײ פאַרשפּילן זײערע נעכט. זײ גײען קעגן דער נאַטור.

און צו וואָס איז געגעבן געוואָרן דער טאָג? צוליב מעשים און וואַכזאַמקייט, אָבער שוישפּילער ווײסן נישט דערפון: זײ פאַרשלאָפן זײערע טעג.

און וואָס בלײַבט אַן אַקטיאָר? — דער בין השמשות. דער צווישן טאָג און נאַכט. און אַזאַ לעבן טויג נישט.

עס איז אַ לעבן אָן אַ זין און אָן אַ זון...

אַ שוישפּילער זעט ווינציק וואָס די זון און דערפון נעמט זיך זײַן שרעקעדיקײט.

קײן קינסטלער ציטערט אַזוי נישט פאַר זײַן גורל, ווי אַ בינע־קינסטלער.

און דאָס איז—ווייל ער איז אַזוי העפטיק פאַרבונדן מיט דער נאַכט...

און נאַכט באַטייט: פון יעדן ווינקל שאָטנס, טונקלקייט און שרעק...

ניין, מיר געפעלט נישט דאָס בין־השמשות־לעבן פון אַ שוי־שפּילער.

עס איז נישט קיין שלאָפן און נישט קיין וואַכן. עס איז אַ מין בלאָנדזשעניש...

און אויך דאָס ביסעלע וואַכזאַמקייט, וואָס בלייבט זיי צווישן טאָג און נאַכט, גייט לאיבוד.

זיי גיבן עס אַוועק אויף אויסצוחזרן פרעמדע ווערטער.

און דאָס איז אַן אומגליק!

ווייל יעדער מענטש האָט זיין אייגן וואָרט, מער אָדער ווייניקער. ער לעבט מיט אים, לייגט אין אים אַריין זיין בלוט, זיין רעגונג, דאָס וואָרט דרינגט דורך דעם מענטשנס גאַנצן וועזן.

אַפילו דער איינפאַכסטער מענטש האָט זיין אייגן וואָרט. פלאַך, קליין, אָבער זיינס... נאָר דער שוישפּילער האָט קיין אייגן וואָרט נישט. ער קייט ביז איבל פרעמדע ווערטער. ער קוויקט זיך מיט פרעמדע חכמות און נאַרישקייטן ביזן טויט אַריין.

איז דאָס אַ לעבן?

איך זע אַן אַקטיאָר אַזוי: יעדער אַקטיאָר גייט אַרום און זוכט. וואָס זוכט ער?

ער זוכט כבוד, פאַרקניפּונג מיט דער אייביקייט, אָבער מער פון אַלץ זוכט ער זיין אייגן וואָרט, וואָס איז אים פאַרלאָרן געגאַנגען...

ער זוכט און קען אים נישט געפינען, ווייל לעבנדיק מיט פרעמדע ווערטער, האָט ער פאַרלאָרן זיין אייגענעם.

דער אַקטיאָר ווייסט נישט, אַז ער זוכט זיין אייגן וואָרט, אומבאַוואוסטזיניק טוט ער עס, און דאָס איז נאָר טראַגישער...

אַ מענטש וויל אַ גאַנצן לעבן קומען צום אויסדרוק, צום אייגענעם וואָרט — און קען נישט.

שטענדיק שטייט אים אין וועג דער פּראָפעסאָר, דער סופלאָר און דער רעזשיסער...

טראַגיש...

און דערפאַר איז מיר אַלעמאָל אומעטיק מיט אַקטיאָרן.
איך פיל זייער לײדיקייט, זייער פאַרגענגלעכקייט.
אַן אַקטיאָר קוקט מיר אויס אין דערזעלבער לאַגע פון דעם אַפּלאָדיסמענטן נאָך וועלכן ער הונגערט אַזוי:
ער פאַרקלינגט, פונקט ווי ער.
ער איז אַ געבורט פון אַ באַהעפטונג פון פרעמדע הענט...
ער איז אַן עכאָ, וואָס קלינגט געשמאַק און אַנגענעם נאָר פאַר דער מינוט, אָבער נאָכדעם גייט זיך אים אין דער פוסטקייט פון זאַל, פון רוים, פון אייביקייט!..
מיר איז אַלעמאָל אומעטיק מיט אַקטיאָרן, כאָטש זיי ווילן זיין אַזוי פריילעך.
און איך האָב אויף זיי מיטלייד.
פאַרוואָס איז אויף אַ מענטשנס גורל אויסגעפאַלן אַזאַ פאַר-גענגלעכקייט?
איך וואָלט נישט געוואָלט זיין קיין אַקטיאָר.
היינט וואו איז דאָס פאַרשטעלן זיך, דאָס אייביקע פאַרשטעל-עניש און דאָס גרימירן און פאַרבן זיך און אָנטאָן זיך אין פרעמדן לייב?
אַ מענטש האָט אַן אייגן לייב, אַן אייגענע נשמה — און דאַרף זיך פאַרלירן אין אַ צווייטנס...
אַ מערקווירדיקע אויפגאַבע, אַ נאַרישע און אַ טראַגישע, אַפילו ווען זי איז קאָמיש...
— איך וואָלט נישט געוואָלט זיין קיין אַקטיאָר.
היינט די פאַרשוועכונג! שוישפיל איז פאַר מיר אַ קונסט פון כסדרדיקער פאַרשוועכונג.
ווי אַזוי? — אָט ווי אַזוי:
עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ זאַך, ווי ליבע. יאָ הייליק, נישט הייליק, אָבער אינטים איז זי...
קומט דער אַקטיאָר און מאַכט דערפון אַ שפּיל פאַרן עולם. ער ליבט זיך און קושט זיך פאַר דעם ליכטיקן זאַל.
ער מאַכט דערפון אַ קאַריקאַטור. מערסטנס אַ קאַריקאַטור.
ווייל ווי ריין און איידל און אָפּגעהיט מען זאָל נישט שפּילן ליבע אויף דער בינע, — מוז עס זיין אַ קאַריקאַטור.

ווייל ליבע האָט בטבע נישט ליב קיין עולם, נישט ליב קיין פרעמדע אויגן.

אַ שוישפּילער האָט סתם נישט קיין דרך ארץ פאַר קיין הייליקטימער.

ווייל ער ווייסט דעם סוד פון זיי: ער גרימירט זיי אַליין...

אַ שוישפּילער האָט אַפילו נישט קיין אָפּשיי פאַרן טויט.

ווייל ער שטאַרבט דאָך אַזוי אָפּט אויף דער בינע און אַזוי גרינג. און אַזוי קאַריקאַטוריש...

— יאָ, מיין פריינט,—האָט מיין באַקאַנטער, דער פיינפילנדיקער סקעפּטיקער, געענדיקט,—איך וואָלט נישט געוואָלט זיין קיין אַקטיאָר, איך וויל נישט פאַרלירן מיינע טעג און נעכט... עס איז אַן אומזין, אַן אומזין!

באָרד און פּאַטשיילקע.

וועגן אַלץ שרייבט מען ביי אונז אין שייכות מיטן יידישן טעאַטער, אָבער זייער ווינציק וועגן באָרד און פּאַטשיילקע און זייערע ראָלן אויף דער יידישער בינע.

באָרד און פּאַטשיילקע!

ווי מיר דאַכט, זענען באָרד און פּאַטשיילקע די הויפּטזיילן, אויף וועלכע עס שטיצט זיך דאָס יידישע טעאַטער.

באָרד — דאָס איז אייגנטלעך דער יידישער טעאַטער. נעמט אַוועק די באָרד און עס בלייבט הויל, נאַקעט, אַ טאַלאַנטלאָזע מאָרדע, אָפּט מיט פּרישטשעס...

מיט אַ באָרד, דאַכט מיר, קענען כמעט אַלע ביי אונז שפּילן טעאַטער: יונג און אַלט. טאַלאַנט און טאַלאַנטלאָזיקייט. די באָרד גיט אונזערע מאַנסבילשע שוישפּילער כּוח גבֿרא, פאַנטאַזיע, מוט און אַלץ, וואָס מען דאַרף צו שפּילן און נושא חן זיין.

אָן אַ באָרד אָבער — איז ביטער.

באָרדלאָזע העלדן שפּילט מען ביי אונז אַממערסטן נאָך זייער שלעכט. עס פעלט שלימות, עס פעלט דערביי „וואָס אָנצונעמען", עס פעלט דער „פּאַרטוך" אויפן פּנים...

דאָס יידישע טעאַטער האַלט זיך נאָך דערווייל אויף דער באָרד.

אַלע געלונגענע געשטאַלטן, וואָס מען האָט ביז איצט געשאַפן אויף דער יידישער בינע, זענען באָרד-געשטאַלטן, יידן מיט בערד.

אַלע ליבהאָבער אויף דער יידישער בינע זענען שוואַך אין ליבע, — און דאָס איז, ווייל מען מוז זיי שפּילן אָן בערד...

אַלע יונגע מענטשן אין אונזער רעפּערטואַר זענען שאָטן-געשטאַלטן, האָבן קיין פּנים נישט — ווייל זיי זענען באָרדלאָז...

פירשטן קען מען ביי אונז נישט שפּילן, ווייל מען מוז זיי שפּילן געגאָלט, אייראָפּעיש, גויִיש, אַריסטאָקראַטיש.

גלחים שפּילט מען שוין ביי אונז אַ ביסל בעסער — ווייל אויך זיי שפּילט מען מיט בערד.

און איך באַגרייף עס: מיט אַ באָרד איז מען פאַרשטעלט פאַר זיך און פאַרן עולם; קען מען מאַכן חוזק, האָט עס טראַדיציע נאָך פון פורים-שפּיל אָן.

אָן אַ באָרד איז אַ נייאיקייט, טראַדיציעלאָז. אָן אַ באָרד מוז מען ווייזן אַ פּנים, און וואו נעמט מען אים?

נאָר די באָרד דעקט צו די חסרונות פון אַלע אונזערע דראַמען, פּיעסן, העלדן און אַקטיאָרן.

דערווייל קענען ביי אונז זייער ווינציק אַקטיאָרן באמת שפּילן באָרדלאָזע ראָלן. מען לערנט זיך ערשט: ווייזענפריינט, שוואַרץ, גאָלדינבורג, בן עמי, האָבן אויף זייער געוויסן אַ פּאָר איינגעגעבענע באָרד-לאָזע ראָלן, אָבער אויך זיי פילן זיך נאָך היימישער אין באָרד-מלבוש...

תיכּף ווי אַ יידישער שוישפּילער טוט אָן אַ באָרד, ווייס ער שוין ווער ער איז... אַ טאַטע, אַ זיידע, אַן אָנקל, אַ שדכן, אַ בדחן, אַ חזן, אַ קלעזמער און אַזוי כּסדר.

תיכּף ווי ער דערפילט די באָרד אויף זיך, דערפילט ער זיין אמתע קראַפט. ער ווייס ווי צו האַלטן זיך און וואָס פאַר אַ העוויות ער דאַרף מאַכן. און ס'איז אים אַזוי לייכט — אַ מחיה! מען קען כּמעט אַלע באָרד-ראָלן שפּילן מיט איין שטים.

אָן אַ באָרד אָבער דאַרף ער זיך אָנשטרענגען, זיך ווענדן צו דער אילוזיע. מען דאַרף בייטן די שטים, זיך פאָרשטעלן, און דאָס איז שוין אַ סך אַרבעט פאַר אונזערע שוישפּילער.

אונזער יידיש טעאַטער איז בעצם אַן אָרטאָדאָקסישע אינסטי-טוציע. און ווי אַזאַ, האָט זי דערווייל איר הויפּט-עקזיסטענץ באַ-רעכטיקט.

און דאָס, וואָס די באָרד איז פאַר אונזערע מאַנסביל-שוישפּילער, דאָס איז די פּאַטשיילקע פאַר אונזערע פרויען-שוישפּילערינס.

מאַמעס שפּילן כּמעט אַלע ביי אונז גוט.

טעכטער — זייער ווינציק.

אין אַ פּאַטשיילקע—האָבן מיר פיינע, ערשט-קלאַסישע אַקטריסעס.

אָן אַ פּאַטשיילקע — נאָך נישט.

די פּאַטשיילקע — איז די באָרד פון אונזערע אַקטריסעס.

מיט אַ פּאַטשיילקע אויפן קאָפּ ווייס אַ יידישע אַקטריסע וואָס זי איז: א מאַמע, אַ באָבע, אַ שכנה.

די פּאַטשיילקע איז די מוטער פון דער מוטער-ראַליסטין אויף אונזער בינע.

נעמט אַרונטער די פּאַטשיילקע פון די קעפּ פון אונזערע שוי-שפּילעריננס און די שכינה פון שפּילן טוט זיך אָפּ פון זיי.

אָן אַ פּאַטשיילקע מאַכט מען ערשט ביי אונז פּראָבן, אַפילו סילי אַדלער און גערסטין.

יונגע פּאַטשיילקעלאָזע ראָלן פון יונגע מיידלעך און דערהויפּט ווייבלעך שפּילט מען נאָך ביי אונז דילעטאַנטיש. עס פעלט דער טאָן, די איינגעשטעלטקייט, די זיכערקייט אין שטים...

דערהויפּט פעלט נאָך ביי אונז דאָס יונגע ווייבל, די נייע פרוי.

סך-הכל: ווען מען וועט אויף אונזער בינע זיך אויסלערנען שפּילן אויך ראָלן אָן בערד און אָן פּאַטשיילקעס, דאַן ערשט וועלן מיר האָבן אַן אמתע בינע, ווי ביי לייטן...

טעאַטער און אַקטריסעס.

איך האָב נישט לאַנג באַגעגנט אַזאַ קוריאָז אין אַ בוך וועגן טעאַטער: דער פּראָפעסאָר, דווקא אַ גוי און נישט קיין „מזרחי”, שמועסט דאָרטן וועגן דעם שפּלן מאָראַלישן מצב פון טעאַטער, וועגן דער אויסגעלאַסנקייט פון די היינטיקע אַקטיאָרן און קומט צום שלוס, אַז אין דעם זענען נאָר שולדיק די פרויען-אַקטריסעס. און דערפאַר פּראָיעקטירט ער, מען זאָל אַוועקנעמען די פרוי פון טעאַטער-שפּיל.

און ווער וועט שפּילן די פרויענראָלן? — נו וועלן עס שפּילן, זאָגט ער, די מענער.

אין אַלטערטום, אַרגומענטירט ער, האָבן טאַקע בלויז מענער געשפּילט טעאַטער. מענער פלעגן שפּילן די פרויענראָלן.

און — פילאָזאָפירט ער — ווען מענערשרייבער קענען פּסיכאָלאָגיש גוט און טיף פאַרשטיין די פרויען-נשמה אין ראָמאַנען, וועלן מענער-אַקטיאָרן פּונקט אַזוי גוט אויך קענען פאַרשטיין צו שפּילן פרויענ-ראָלן.

און ווען עס זאָל זיין אַזוי, זאָגט ער, וואָלט די מאָראַל פון טעאַטער זיך גלייך אויפגעהייבן.

די פרוי-אַקטריסע ברענגט אויסגעלאַסנקייט אויף דער בינע, שטערט די ריינע קונסט-אַטמאָספערע, ברענגט אַריין דעם „סעקס”, די זינד, הינטער די קוליסן.

אָבער דער פאַרקליידטער פרוישפּילנדיקער מאַנסביל וועט דער מאָראַל נישט שאדן.

האָב איך זיך פאַרטראַכט וועגן דעם ענין, פאַרוואָס נישט?

פון אויבן אויף איז מעגלעך, אַז דער פּראָפעסאָר פון דעם מאָדנעם פּראָיעקט איז גערעכט.

און איבערהויפּט קען מען מיט אים אפשר איינשטימען, אַז מאַנסביל וואָלטן געשפּילט אויסגעצייכנט גוט פרויע־ראָלן. שוין אַפילו אין אונזער יידישן טעאַטער קען מען אָנווייזן אויף דעם פּאַרשטאַר־בענעם מאַגולעסקאָ, וועלכער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין „שפּרינצע די מעקלערין", און אויך זאָך, כאָטש ער שפּילט נאָר אַלס מאַנסביל, דאָך שפּילט ער אין תּוך די פרוי און אויך מיט גרויס דערפאָלג. און כאָטש דאָס זענען בלויז קאָמישע פאַלן, אָבער מען קען גלויבן, אַז מענער וואָלטן זיך אפילו אויסגעצייכנט אין טראַגישע מוטער־ראָלן...

און דאָך טויג נישט דער פּראָיעקט פון אַ סך אַנדערע שטאַנד־פּונקטן.

ערשטנס, קען מען נישט פאַרבאָטן דער פרוי, וואָס ציט צו טעאַטער־קונסט, צו גיין אַהין, ווי מען קען נישט פאַרבאָטן דער פרוי, זי זאָל זיך נעמען צו מאַלעריי, צו פּאָעזיע און אַנדערע קונסטן.

צווייטנס, איז אַ טעאַטער נישט קיין מאָנאַסטיר מיט קיין מאָ־נאַכן. טעאַטער איז דער טייטש: הייס בלוט, רעגונג, לעבן, און לעבן איז „סעקס" און זינד. אָן דעם אמתן „סעקס" וועט דאָס טע־אַטער ווערן אַ יעוונוך...

און דריטנס (און דאָס איז דער עיקר), עס וועט אַלצאיינס נישט העלפן: ווען מען זאָל אַרויסטרייבן די אַקטריסע פון טעאַטער, וועט עס אַלצאיינס נישט הייבן די געזונקענע מאָראַל פון טעאַטער, און אָפּשאַפן די אויסגעלאַסנקייט פון הינטער די קוליסן.

פאַרוואָס? — ווייל די טעאַטער־ראַמפּע, די טעאַטער־לעמפּלעך האָבן אין זיך אַ טייוולשן כישוף, און וואו טייוולעשער כישוף, מוזן דאָרט זיין פרויען. איז נישט אַקטריסעס, וועלן זיך אַנדערע פרויען דרייען אַרום טעאַטער, און רעזולטאַט: די טעאַטער־מאָראַל וועט זיך נישט הייבן.

וואָס־זשע בלייבט צו טאָן? פאַרבאָטן אויך סתם פרויען צו קומען אין טעאַטער, און דאָס טעאַטער־פּובליקום זאָל באַשטיין פון בלויז מאַנסביל? איז וואָלט דאָס אפשר שוין יאָ געווען אַ מיטל, איז אָבער אַ מעשה, וועלן מיר נישט האָבן קיין טעאַטער.

אַ טעאַטער בלויז פאַר מאַנסביל מיינט, להבדיל, אַ מאַנסבילשע שול, אין וועלכער מאַנסביל ווילן נישט גיין.

אַלזאָ, דער גוי איז דורכגעפאַלן.

„מיר שווימען!"

— מיר שווימען!

אַזאַ ווערטל איז דאָ אין די טעאַטער־קרייזן.

איך פרעג אַ טעאַטער־דירעקטאָר:

— נו, וואָס הערט זיך בײַ אײַך אין טעאַטער, וואו האַלט איר, ווי גייטס?

ענטפערט ער מיר קורץ און שאַרף:

— מיר שווימען!

פאַר אים איז עס גענוג ענטפער, פאַר מיר אויך...

און אין דידאָזיקע צוויי ווערטער ליגט די טראַגעדיע פון אונזער טעאַטער אַלס אַ גאַנצן, און פון אַ סך טעאַטערס באַזונדער.

— מיר שווימען!

מען שווימט... אָן אַ ציל, אָן אַ וועג. די גאַנצע רעטונג זעט מען בלויז אין שווימען.

נישטאָ קיין פערספעקטיוו, קיין באַשטימטער ברעג—מען שווימט!

מען רוט זיך אָפּ אַ ווײַליטשקע — אויף אַ שטרוי, מען כאַפּט דעם אָטעם —

און מען שווימט ווײַטער.

אין די אויגן איז טונקל, ס'שווינדלט; אין מויל איז פאַסקודנע; די אָרעמס זענען אָפּגעחלשט — אָבער מען שווימט.

מען שווימט — ווייל מען וויל זיך ראַטעווען, ווייל מען האָט זיך מורא אָפּצושטעלן און אַ טראַכט טאָן, ווייל מען איז אין דער מדרגה פון אַ מענטשן, וואָס טרינקט זיך... ווייל די סכנה איז אויס־געשפּרייט איבערן קאָפּ...

מען שווימט...

אפשר וועט מען דערשווימען, אפשר וועט צופעליק קומען הילף.
אומדערוואַרט וועט קומען די ישועה, אַ רעטונג, אַ האַנט, וואָס וועט
דערפירן צו אַ ברעג... מען וואַרט אויפן צופאַל...

אין אונזער טעאַטער שווימט מען!

און שווימענדיק—קען מען נישט זיין קיין אויסקלייבער: כאַפּט
מען זיך אָן אין וואָס עס קומט צו דער האַנט, און מען שפּילט אָן
פּראָבע...

מען דערזעט אַ שונדיסטישע שטרוי — און קום, ראַטעווע!

און ראַטעוועט די שטרוי נישט—איז ליטעראַטור אויך גוט,
פּסעוודאָ-ליטעראַטור, אָבער אפשר?..

מען שווימט!

אין מערערע פאַלן העלפט עס נישט, און מען גייט אונטער...
דער אָפּגרונט שלעפּט אַרונטער...

אָבער אין אויסנאַמפאַלן — געלינגט אַמאָל ווי ס'איז זיך צו ראַ-
טעווען.

דאָס וואַסער כוואַליעט זיך, פאַרגיסט דעם קאָפּ — אָבער דער
שווימער איז אַ בעל-כוח.

שווימט ער ווייטער, ביז ער כאַפּט זיך אָן אין עפּעס.

און ער קומט צו צו אַ ברעג, אַ פאַרחלשטער, אַ נאַקעטער,
אָן אַ העמד, אָן אָפּגעשוואַכטער, מיט מויל, בויך און נשמה פול מיט
וואַסער...

אויסגעטריקנט זיך אַ ביסל — שווימט מען ווייטער. ווייל דער
ברעג איז קיין ברעג נישט...

— מיר שווימען!

אָן אַ פּראָגראַם (חוץ דער פאַפירענער פּראָגראַמקע, וואָס מען
טיילט דעם עולם), אָן אַ ריכטונג (חוץ דער ריכטונג פון כאַפּ אַלץ, וואָס
ס'קומט צום האַנט), אָן אַ קלאָרן וועג (חוץ דעם וועג צו דער
קאַסע). פּשוט מען ראַטעוועט זיך, ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך,
מיט דער גאַנצער פּסיכאָלאָגיע פון אַזאַ...

וואָס טוט מען מיט די קריטיקער?

דער אייביקער קריג צווישן קאַסע און קריטיק.

די טעאַטער-קאַסע טענהט:

— די קריטיק שאַדט איר. די קריטיק האָט נישט קיין איינזעעניש. די קריטיק איז אַן אומגליק פאַר דער קאַסע!

די טעאַטער-קריטיק ענטפערט:

— זי קען זיך גאָרנישט העלפן. זי קען נישט פרעגן ביי דער קאַסע וואָס צו שרייבן. די אויפגאַבע פון קריטיק איז צו קריטיקירן.

עס איז די אַלטע פראַגע:

וואָס איז טעאַטער: אַ געשעפט, צי אַ פאָלקס-דערציערישע אינסטיטוציע?

די קריטיק מיינט: אַ דערציערישע אינסטיטוציע, אַ געזעלשאַפטלעכע, און דערפאַר מוז זי זיך אונטערוואַרפן דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. און קריטיק איז די אויסגעדריקטע בעסערע געזעלשאַפטלעכע מיינונג.

די טעאַטער-דירעקטאָרן, וואָס פאַרטרעטן די קאַסע, מיינען, אַז עס איז אַ געשעפט. און אַ באַוויז — מען דערלייגט געלט.

און די טעאַטער-דירעקטאָרן זענען אומצופרידן מיט דער ראָלע, וואָס די קריטיק שפּילט ביי דעם טעאַטער-געשעפט.

אין אייניקע פאַלן בלויז פאַרשטייט די קריטיק אַ געשעפט און זי העלפט דעם טעאַטער. אין מערסטע שטערט זי, שאַדט זי.

און דער גרעסטער האַרצווייטיק איז, וואָס די טעאַטער-באַלעבאַטים שיקן נאָך אַליין אַרויס בילעטן מיט איינלאַדונגען צו די קריטיקער, די, וואָס שאַדן זייער געשעפט, אַז זיי זאָלן קומען און אַרונטעררייסן זייער סחורה.

איז דאָס זייער נישט פּראַקטיש און נישט געשעפטסמעסיק.

ווייל טוט עס דען אַן אַנדער געשעפט?

קורץ און שלעכט: די טעאַטער-קריטיק שטייט אַזוי ווי אַ ביין אין האַלז דעם טעאַטער.

נישט אַרונטערצושלינגען און נישט אויסצושפּייען.

נאָר אָן קריטיק קען מען אויך נישט אויסקומען. דאָס פילן די טעאַטער-באַלעבאַטים אויך.

קריטיק — איז באַוועגונג אַרום טעאַטער.

קריטיק — איז דאָס חיות פון די אַקטיאָרן.

אָן קריטיק וואָלט דאָס טעאַטער פאַרגליווערט געוואָרן.

אָבער מיט קריטיק איז אויך נישט גוט.

וואָס-זשע טוט מען פאַרט? — ווי מאַכט מען אַזוי, אַז די קריטיק זאָל בלייבן, נאָר זי זאָל נישט שאַדן?

טוט זיך איצט טאַקע אין פּאַריז.

דאָרט ווערט איצט געפאָכטן אַ מלחמה צווישן די טעאַטער-באַלעבאַטים און די קריטיקער.

וואָס ווילן די טעאַטער-באַלעבאַטים? — זיי ווילן די קריטיקער נישט איינלאַדן צו די פּרעמיערע-אָוונטן.

דאָס שאדט, זאָגן זיי, די געשעפטן.

דער קריטיקער קומט און זעט אַ נישט איינגעשפּילטע פּיעסע און ער רייסט.

דער קריטיקער זאָגט מבינות, איידער דאָס פּובליקום האָט נאָך אַליין געפאַסט זיין מיינונג. און די קריטיק הייסט זיי פּשוט נישט גיין.

וואָס-זשע ווילן זיי, די טעאַטער-באַלעבאַטים? זיי ווילן, אַז די טעאַטער-קריטיקער זאָלן קומען זען און שרייבן וועגן אַ פּיעסע ערשט נאָך דער פּופּציקטער אויפפירונג.

זייערע אַרגומענטן זענען: צו דער פופציקטער אויפפירונג וועלן די פּיעסן זיכער זיין איינגעשפּילט און די קריטיקער וועלן דאַן האָבן ווייניקער חסרונות צו קריטיקירן.

צו דער פופציקטער אויפפירונג וועט שוין דאָס פּובליקום האָבן זיין מיינונג (און צום גוטן, פאַרשטייט זיך), און די קריטיק וועט אים שוין נישט קענען באַאיינפלוסן.

וואָס-זשע ענטפערן דערויף די קריטיקער?

זיי אַרגומענטירן אַזוי: די אויפגאַבע פון דער קריטיק איז פריער פון אַלץ צו דינען דעם עולם. קלערער מאַכן דאָס פאָלק וועגן דעם, וואָס עס קלייבט זיך צו זען.

און דערפאַר מוז אַ קריטיקער זיין פון די ערשטע צו זען די סחורה, וואָס מען גיט דעם פאָלק

און דערפאַר איז גיין זען ערשט אַ פּופּציקטע פאָרשטעלונג אַן אומזין.

און דערצו אַ באַליידיקונג אויך. דאָס מיינט דאָך פּשוט צו זאָגן: קריטיקער, מיר טרויען דיר נישט! און מיר ווילן דיך נישט!

הכּלל, אין פּאַריז טוט זיך! אָבער אַזוי ווי די פראַגע איז אַ ברענענדיקע, נישט נאָר פאַר פּאַריז, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט. —

וויל איך זיך אַריינלייגן אין דער מחלוקת און פּרואוון ראַטעווען מיט מיינע אַ פּאָר פּלענער טאַקע די טעאַטער־באַלעבאַטים. (איך האַלט תּמיד מיט די שוואַכערע).

איך זאָג: דער פּלאַן מיט דער פּופּציקטער אויפפירונג טויג נישט. וואָס־זשע דען? אויב מען וויל נישט איינלאַדן די קריטיקער צו דער ערשטער פאָרשטעלונג, זאָל מען זיי שוין בעסער איינלאַדן צו דער לעצטער.

ווען די טעאַטער־באַלעבאַטים וועלן דערפילן, אַז די פּיעסע דאַרף אַרונטערגיין און זיי האָבן שוין גאָרנישט צו פאַרלירן — דאַן זאָל מען שיקן נאָך דער קריטיק.

און אויב די קריטיק קען נישט זיין קיין הייב־אַם, טאָ זאָל זי כאָטש זיין אַ קבֿרן.

און אַמאָל קען פּאַסירן, אַז די קריטיק זאָל ביי דער לעצטער לאָפּעטע ערד זיך נעמען מחיה מתים זיין און די פּיעסע זאָל גאָר ווייטער אַוועק?

ווי געפעלט עס אייך, מיינע הערן טעאַטער־דירעקטאָרן?

מיין צווייטער פּלאַן: מען זאָל די קריטיקער איינלאַדן טאַקע ווי אַלעמאָל צו דער ערשטער נאַכט, נאָר זיי אַנדערש זעצן: אַנשטאָט מיט די פּנימער צו דער בינע — מיט דיזעלבע פּנימער צום אַרויסגאַנג.

איך האָב דערביי אַ סך טיפע כּוונות:

ערשטנס, ווען די קריטיקער וועלן זיצן מיטן פּנים צום טיר,

וועלן זיי זען ווי דער עולם איז באַגייסטערט און זיי וועלן אויך אָנגעשטעקט ווערן.

און, צווייטנס, איז עס גלאַט געזונט: ווייל אַ סך קריטיקער זעען סתם בעסער מיט דער פלייצע, ווי מיט די אויגן.

וואָס זאָגט איר אויף דעם פּלאַן, ליבע טעאַטער־באַלעבאַטים, ער איז, דאַכט זיך, אויך נישט קיין שלעכטער?

און מיין דריטער פּלאַן איז—לאָזן די קריטיקער קומען צו דער ערשטער נאַכט און זאָלן זיי טאָן, וואָס זיי ווילן: רייסן, נישט רייסן, נאָר צווינגען זיי אונטערצושרייבן אַ פּאַפּיר, אַז זיי פאַרפליכטן זיך ביי יעדער נייער אויפפירונג, אויב זיי רייסן אַרונטער, צו דעקן כאַטשבי איין וואָך די הוצאות פון טעאַטער.

דער פּלאַן איז, דאַכט זיך, דער בעסטער, דער פּראַקטישסטער. ווייל קריטיקער וועלן דאָן מוזן זיין נגידים, וואָס וועלן קענען באַהויפּטן אַרונטערצורייסן.

און אַזוי ווי צו אַ קריטיק נעמען זיך אַממערסטנס קבצנים — וועט שוין ממילא די פראַגע פון קריטיק געלייזט ווערן.

די טעאַטער-קינדער.

די בעסטע קינדער אויף דער וועלט זענען נישט מיינע און נישט אייערע, נאָר די טעאַטער-קינדער.

די טייערסטע קינדער, בנאמנות.

מען וויקלט זיי אויף דער בינע (און אין טעאַטער איז בשעת מעשה קאַלט) און זיי שווייגן.

מען וואַרפט זיי פון האַנט צו האַנט, ווי עפּל, און זיי שווייגן.

מען לייגט זיי שלאָפן — און שאַ, שטיל, זיי שלאָפן גלייך איין.

מען גיט זיי נישט עסן—און זיי פּראָטעסטירן נישט.

די העכסטע דערגרייכונג אין טעאַטער האָט מען דערגרייכט מיט טעאַטער-קינדער.

איך האָב געזען אַזעלכע קינדער ליגנדיק אַ גוטע שעה לעבן דער מאַמעס ברוסט און זויגן.

איך האָב געזען, ווי אַ „סטאַר" האָט זיי געוויגט אויף זיינע שווערע הענט מיט דעם גרעסטן ברען פון פּאַטערליבע, און זיי — נאָרנישט.

נאָר דאָס טעאַטער פּאַרמאָגט אַזעלכע טייערע, גוטע, מוסטער-קינדער!

מען קען זאָגן: שטיל, ווי אַ טעאַטער-קינד.

וואו נעמט מען אין לעבן אַזעלכע קינדער?

און צו וואָס רעד איך דאָס אַלץ? איך ציל צו עפּעס. איך וויל באַווייזן, אַז דאָס לעבן איז פיל, פיל אַנדערש, ווי די בינע.

אַז דער רעאַליזם פון לעבן איז נישט דער, וואָס אויף דער בינע.

און אַז נאַריש זענען די, וואָס פאָדערן דעם רעאַליזם פון לעבן אויף דער בינע.

אין לעבן וואָלט מען אַזעלכע קינדער, ווי אויף דער בינע, נישט געדולדעט.

מען וואָלט באַדויערט זייערע מוטערס.

מען וואָלט באַוויינט זייערע טאַטעס.

מען וואָלט געלאָפן צו ספּעציאַליסטן.

מען וואָלט געזוכט עצות.

סטייטש, אַ קינד, וואָס גיט קיין פּיפּס נישט?!

סטייטש, אַ קינד, וואָס איז כמעט ווי אַ גולם?

אָבער אויף דער בינע זיצט דער עולם און האָט הנאה פון אַזעלכע קינדער.

דער עולם ווייסט, אַז דאָס קינד איז קיין קינד נישט, נאָר אַ קוקלע, און אים אַרט עס נישט.

דער עולם ווייסט מער, ווי געוויסע קריטיקער, אַז אין טעאַטער מוז מען גלויבן די אַקטיאָרן, אַז טעאַטער איז נישט לעבן, נאָר די מאַסקע פון לעבן.

דער עולם ווייסט, אַז טעאַטער איז אַנדערש, דאַרף זיין אַנדערש.

אַז טעאַטער איז שפּיל מער ווי אַלץ.

דער עולם מיטן אַקטיאָר האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך: לאָמיר זיך איינער דעם צווייטן נאַרן, ווייל נאַרן זיך איז אַזוי שיין, אַזוי ליב און אַזוי גוט!

ווייל פון נאַרן זיך קומט אַרויס אַ פיין שפּיל, אַזאַ, וואָס אין געוויינלעכן לעבן זעט מען נישט.

און דאָס באַווייזן אמשטאַרקסטן די טעאַטערקינדער.

און נישט נאָר מיט קינדער איז אַזוי—אויך פון די מאַמעס פאָדערט מען נישט אין טעאַטער, ווי אין לעבן.

און מאַדאַם אַבראַמאָוויטש איז נישט דערפאַר די בעסטע מאַמע אויף דער יידישער בינע, ווייל זי קאָפּירט אַ מאַמע פון לעבן. אין לעבן איז מעגלעך, אַז עס זענען דאָ בעסערע מאַמעס, ווי זי.

אין לעבן זענען די מאַמעס אַוודאי אויך אַנדערש.

בינע אַבראַמאָוויטש איז די בעסטע מאַמע, ווייל זי שפּילט גוט.

ווייל זי איז פריער פון אַלץ אַ גוטע שוישפּילערין-מאַמע.

און ווייל זי איז אַנדערש. יאָ, טאַקע אַ מאַמע, אָבער אַזאַ שפּילעוודיקע, אַזאַ אַנדערע, אַזאַ טייערע בינע-מאַמע!

הכלל, אמתן רעאַליזם אויף דער בינע איז נאַריש צו פאָדערן. וואָס מען דאַרף יאָ פאָדערן, איז אמתע אילוזיע...

מען דאַרף זאָגן צום שוישפּילער: נאַר מיך, ברודערל, נאַר מאַך עס אַזוי קונציק, אַז איך זאָל דיר גלויבן!

רעזשי און אַנסאַמבל.

רעדט פאַר מיר אויס דאָס האַרץ אַן אַלטער טעאַטער־מענטש:

— קיין זאַך אין טעאַטער האָב איך אַזוי נישט פיינט, ווי די ווערטער רעזשי און אַנסאַמבל...

איר הערט, אַז איך דערהער דידאָזיקע ווערטער, אַז נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, גייט מיר דורך אַ קעלט איבער די ביינער... רעזשי און אַנסאַמבל!.. בררר!

ווער, כ'בעט אייך, האָט עס אויסגעטראַכט? ווער איז דער חכם? איר הערט, איך וואָלט אַזאַ מענטשן, ווען איך דערטאַפּ אים, אויפגעהאָנגען אויף דעם ערשטן העכסטן טעלעגראַף־סלופּ...

רעזשי און אַנסאַמבל!

האָט איר אַמאָל אַ טראַכט געטאָן, וואו ס'ליגט די צרה פון דעם היינטיקן יידישן טעאַטער?

וואָס פעלט דעם יידישן טעאַטער? איר טענהט רעזשי און אַנסאַמבל... אָבער איר רעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין. אונז פעלן „סטאַרס" *). אָט וואָס עס פעלט אונז!

אויב מען וויל נישט קומען אין טעאַטער, איז עס צוליב דעם, וואָס עס זענען נישטאָ קיין סטאַרס... נישטאָ וועמען צו זען... גיט סטאַרס און יידן וועלן קומען, ווי אַמאָל...

און ווער האָט אַוועקגעהרגעט די סטאַרס? — רעזשי און אַנסאַמבל! זינט ס'איז געוואָרן רעזשי און אַנסאַמבל — דער אומגליק מעג זיי בעמען — זענען נישטאָ קיין סטאַרס...

---

*) סטאַר — הויפּט־אַקטיאָר אין אַ טעאַטער.

איר פאַרשטייט? אַ סטאַר האָט נישט ליב קיין רעזשי, דאַרף נישט קיין רעזשי... אַ סטאַר איז אַליין אַ רעזשי...

און ווער רעדט שוין פון דעם פּאַסקודנעם וואָרט אַנסאַמבל — איז ער אוודאי אַ שטערונג צו אַ סטאַר...

אַ סטאַר דאַרף נישט קיין אַנסאַמבל... ער איז אַליין אַנסאַמבל... אָט דאָ ליגט די צרה פון דעם יידישן טעאַטער.

מיר דאַרפן האָבן סטאַרס און מען שרייט רעזשי און אַנסאַמבל!

אַ סטאַר איז פאַרן טעאַטער דאָס, וואָס פאַר אַ הויז איז אַ טאַטע... און נאָכמער: דאָס, וואָס פאַר אַ קהילה איז אַ רבֿ...

צו אַ טעאַטער קוקט מען אַרויף... און דאָס איז דער עיקר. וואָס איז די פּעולה, כ׳בעט אייך, אַז מיר האָבן טאַלאַנטן אויף דער יידישער בינע, אַז קיין סטאַרס זענען נישטאָ!

יעדער אַקטיאָר ביי אונז איז אַ טאַלאַנט... אָבער אַז מען דאַרף גיין צום טיש, איז נישטאָ מיט וועמען.

און ווער פילט עס — די קאַסע!..

מען שפּילט ביי אונז גוט טעאַטער היינט. איך בין זיך מודה, אַז מען שפּילט... אַלע שפּילן אַנסאַמבל. און רעזשי האָבן מיר אויך... אַלץ שוין באַלד, ווי ביי לייטן... אָבער מען פאַרגעסט, אַז דאָס, וואָס איז גוט פאַר לייטן, איז נישט גוט פאַר אונז... מיר זענען אַן אַנדער פאָלק... מאָנאַרכיסטן פון אייביק עולם... מיר דאַרפן סטאַרס! מלכים פון דער בינע!..

מיר דאַרפן האָבן אַקטיאָרן, וועלכע זאָלן קענען נעמען אַ פּיעסע און זי טראָגן אויף די אייגענע פּלייצעס — אָן דעם אַנסאַמבל...

מען דאַרף האָבן סטאַרס, אין וועלכע דער עולם זאָל גלויבן, צו וועמען ער זאָל האָבן צוטרויען, פון וועמען ער זאָל אַפילו דער־צן וואונדער.

דאָס יידישע טעאַטער איז געוואָרן פּונקט ווי אַ שאָפּ. מען צעטיילט די אַרבעט אַלעמען גלייך, „שטיק־אַרבעט“, און דערפאַר גיט מען אַרויס ערגערע אַרבעט...

ווען אַן אַנסאַמבל דאַרף טראָגן אַ פּיעסע, טראָגט ער עס אָן אָנשטרענגונג. יעדער לייגט צו אַ שפּיץ פינגער און בלאָפט...

מיר דאַרפן האָבן סטאַרס, ווי דאָס לעבן.

אָן סטאַרס וועט דער יידישער טעאַטער אויסגיין, ווי אַ ליכט.

איר זאָגט צוזאַמענשפּיל איז נייטיק... אַנסאַמבל איז געזונט...

פרעג איך אייך: פאַר וועמען געזונט? און ווער דאַרף געזונט אין טעאַטער?...

וואָס איז אַ טעאַטער, אַ דערהאָלונגס-אַנשטאַלט?

אדרבה, זאָלן די אַקטיאָרן זיך מאָרדעווען, זאָלן די סטאַרס אַרבעטן שווער, אפילו איבער די כוחות, זאָלן זיי פאַרלירן געזונט — אַבי די קאַסע זאָל זיין געזונט...

אין אַ טעאַטער איז די קאַסע דאָס האַרץ. איר פאַרשטייט, און ווען דאָס האַרץ ווערט קראַנק, ווערן אַלע אברים קראַנק...

אַנסאַמבל, אַז געהרגעט זאָל ער ווערן! ס׳איז דעמאָקראַטיש, אוודאי דעמאָקראַטיש, אַז אַלע אין אַ פּיעסע זאָלן קריגן גלייכע ראָלן... אָבער אין טעאַטער איז נישטאָ קיין דעמאָקראַטיע...

דאָס יידישע טעאַטער דאַרף האָבן געטשקעס. ווען אַ ייד קומט אין טעאַטער, וויל ער עמעצן דינען... גלאָצן צו אים די אויגן... אַרויפקוקן און שעפטשען:

— אָט קומט ער! אָט קומט זי!.. אַי, אַי, טאַטעלעך!

אָבער שעפּטשען: אָט קומען זיי אַלע... דער גאַנצער אַנסאַמבל, אַז געהרגעט זאָל ער ווערן, דאָס איז נישט פאַר אַ יידן...

איר פאַרשטייט? אַ ייד איז נישט קיין גוי. אַ ייד פאָדערט אַ סך פון זיין טעאַטער.

אַ גוי גייט אין טעאַטער, ווי אַ צושויער. גוט, גוט — נישט נישט...

אַ ייד גייט, ווי אַ פאַרליבטער און פון אַלץ נעמט ער זיך צום האַרצן...

איר וועט זאָגן קונסט... די קונסט פאָדערט רעזשי און אַנסאַמבל...

איך זאָג אייך, ס׳זענען אויסגעטראַכטע מעשיות...

קונסט שמונסט! די קונסט פאָדערט גאָרנישט... ביי יידן פאָדערט דער עולם, און אים דאַרף מען מער הערן, ווי די קונסט...

ווייל ער, דער עולם, באַצאָלט און די קונסט נישט...

וואָס שרייט איר רעזשי, רעזשי? דאָס פובליקום גייט נישט אין טעאַטער זען רעזשיסאָרן, דאָס פובליקום קומט זען סטאַרס...

וואָס גייט אים אָן, ווער עס האָט צוגעגרייט דאָס עסן, די קעכין, יענע קעכין. ער וויל זען דאָס פאַרטיקע, די מאכלים!

די מאכלים זענען דער עיקר, און די מאכלים זענען די סטאַרס...

עך, קעסלער און אַדלער און מאָגולעסקא און ליפּצין—וואו נעמט מען זיי? נישטאָ! דאָס זענען געווען סטאַרס!

איר זאָגט, היינט זענען אויך דאָ סטאַרס... יאָ, ס׳זענען דאָ, אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגלייך?... סטאַרס—און דאָך נישט קיין סטאַרס... זיי שפּילן מיטן אַנסאַמבל... צופּיל אנסאַמבל, אַז געהרגעט זאָל עס ווערן!

איך קען עס נישט פאַרטראָגן...

איך האָב ליב אַ חזן און האָב ליב משוררים, אָבער איך האָב פיינט אַ שול פון כסדר חזנים...

און דער עיקר, ווען משוררים ווילן זיין חזנים. עס טויג נישט, און ס׳איז נישט מעגלעך.

יידן קומען אין טעאַטער זען „אַ סטאַר", נעמט מען און מען גיט זיי רעזשי און אנסאַמבל! — צו אַלדי שוואַרצע יאָר!...

דער אַקטיאָר הינטער די קוליסן.

די מענטשן אין טעאַטער זעען בלויז די בינע, אָט די מאָדנע וועלט, וואו אַלץ שפּילט און לעבט און רעגט זיך... זיי קוקן בלויז אויף דעם, וואָס מען דערלאַנגט זיי פּאַרטיק... און אַז ס'איז דאָ נאָך אַ וועלט, אַ הינטערקוליסן־וועלט, אַ וועלט הינטער די אויפגעשטעלטע וועלטן, הינטער די מיט דעקאָראַציעס באַפּוצטע וועלטן, — אויף דעם פאַרטראַכטן זיך גאָר ווייניק.

און יענע וועלט, הינטער די קוליסן, איז אויך אַ וועלט. דאָרט איז דאָ אויך אַ לעבן, און אַן אינטערעסאַנט לעבן.

האָט איר אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט הינטער די קוליסן? ס'איז כדאַי אַהין צו פאַרבלאָנדזשען...

האָט איר אַמאָל געזען אַן אַקטיאָר, איידער ער טרעט אַרויס אויף דער בינע גרימירט, מאַסקירט און פאַרשטעלט? — גייט און זעט אים!

איר וועט פון דערדאָזיקער הינטער־קוליסן־וועלט אַ סך לערנען און אייך וועט קלאָר ווערן, אַז דער וועג פון אַן אַקטיאָר איז גאָר־נישט אויסגעבעט מיט רויזן. אַז אַן אַקטיאָריש לעבן איז גאָר אין גרונט אַ טראַגיש לעבן... איר וועט זיך פאַרטראַכטן אויף דעם גורל פון דעם, וואָס גיט אייך פאַרגעניגן, אויף דעם שיקזאַל פון דעם, ביי וועמען איר קומט נאָר נעמען גענוס...

איר וועט דאַן זען, אַז צו זיין אַן אַקטיאָר מיינט נישט אַלעמאָל צו זיין גליקלעך...

גייט הינטער די קוליסן און איר וועט דאַן זען, ווי עלנט און ווי פאַרוואָרפן עס קען זיין אַ מענטש, וואָס טרעט אַרויס פאַר גרויסע מאַסן!..

איך, ווען איך זע אַן אַקטיאָר הינטער די קוליסן, איידער ער טרעט אַרויס, קריג איך מיטלייד מיט אים.

אויף דער בינע אַזאַ העלד—און דאָ, הינטער די קוליסן, אַזאַ עלנטע בריאה.

אויף דער בינע אַ טויז, אַ סטאַר, און דאָ, הינטער די קוליסן— בלויז אַ שרייפל אין דער גרויסער מאַשין, וועלכע הייסט—טעאַטער.

אויף דער בינע—אַ ליבלינג פון מענטשן — און דאָ אַ ווינקלדי־קער, אַ פאַרשטויסענער.

אויף דער בינע — אַזויפיל ליכט און לעבן און קאָלירן — און דאָ אַ טונקל לעמפל וואו נישט וואו, שאָטנס און אָנגעוואָרפענע שמאַטעס...

עלנט, קליין און טראַגיש איז אַן אַקטיאָר הינטער די קוליסן, איידער ער דערשיינט אין זיין ראָלע!

און נעמען נעמט זיך עס דערפון, וואָס די שוישפּיל־קונסט איז אַן אומגליקלעכע, אומגליקלעך — ווייל אַליין איז זי הילפלאָז... ווייל אַליין קען זי גאָרנישט טאָן, זי מוז שאַפן נאָר בצבור, מיט דער הילף פון אַ סך אַנדערע קונסטן...

און שטאַמען שטאַמט עס דערפון, וואָס אַן אַקטיאָר קען נישט דאַווענען אינדערהיים, פאַר זיך... ער מוז האָבן, לכל הפחות, אַ מנין... ער מוז שאַפן צופיצלטערהייט... ער אַ פיצל און אַ צווייטער חבר אַ פיצל... ער דאַרף אויפטרעטן נאָר דאַן, ווען אַ חבר האָט שוין אָפּגעטרעטן.

די טעאַטער־קונסט איז אַ גרויסע קונסט, צוזאַמענגעשטעלט פון שטיקלעך.

און יעדעס שטיקל באַזונדער האָט נישט קיין טעם, קיין ווערט. נאָר דער מאַסאָווער פנים אירער גיט איר אַ פנים, נאָר די ציבור׳־לעכקייט מאַכט דאָ גרויס דעם יחיד.

דער יחיד אַליין קאָן דאָ נישט שיינען..

און עס שטייט אַן אַקטיאָר הינטער די קוליסן, צווישן איין סצענע אוןֹ אַ צווייטער, צווישן איין אויפטריט און אַ צווייטן, שטייט אין האַלב חושך, צווישן דעם תהו ובהו פון הינטער די דעקאָראַציעס — און ער איז אַזוי עלנט. זיין גאַנץ לעבן באַשטייט אין וואַרטן: אָט וועט יענער ענדיקן, וועל איך אָנהייבן... אַליין אָנהייבן טאָר ער נישט...

און איך קוק אויף אים און איך האָב אויף אים רחמנות.

דאָרט אויף דער בינע איז אַזויפיל ליכט און באַוועגונג — און ער דאָ מוז שטיין אין ווינקל. ער טאָר נישט אַרויס פאַר דער צייט, ער מוז וואַרטן אויף זיין צייט.

די קונסט פון אַן אַקטיאָר מוז קוקן אַלע ווײַלע אויפן זייגער, זי טאָר זיך נישט פאַרלירן אין שטימונג, טאָר זיך נישט פאַרגעסן וואו זי איז. זי מוז זיין וואַך, שטענדיק צו דער צייט, תּמיד צום פּונקט, אייביק צו דער מינוט. און כאָטש זי איז אַזאַ צעוואָרפענע, מוז זי זיין אויסגערעכנט...

אַ ביטערע קונסט, די שוישפּיל-קונסט!

און — מען שטייט הינטער די קוליסן — און די פרעמדע צו-געטשעפּעטע באָרד בייסט, און די שווערע מאַסקע דריקט אויפן פּנים, און די ווינטער-היטל (פון אַ רוסישן קאָזאַק, וועלכע מען מוז גראָד טראָגן) שוויצט, און דער שווערער מאַנטל היצט, און די ליפּן ברענען פון פאַרב, און די פאַלשע אַריינגעשטעלטע ציין (כּדי צו ענדערן די שטימע) נודיען אין מויל... און די קאַפּאָטע ליגט נישט גוט. און דער לאַנגער פרעמדער צאָפּ שלעפּט אַרונטער, אַרונטער... און די געענדערטע שטים אין האַלז קיצלט, רייסט זיך אַרויסצוגיין און איר מוזט זי קאָנטראָלירן: ניין, שוועסטער, נאָך נישט איצט, ניין!..

אַן אומגליקלעכע קונסט איז די שוישפּיל-קונסט! ווייל ס'איז אַזאַ ברייטע קונסט, דערפאַר אַזוי געצוימט און באַגרענעצט; ווייל ס'גיט אַזויפיל מעגלעכקייטן, דערפאַר אַזויפיל אַרומגערינגלט מיט גע-זעצן, טאַמאַזשניעס, „קוואָטאַס" און עליס אייליאַנדס...

און דאָ — אוי, מיינע ליבע! — הערן זיך אַפּלאָדיסמענטן... וועמען אַפּלאָדירט מען עס אַזוי? מען אַפּלאָדירט אַ קאָלעגע פון ערשטן אַקט.

און דאָס האַרץ דריקט, די קנאה עסט: יענער האָט עס אַזויפיל גליק... גראָד דאַרף ער שפּילן אין ערשטן אַקט און צונעמען אַלע אַפּלאָדיסמענטן... און וועלן כאָטש בלייבן אַ פּאָר אַפּלאָדיסמענטן פאַר אים אויך?

און עס שטייט דער אַקטיאָר הינטער די קוליסן און זיין האַרץ פלאַטערט, ציטערט... ער איז אַזוי עלנט, אַזוי פאַרוואָרפן... די וועלט, דאַכט זיך אים, דאַרף אים גאָרנישט... צו וואָס? און אפשר וועט מען אים גאָרנישט רופן?..

עך, ווי טראַגיש!

עס שטייט אַ מענטש דאָ אַן איבערגעטאָנענער, גרייט צו שפּילן אַ פרעמד לעבן, און וואו איז זיין אייגן לעבן? האָט דער מענטש שוין גאָר קיין אייגן לעבן נישט, חוץ דאָס בינע־לעבן? ווער איז ער? ער אַליין, צי גאָר דער אַנדערער, דער העלד, וואָס דער פּאַרפאַסער האָט אויסגעטראַכט?

עך, ווי טראַגיש!

און אַ ביסעלע איז עס אויך קאָמיש, ווי אַלץ, וואָס איז טראַגיש...

פרעה דער בעל־תשובה.

אויף נאמנות, איך זע נישט איין, פאַרוואָס איינער פון די גוט־באַקאַנטע פיעסן־צושניידער פאַר דער יידישער בינע, זאָל נישט אָפּשטעפּן עפּעס אַ פּיעסעלע וועגן פּרעהן פון „דער ערשטער האַנט?"

פּרעה, אָדער ווי ער הייסט דאָרטן — טוטאַנכאַמאַן, איז איצט דער פּאָפּולערסטער בר מנן אויף דער וועלט. אַ סך פּאָפּולערער פון דעם לעבעדיקן טשאַרלי טשאַפּלין, צוליגנדיק צו אים אפילו פּאָלאַ נעגרי... און סתּם אַזוי, וועלכער ייד קען עס נישט פּרעהן? טאָ פרעגט זיך טאַקע—פאַרוואָס נישט?

אָבער אַזויווי דערווייל האָט עס נאָך קיינער נישט געטאָן — וויל איך עס טאָן. איך גיב דעם סקעלעט פאַר אַן אָפּערעטע אָדער קאָמעדיע־דראַמע, אָדער מוזיקאַלישע קאָמעדיע און די איבעריקע לאָז איך שוין איבער צו די בעלי־מלאכות...

מיין געפּלאַנטע אָפּערעטע־קאָמעדיע־דראַמע־מוזיקאַל־קאָמעדיע דאַרף באַשטיין פון דריי אַקטן מיט אַ פּראָלאָג (פּראָלאָגן זענען איצט אין מאָדע).

פּ ר אָ ל אָ ג.

דער פּראָלאָג דאַרף זיך אָנהייבן אַזוי: אין אַ הייל ערגעץ אויף אָרטשאַרד סטריט, באַלויכטן מיט מנורות און עלעקטרישע לאָמפּן ליגט פּרעה טוטאַנכאַמאַן אין אַ טרונע און קרעכצט. דאָס קרעכצן דאַרף געדויערן פופצן מינוט, און די מוזיק דאַרף שפּילן שאָפּענס טרויער־מאַרש. נאָכדעם דאַרף זיך פּרעה אויפהייבן פון טרונע, אויסווישן די ברילן, אָפּשטויבן די קרוין, אָפּווישן די נאָז מיט אַ פּאַפּירוס, און האַלטן אַ רעדע וועגן אַנטיסעמיטיזם, המן און פאָרד... און נאָכדעם דאַרף ער זיך שלאָגן אויפן האַרצן מיט אַ גאָלדענעם האַמערל, און בעטן מחילה בײַ די יידן, פאַרוואָס ער האָט זיי אַלע געפּייניקט און נאָכדעם דאַרף ער אויפהייבן די האַנט און שווערן, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט ער שוין

זיין גוט און פרום און דאן דארפן ארויפלויפן אויף דער בינע א צען כאריסטקעס מיט ספרי תורות און פרעה דארף זיך שטעלן אינמיטן פון זיי און זינגען א ליד. און נאכדעם דארפ', ער און די מיידלעך, גיין א טאנץ. און פלוצלונג דארף קרייען א האן און די מיידלעך דארפן פארשווינדן און פרעה מעג פאלן חלשות גלייך אין טרונע אריין — און דערמיט ענדיקט זיך דער פראלאג.

דאס ליד, וואס פרעה זינגט, דארף זיך זינגען אזוי:

איך בין דער „ביג" פרעה,
טוט—טוטאנכאמאן,
וואס מיט מיר קאכט די וועלט —
און מאכט די טאראראמען...
איך בין דער רשע פרעה,
וואס האט באפוילן דערטרינקען קינדער,
פון וועמען איר זענט אנטלאפן
מיט די מזומן, שאף און רינדער...
איך בין דער ווארער פרעה,
וואס האט געכאפט די מכות:
חשך, צפרדע, כנים
און גלאז סטוסאקעס...
אבער איצט בין איך בעל-תשובה
און בעט ביי אייך מחילה,
איך בין א פריינט פון דר. ווייצמאן
און וווינש אייך די גאולה...

ערשטער אקט.

דער ערשטער אקט קומט פאר אין גשן, מינסקער גוב. ביי א גאליציאנער ייד, א שוסטער, אויף צענטן גארן. דער גאליציאנער ייד האט א ווייב, וואס שעלט זיך, און זייער א שיינע טאכטער, גוט ווי א טויב. די טאכטער האט א חתן, א געבראטענעם ליטוואק, וועלכער פעדלט מיט חרוסת און איז גאנץ רייך.

ביז אהער גוט, אבער דא געשעט אן אומגליק: פרעה-טוטאנכאמאן קומט איינמאל אויף א באל פון ציוניסטן, און דארטן דערזעט ער דעם שוסטערס טאכטער און זעלבסט-פארשטענדלעך, אז ער ווערט גלייך פארכאפט פון איר שיינקייט — און ער הייסט זי נעמען.

באלד לויפן ארויף אויף דער בינע פאליסלייט מיט פלעקער און מען כאפט דעם שוסטערס מיידל און דעם ליטוואקס כלה און מען ווארפט זי אריין אין פרעהס רייטוואגן און מען לאזט זיך לויפן צו פרעהס פאלאץ.

געוויינלעך, שווייגט נישט די געכאפטע כלה און מאכט א שרעקלעכן גוואלד און לאזט זיך נישט — אבער ס'העלפט נישט — דער פארהאנג פאלט...

צווייטער אַקט.

דעם מיידלס חתן, דער געבראָטענער ליטוואַק, דערוויסט זיך די מעשה און רייסט זיך די האָר און ווייס נישט, וואָס הייבט מען דאָ אָן צו טאָן? שלעכט, ביטער, דערביי זינגט ער אַ ליד „איך בין אַ יתום"... פּלוצלונג קומט אָן זיינער אַ פריינט (דאָס דאַרף זיין אַ קאָמיקער), אַ פריילעכער יונג מיט אַ שפּרונג און אַ טענצל און ער גיט אים אָן עצה, אַז ער זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר איינער פון די צען מכות, און ער זאָל זיך אַריינגנבענען צו פּרעהן אין פּאַלאַץ און אַרויסראַטעווען זיין כלה...

כך הוה: דער חתן, דער ליטוואַק, פאַרשטעלט זיך פאַר דער מכה-חשך (וואָס קען אַ ליטוואַק נישט דערווייזן?).

און ער גנבעט זיך אינמיטן דער נאַכט אַריין מיט אַ געדיכטער פינסטערניש אין פּרעהס הויף. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דער פריינט זיינער (דער קאָמיקער) מעג דאָ זיין דערביי. דער ליטוואַק קריכט אַריין דורכן פענסטער, מאַכט חשך-פינסטער ביי פּרעהן אין הויז און נעמט אַרויס די כלה (דערביי שפּילט די מוזיק „התקוה"). און דער קאָמיקער, וועלכער האָט אים געגעבן די קלוגע עצה, זינגט אַ ליד וועגן דער געראַטעוועטער כלה. (איך זע שוין, ווי דער עולם רופט אים אַרויס צענדליקע מאָל און ער זינגט און שרייט צום עולם: הזיר! און צום סוף גייט דער ליטוואַק מיט זיין כלה אַ טענצל און דער פאָרהאַנג פאַלט ווידער).

דריטער אַקט.

דערדאָזיקער לעצטער אַקט קומט שוין פאָר אין אַמעריקע... דער חתן האָט טאַקע מציל געווען זיין כלה פון פּרעהס הענט, אָבער פּרעה זוכט אים (איבערגעגעבן האָט עס יעם ליטוואַק פּרעהס אַ דינסטמיידל, וועלכע האָט זיך פאַרליבט אין אונזער קאָמיקער). און אַזוי ווי דער ליטוואַק, דער חתן, האָט מורא, אַז פּרעה זאָל אים נישט איינמויערן אין אַ ציגל-וואַנט, מאַכט ער אַ וויזע, קויפט שיפסקאַרטן און לויפט אין אַמעריקע צוזאַמען מיט זיין כלה, שווער און שוויגער, און ער פאַרגעסט אויך נישט מיטצונעמען מיט זיך דעם קאָמיקער מיט זיין געליבטער — פּרעהס דינסטמיידל.

גלייך ווי זיי קומען אין אַמעריקע, עפנט דער ליטוואַק אויף אין ניו-יאָרק אַ פאַבריק פון הרוסת און ער ווערט אַ באַנקיר און ער קלייבט זיך חתונה האָבן מיט זיין כלה. אָבער דאָ געשעט ווידער אַן אומגליק: שטייענדיק אונטער דער חופּה, צעווייגט זיך פּלוצלונג די כלה און קריגט היסטעריקע. ווען מען מינטערט זי אָפּ, זאָגט זי, אַז זי וויל בלייבן מיטן חתן אויג אויף אויג. אַלע גייען אַרויס און דאַן פאַרטרויט די כלה דעם חתן דעם ביטערן סוד, אַז דער נידערטרעכטיקער פּרעה האָט געראויבט איר ערע... (דערביי זינגט זי אַ ליד וועגן פּרעה און ערע) און דער חתן העלפט געשמאַק אונטער. נאָך דעם ליד פאַלט דער תתן, דער ליטוואַק, דער כלה אויפן האַלז און ער שרייט אויס פאַרן גאַנצן עולם, אַז ער איז איר מוחל!...

און דאַן זינגען זיי שוין צוזאַמען אַ דועט, וואָס הייסט: „אין אַמעריקע מעג מען" — און גלייך שטעלט מען צוריק חופּה און דער פאָרהאַנג פאַלט...

איך בין זיכער, אַז דידאָזיקע פּיעסע וועט זיין אַ דערפאָלג, אַ ריזיקער דערפאָלג...

צווישן ערשטן אַקט און צווייטן דאַרף געדויערן צוואַנציק מינוט.

צווישן צווייטן און דריטן — דריי טויזנט יאָר.

אַ מאָדנער בריוול.

איך האָב געקראָגן אַ מאָדנעם בריוו פון אַ באַקאַנטן בעדער. דער מענטש האַלט אַ קליינע רוסיש-טערקישע באָד. אַ באָד, אַן אַלט-מאָדישע, אַ פּאַרצייטיקע, מיט אַלטע וואַנעס, מיט אַ גרינעם גוי אַלס באַדינער.

אַליין איז דער בעדער אַ רויטער ייד, שוין נישט קיין יונגער. איך פלעג אָפּט מיטן רויטן בעדער פירן שמועסן, קען ער מיך און ווייסט, אַז איך בין אַ שרייבער, שרייבט ער צו מיר אַזוי:

ליבער אַלטער פריינט!

איר זענט שוין לאַנג, לאַנג ביי מיר נישט געווען. איר וואוינט שוין אַוודאי אין אַן אייגענער דירה מיט אַ וואַנע, מיט אַ שפּריץ; אָבער איך האַלט נאָך אָן די באָד אויף דעמזעלבן פּלאַץ, ווי אַמאָל... מיין באָד איז נאָך עלטער געוואָרן, איך אויך. יאָרן שטייען נישט, יאָרן זייפן זיך אָפּ... אַלץ איז „מילעגעס", „מילעגעס".

איר געדענקט דאָך אוודאי אייער בעדער? און מיין באָד געדענקט איר אַוודאי אויך? איך בין דער רויטער ייד מיט דער רויטער באָרד, מיך קען מען נישט פאַרבייטן, אַפילו ווען מען זאָל וועלן... מיין ווייב האָט עס מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק געפּרוואווט און עס איז איר אויך נישט געגאַנגען...

אייך געדענק איך זייער גוט. איר פלעגט ביי מיר נעמען זייער הייסע וואַנעס. איך האָב געוואוסט, אַז איר זייט אַ שרייבער, האָב איך אייך אַלעמאָל צוגעזען מיט אַן איבעריק שטיקל זייף, אַן איבעריקן האַנטוך... געהייסן דעם גוי אייך געבן, וואָס איר פאַרלאַנגט... איר געדענקט?

וואַט-זשע וויל איך איצט פון אייך, וואָס איך האָב גענומען שרייבן צו אייך בריוו? ווילן וויל איך אייגנטלעך פון אייך גאָר-נישט, חוץ דורכרעדן זיך אַ ביסל... איך ווייס, אַז איר אַרבעט אין אַ צייטונג, און איך לייען אייך שטענדיק, וויל איך זיך מיט אייך, ווי זאָגט מען אויף בעדער-שפּראַך, זיך דורכבעזעמען...

גיט מיר צו פאַרשטיין, איך בעט אייך, פאַרוואָס שרייבט מען ביי אייך אין צייטונג (איר אַליין טאַקע אויך) אַזויפיל וועגן טעאַטער און גאָרנישט וועגן אַ באָד... (איך מיין נישט דווקא מיין באָד, נאָר בכלל אַ באָד...). איז ווילט זיך פרעגן ביי אייך אַ פראַגע: מיט וואָס, פרעג איך אייך, איז אַ באָד אַ קלענערע אינסטיטוציע, ווי אַ טע-אַטער? פאַרוואָס גיט איר אַזוועק אַזויפיל פּלאַץ און רעדט און שמועסט און לויבט יעדן טעאַטער און נישט אַ וואָרט אַפילו וועגן אַ באָד? (איך מיין נישט דווקא מיין באָד, נאָר בכלל אַ באָד).

איך מיט מיין בעדערשן שכל קען עס נישט פאַרשטיין, מיט וואָס איז אַ טעאַטער מער באָד ווי אַ באָד? און מיט וואָס איז אַ באָד ווייניקער טעאַטער, ווי א טעאַטער?

איך כאַפּ זיך אָפּט אַריין אין יידישן טעאַטער זען אַ פּיעסע, איז זיץ איך און טראַכט: רבונו של עולם, וואָס טוט זיך דאָ? רבונו של עולם, ווי מיר דאַכט זיך, האָט מיין באָד ביי זיך גאָרנישט וואָס אַראָפּצופאַלן!.. עס לויפן אַרום אַקטיאָרן אויף דער בינע צעפּאַרעטע, נישט ערגער, ווי ביי מיר אין באָד... דער עולם זיצט און שוויצט, עס פעלן בלויז בעזעמער... משונהדיקע קולות און ווערטער הער איך דאָ, פּונקט ווי ביי מיר אין באָד... איז פאַרוואָס איז מיין באָד ערגער פון טעאַטער, האַ?

אויף מיין וואָרט, ביי מיר אין באָד אַמוזירן זיך מענטשן מער און בעסער...

קומט צו מיר אַמאָל אין אַ מיטוואָך, אָדער שבת אין אָוונט, ווען דער עולם נעמט וואַנעס, וועט איר, כלעבן, פאַרשפּאָרן גיין אין טעאַטער...

איינער זינגט „לכה דודי“, אַ צווייטער ענטפערט אים מיטן ניגון פון „דובינושקא“, אַ דריטער פייפט, אַ פירטער לאַכט, אַ פינפ-טער פירט אַ דעבאַטע איבערן וואַנט וועגן קאָמוניזם... און אַלץ מישט זיך אויס צוזאַמען, חזנות און אָפּערע, פּונקט ווי אין טעאַטער... זאָל עס גאָר פעלן אַ האָר...

היינט נעמט אזאַ זאַך, ווי נאַקעט גיין. איז אויב דאָס איז אַ וויכטיקער ענין ביים טעאַטער, האָט עס דאָך אַ באַד אַ סך מער, אַ סך מער!..

היינט פּאַרע איז וויפל אייער האַרץ געלוסט... און שפּעלעך וואַסער פליען און יידן אויקען און אייקן און קוויקן זיך, אַז ס'איז אַ מחיה נפשות...

זאָגט, איז נישט פּונקט ווי אין טעאַטער?

איז וואָס-זשע וויל איך פון אייך, ליבער פריינט? איך וויל, איר זאָלט מיר דערקלערן איין זאַך: מיט וואָס איז אַ באַד ערגער ווי טעאַטער? בפרט אַז הנאה האָט מען ביי מיר מער און ס'קאָסט ביליקער אויך!

און איך וואָלט געוואָלט, אדרבה, אַז די קריטיקער, די, וואָס שרייבן וועגן אַקטיאָרן, זאָלן זיך אַריבערכאַפּן אין באָד צו מיר און זען און משפטן, צי איך האָב רעכט, צי נישט!

איך גלויב, אַז עס ווערט באַגאַנגען אַן אומרעכט קעגן אונז, בעדער.

פאַרוואָס שרייבט איר וועגן אונז נישט? פאַרוואָס גיט איר נישט אונזערע בילדער?

אַז איר ווילט, איז פון געשעפטלעכן שטאַנדפּונקט טו איך אַפילו אַ סך אָרנטלעכערע געשעפטן, ווי זיי, די טעאַטער-באַלעבאַטים. זיי נעמען גרויס געלט פאַר טייערע בילעטן, און וואָס גיבן זיי? גאָרנישט, רויך!

איך נעם קליין געלט און גיב פּאַרע, אמתע פּאַרע!
ביי זיי שמייסט מען מענטשן מיט נאַרישע וויצן, אַלטע וויצן,
און ביי מיר מיט בעזעמער, און אַלעמאָל מיט נייע...
אָפּגעשמיסענע בעזעמער וואַרפט מען ביי אונז אַרויס...
ביי מיר האָט מען אַ סך מער הנאה, און געזונט קומט אויך צו מער, ביי מיר ווי ביי זיי.

איז מיין טענה, פאַרוואָס שרייבט מען נישט וועגן מיר? איך האָב עס געזאָגט אַ יונגנמאַן, אַ געלערנטן, ער נעמט ביי מיר וואַ-נעס, זאָגט ער צו מיר, ווי קענט איר זיך גלייכן. טעאַטער איז קול-טור און אַ באָד איז אַ באָד!.. האָב איך אים גלייך אָפּגעענטפערט: קולטור? שרעקט אונז נישט מיט דעם בעזעם! אויב טעאַטער איז קולטור, איז אַ באָד אַוודאי... דער אָנהייב פון קולטור איז זייף

מיט וואַסער, זאָג איך, און זייף מיט וואַסער איז דער עיקר פון אַ באָד...

איך זאָג אייך נאָכאַמאָל: עס ווערט באַגאַנגען אַן עוולה, אַ גרויסע עוולה קעגן אונז, בעדער, און קעגן אונזער אינסטיטוציע, די באָד!

— —

— —

איך האָב אים נאָך אויפן בריוו נישט געענטפערט.

וואו נעמט מען אים?

רעד איך פאַר זיך אַליין אויס דאָס האַרץ:

ס'איז אַ פאַקט. מיר האָבן פאָרט אַ בעסערן יידישן טעאַטער. מיר האָבן פאָרט אַ בעסערן יידישן עולם. אָבער ס'איז אויך אַ פאַקט, אַזביידע זענען אומצופרידן איינער פון צווייטן...

דאָס בעסערע יידישע טעאַטער פייניקט זיך מיט זיין עולם. און דער בעסערער יידישער עולם ערגערט זיך פון זיין טעאַטער. דאָס בעסערע יידישע טעאַטער מיט זיך, שטעלט זאַכן, וועלכע האָבן, ווי אים דאַכט זיך, געדאַרפט זיין דער גרעסטער דערפאָלג — אָבער זיי זענען עס נישט... זיי ווערן עס נישט...

דער בעסערער יידישער עולם גייט אין זיין טעאַטער, גייט אַריין און גייט אַרויס אומצופרידן: נישט דאָס דאַרף ער!.. וואָס האָט מען אים דאָ געוויזן? — מניע!..

און ווען איך קום פון אַ „פרעמיערע-אָוונט" אין אונזער בעסערן יידישן טעאַטער און שטעל זיך די פראַגע: פאַרוואָס איז עס אַזוי?— ענטפער איך זיך אַליין:

זיי זענען ביידע גערעכט: אי דאָס בעסערע יידישע טעאַטער און אי דער בעסערער יידישער עולם... זיי זענען ביידע נישט שול-דיק — און דערפאַר גערעכט.

אַן אַלטער אמת!

יעדעס טעאַטער מוז האָבן זיין עולם, מוז אים קענען, מוז וויסן פאַר וועמען ער שפּילט, צו וועמען ער רעדט...

ווייסט עס דאָס בעסערע יידישע טעאַטער? — ניין!

אונזער בעסערער יידישער טעאַטער בלאָנדזשעט... טאַפּט איינ-דערפינסטער... קען נישט זיין עולם... האָט נאָך נישט אָנגעטאַפּט

דעם דופק ביי זיין פּאַציענט און ווייסט נישט וואָס פאַר אַ רעצעפּט אים צו פאַרשרייבן...

אונזער אָפּערעטן-טעאַטער קען זיין עולם.

אַ טייערער עולם, וואָס שטעלט זיך לייכט צופרידן מיט אַ טענצל און אַ לידל.

אַ גאָלדענער עולם, וועמען מען קען אָפּקויפן מיט אַן איבעריק עלעקטריש לעמפּל...

אַ קאַסע-געבענטשטער עולם, וואָס אַז מען קאָרמעט אים מיט כאַאָס און טומל — ער איז גליקלעך.

אַן עולם, וואָס זוכט נישט קיין אינהאַלט, אַ פּובליקום, וואָס האָט ליב זיינע „סטארס" מיט אמתער פּלאַטאָנישער ליבע... פאַר דעמדאָזיקן עולם איז גוט צו שפּילן. ער גיט אַפּלאָדיסמענטן. וואַרעמט און באַצאָלט...

אויך אונזער מעלאָדראַמע-טעאַטער האָט זיין עולם. דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן אויף טרערן-דערצויגענעם יידישן עולם.

אַן עולם, וואָס וויינט מיט קינדערשער פרייד. אַ פּובליקום, וואָס לאָזט זיך רייסן דאָס האַרץ אויף שטיקער און באַצאָלט נאָך דערפאַר...

פאַר אַזאַ עולם איז אויך גוט צו שפּילן. אַ טייערער עולם. עס איז אַ מאַסע, וואָס ווייסט, וואָס זי וויל—טרערן וויל זי. אַ גוטן סוף אין אַ פּיעסע און מאָראַל וויל זי.

און אויך דאָס טעאַטער ווייסט, וואָס זיין עולם וויל און ער שטעלט אים צו די סחורה.

אָבער נישט אַזוי איז מיטן בעסערן יידישן טעאַטער.

ער האָט, דאַכט זיך, אַן עולם—אָבער גיי ווייס וואָס ער וויל?!

גיי באַפרידיק אים, אַז דו ווייסט נישט זיין פאַרלאַנג... אַז ער דריקט עס נישט אויס! אַז וויינען שעמט ער זיך... און אַז אַפּלאָדירן פּאַסט אים נישט...

און דאָס בעסערע יידישע טעאַטער וואַרפט זיך, ווי אַ שפּעקולאַנט אויף כל המינים מסחרים און געשעפטן.

עס ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ סחורה זיין עולם וועט געפעלן, עס איז צעמישט און האַלט אָפט ביי באַנקראָט...

און פאַרוואָס ווייסט עס נישט?

ווייל זיין עולם, במחילה, ווייסט עס אויך נישט...

ווייל וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער בעסערער יידישער עולם?

ווען קיינער הערט נישט, פאַרטרוי איך זיך אַליין:

עס איז אַן עולם אַ טראַגי־קאָמישער, אַ צוזאַמענגעבראָכענער... אַן עולם, ביי וועמען אין קאָפּ הערשט דער כאַאָס פון אַלע כאַאָסן, ביי וועמען עס פּאָרט זיך נאָך אַסימילאַציע מיט שול־טעטיקייט. די נייע יידישע קולטור מיט ראָמאַנטישער בענקשאַפט צו רוסיש; אָפּגע־לעבטע טראַדיציעס מיט האַלב־טויטן ראַדיקאַליזם... „ע אוכנים" מיט מיט דזשאַז... התקוה מיטן אינטערנאַציאָנאַל...

עס איז אַן עולם, צווישן אונז זאָל עס בלייבן, אַן אַלץ־ווייסערישער, דאָך אין גרונט אַ האַלב־אינטעליגענטער... עס איז אַ פּובליקום, וואָס האָט שוין אויסגעדינט אַלע געטער, אויסגעוועזן ביי אַלע פּאַרטייען און ביי וועמען ציוניזם, אידעאַליזם און געשעפט שטרעבונגען זענען פאַרייניקט.

היינט זיי אַ חכם און טרעף צו אַזאַ עולם מיט דראַמען!

ס'איז קאָלאָסאַל שווער, כמעט אוממעגלעך!

און דערפאַר פייניקט זיך דאָס בעסערע יידישע טעאַטער, וואַרפט זיך אַהין און אַהער: פון רעאַליזם צו מאָדערניזם, פון פּרץ הירשביין ביז יעווּרעינאָוו, פון גראָטעסק צו מעלאָדראַמע, פון לעצטן וואָרט אין דעקאָראַציעס צו פּרימיטיווער רעזשי...

און דער בעסערער יידישער עולם וואַרפט זיך צוזאַמען מיט זיין טעאַטער... זעט זאַכן און קרימט זיך... האַלט פאַר אַ שטיקל חוב צו שטיצן זיין טעאַטער און גנבעט זיך אין דער שטיל צו זען אַן אָפּערעטע (און האָט טאַקע מער הנאה...).

דאָס בעסערע יידישע טעאַטער האָט אַ בעסערן יידישן עולם, עס איז אַ פאַקט, אָבער פאַר ביידע איז נאָך נישט קלאָר דער וועג פון צוזאַמענלעבן און צוזאַמענווירקן.

זיי זענען ביידע אומצופרידן, און זיי זענען ביידע גערעכט, און קיין הילף זעט זיך דערוויייל נישט...

וואו־זשע ליגט די ישועה (זי מוז דאָך ערגעץ פאָרט ליגן?) זי ליגט ערגעץ אין אַ יידישן דראַמאַטורג. עס דאַרף קומען דער יידישער דראַמאַטורג פאַר דעם בעסערן יידישן טעאַטער, וואָס זאָל מיט גרויס קראַפט אָננעמען דעם בעסערן יידישן עולם פאַר זיין צעטומלטער טשופרינע און אים אויפטרייסלען...

מיט וואָס? מיט דער סאַטירישער בייטש...

מיט ווייזן אים וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט.

אָט דערדאָזיקער דראַמאַטורג דאַרף נעמען דעם בעסערן יידישן עולם און אים אַוועקשטעלן פּנים אל פּנים מיט זיין אינהאַלטלאָזיקייט: נאַ זע, וואָס פאַר אַ חוזק-פּנים דו האָסט!

און דאַן וועט געשען אָט וואָס: דערדאָזיקער בעסערער יידישער טעאַטער-עולם וועט זיך אָנגעקוקט און מן-הסתּם אין כּעס געוואָרן.

האַ? ווי וואַגט מען עס? מיך אָנרירן? און אָט דער כּעס וועט אים אויסגעהיילט...

און דאַן וועט דאָס בעסערע יידישע טעאַטער געקראָגן זיין עולם אויף אַן אמת.

אָבער די פראַגע איז: וואו נעמט מען אָט דעם דראַמאַטורג-אויפטרייסלער?

יידן הוסטן.

פאַראַן פאַרשידענע הוסטן אויף דער וועלט: אַ הוסט פון אַ פאַרקילונג, אַ הוסט פון אַ קראַנקהייט, פון אַ ברוסטפּעלער... אַ גביריש הוסטל, אַ הוסט, וועלכע נאָר גבירים קאָנען זיך פאַרגינען; אַ הוסט פון אַ בעל-עבירה; אַ פריש הוסטל פון אַ יונגן בעל-עביה: און אַ הייזעריקלעך אונטערהוסטן פון אַן אַלטן...

אָט די אַלערליי הוסטן און הוסטלעך זענען מיר מער אָדער ווייניקער באַקאַנט, אָבער די לעצטע צייט האָב איך זיך דערוואוסט פון נאָך אַ מין הוסטן, פון וועלכן איך גלויב, אַז אפילו אונזערע געזונטהייטס-ספּעציאַליסטן ווייסן נישט — און דאָס איז: אַ טעאַטער-הוסט. און מען מוז נאָך צוגעבן: אַ ספּעציעל יידישער טעאַטער-הוסט.

ס'איז וואונדערלעך, נאָר ס'איז אַזוי: תיכף ווי אונזער עולם קומט אין טעאַטער, באַפאַלט אים אַ הוסט-אָנפאַל, אַזאַ מין הוסט-ספּאַזמע, רחמ״ל...

אַזוי איז אונזער עולם דווקא בקו הבריאה, געזונט און שטאַרק א. אַז. וו., ער פאָרט אין טראַמוויי און הוסט נישט, פאָרט אין סאָבוויי אפילו און הוסט נישט... שטייט אַרום טעאַטער און שמועסט און לאַכט און קיין שום סימן פון הוסטן, אָבער תיכף ווי ער טרעט אַריבער דעם שוועל פון אונזערע קונסט-טעמפּלען, אַהאַ — ער הוסט שוין!...

און מערקווירדיקער פון אַלץ איז, וואָס אונזער עולם צעהוסט זיך דווקא אַמשטאַרקסטן תיכף ווי עס הייבט זיך אויף דער פאָר-האַנג... און נאָך אינטענסיווער און ווירקזאַמער ווערט זיין הוסט ביי-

די איידלסטע שטימונגספולסטע מאָמענטן, ביי די פיינסטע, דינסטע שטעלן פון די פּיעסן...

און ווען דער העלד אָדער די העלדין פון דער דראַמע דאַרף עמעצן פאַרטרויען אַ ליבע-סוד אויפן אויער און אין טעאַטער דאַרף אויך זיין שטיל, ווי אין אַן אויער — דאַן טאַקע ווערט אונזער פּובּ-ליקום געוואַלדיק הוסט-פּעאיק... פריער דערהערט זיך איין הוסט... נאָכדעם אַ צווייטער... אַ דריטער, און נאָכדעם הוסט שוין דאָס גאַנצע טעאַטער, מיט פאַרייניקטע פּראָלעטאַרישע כּוחות. און גאַנץ אָפט באַ-העפט זיך מיטן הוסטן אויך אַ ניסן... גיסט זיך צוזאַמען אין דעם פיינעם כאָר פון בענקל-רוקעניש... און פלעכט זיך אַריין אין דער גרויסער סימפאָניע פון שו-שו און הירזשען-געלעכטער...

און איך זיץ אין יידישן טעאַטער, אַ פאַרביטערטער, אַן אויפ-געגרעגטער און טראַכט טרויערדיקע מחשבות וועגן יידישן פאָלק און זיין הוסטן... איך וויל דערגיין דעם סוד, פונוואַנען נעמט זיך דאָס-דאָזיקע הוסטן? וואָס זענען די סיבות, וואָס רופן אים אַרויס? זענען עס פיזיאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע אָדער גלאַט אומלאָגישע?

איך טראַכט און אָפט דוכט זיך מיר, אַז דאָס הוסטן מוז אין זיך פאַרבאָרגן טיפע כּוונות און סודות... אַז דאָס איז נישט גלאַט אַזוי אַ הוסטן... ווייל אַ ייד, זאָג איך זיך, וועט דאָך נישט נעמען אַזוי זיך, מיר נישט, דיר נישט, און הוסטן... אַ ייד איז אַ סוחר... ביי אים איז אַלץ אויסגערעכנט... אַ ייד קאָן נישט הוסטן אומזיסט...

אפשר געפעלן נישט אונזער פּובּליקום די פּיעסן? אָבער איך האָב אים געהערט הוסטן ביי „גאָט פון נקמה", ביי „שווער צו זיין אַ ייד", ביי די „שמאַטעס", ביי „שיילאָק", ביי „גרונם מיליאָנער", און ביי וואָס נישט?

אפשר געפעלט אים נישט דאָס שפילן? — אויך דאָסזעלבע: ווען עס געפעלט אים נישט, וואָלט ער דאָך נישט אַפּלאָדירט גלייך נאָכן הוסטן... אַט הוסט ער... שטערט די פאָרשטעלונג... און תּיכף נאָך דעם אַפּלאָדירט ער שטאַרק, הייס, מיט געפיל...

און איך טראַכט און טראַכט, און אָט דוכט זיך, אַז איך האָב עס!

דאָס הוסטן — פאַלט מיר איין — מוז זיין אַ רעזולטאַט פון קאָנקורענץ, נישט אַנדערש... אונזערע טעאַטער-דירעקטאָרן, ווי באַ-וואוסט, פירן גרויס קאָנקורענץ און זיי זענען אויף אַלץ פּעאיק...

נו, איז דינגט יעדער טעאַטער-דירעקטאָר ספּעציעלע הוסטער און שיקט זיי אין דעם קאָנקורענטס טעאַטער, כּדי צו שטערן די פאָרשטעלונגען, איבערפירן די שטימונג, שאַדן די קונסט-אַטמאָספערע...

דאָס איז קאָנקורענץ און נישט עפּעס אַנדערש...

ווי דענקט איר?

דאַרף אַן אַקטיאָר זיין אויפריכטיק?

ס'איז די אייביקע פראַגע פון אויפריכטיקייט.

עס איז די שאלה: צי דאַרף אַן אַקטיאָר אויך שפּילן אין לעבן, אָדער נישט?

כסדר שפּילן, אָדער נישט?

וואָס שייך מיך, גלויב איך, אַז אַן אַקטיאָר דאַרף שטענדיק שפּילן. און נישט ווייל איך פּסקן אַזוי, נאָר פּשוט, ווייל עס איז אַזוי, ווייל דער אַקטיאָר שפּילט טאַקע שטענדיק, ווייל אַן אמתער שוישפּילער קאָן אַלצאיינס קיינמאָל נישט אַרויס פון זיין שפּיל-ראָלע, ווייל דאָסדאָזיקע שפּיל שפּילט אין זיין בלוט.

ווייל די מאַסקע, די פארשטעלעניש איז אין זיין אַקטיאָרישן וועזן.

טעאַטראַלישקייט איז דעם שוישפּילערס גוף- און נשמה-אָנקליידונג, אָדער, בעסער געזאָגט, דער גוף און די נשמה איז דעם שוישפּילערס שטענדיקע טעאַטראַלישע אָנקליידונג און פאַרקליידונג.

און איך גלויב, אַז ס'איז נישט נאָר אַזוי מיט אַן אַקטיאָר, נאָר אַז אויך יעדער קינסטלער און גאָטס-באַגאַבטער שפּילט שטענדיק זיין ראָלע.

אַ דיכטער דיכטעט שטענדיק ביים שרייבטיש, ווי ביים לעבנס-טיש, און אויב דיכטונג איז ליגן, ליגנערט ער שטענדיק.

אַ ראָמאַניסט אינטריגירט שטענדיק. וואו ער שטייט און גייט— שאַפט ער „ראָמאַן", ער מוז עס! ווייל ראָמאַן און אינטריגע זענען זיין לעבנס-חיות.

אַ פּעליעטאָניסט רעדט תמיד פּעליעטאָן, ווייל פּעליעטאָן איז זיין פילאָזאָפיע, זיין אנשויונג, זיין סטיל.

אַ מאָלער זעט בילדער אַפילו דאַן, ווען ער איז נישט ביים מאָלברעט.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז עס טרעפן מאָמענטן, ווען אַ קינסטלער וויל זיך באַפרייען פון זיין באַרוף, אַרונטערוואַרפן פון האַרצן די קינסטלערישע „וועריגעס”, אַרונטערשליידערן פון זיך דעם אייביקן יאָך און קוקן אויף לעבן און מענטשן אַזוי ווי אַלע קוקן, מיט אַנדערע אויגן. אָבער דאָס געלינגט זייער ווייניקע, און די־יעניקע, וועמען עס געלינגט, ווערן אויס קינסטלער. ווייל ס'איז שווער, זייער שווער צו טראָגן צוויי נשמות — איינע פאַר דער מוזע און איינע פאַר דער גאַס...

איר זאָגט, אַקטיאָרן חנפענען, ליגנערן, שפּילן און פאַרשפּילן זיך און אַנדערע? יאָ, דאָס איז אמת! אָבער דאָס דאַרף אַזוי זיין, ווייל שפּילן און פאַרשפּילן דאָס איז דער אינהאַלט, וואָס פילט זיי אויס.

איר זאָגט: סטייטש, אַקטיאָרן זענען נישט אויפריכטיק? — אויך אמת. אָבער ס'ווענדט זיך וואָס איר רופט אָן אויפריכטיק. פאַראַן אַן אויפריכטיקייט פון מאַרקמענטשן און אויפריכטיקייט פון קינסטלער.

די קינסטלערישע אויפריכטיקייט איז פול מיט אילוזיעס, איז אַ שפּילעוודיקע, אַן אויפריכטיקייט מיט אַ מאַסקע און אַ גרים, אַן אויפריכטיקייט, וואָס מאָנט שטענדיק בייפאַל און הונגערט נאָך אַפּלאָדיסמענטן.

דידאָזיקע אַקטיאָרסקע אויפריכטיקייט איז אויפריכטיק און פאַרשטענדלעך נאָר פאַר קינסטלער.

דאָס לעבן איז אַ מאָדנע נישט געלונגענע פאַרפּלאָנטערטע דראַמע. אַ סיוזשעט אין אַ סיוזשעט, אַ שפּיל אין אַ שפּיל, אַ טראַגעדיע אויף אַ טראַגעדיע... און שאַפונג איז דער פּלאָנטער איבערן פּלאָנטער... מען דאַרף עס קענען אויספּלאָנטערן.

איך בין זיך מודה, אַז אויך איך האָב אַמאָל באַשולדיקט אַקטיאָרן אין נישט אויפריכטיקייט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זייערע רייד טויגן נישט: פאַרוואָס רעדן זיי אַזוי אָנגעבלאָזן, פּאָטעטיש און נישט אויפריכטיק?

איצט אָבער פאַרשטיי איך זיי און מאָן ביי זיי גאָרנישט. איך

וויס, וואָס עס מיינט אַקטיאָרישע אויפריכטיקייט, ווייל איך ווייס שוין אויך, וואָס עס מיינט אויפריכטיקייט בכלל.

ווייל אויב איר ווילט, איז גאָר קיינער אויף דער וועלט נישט אויפריכטיק און נישט עכט. און קיינער פאַרקויפט נישט קיין עכטע סחורה אויפן לעבנסמאַרק.

פאַרקויפט אַ קרעמער עכטע סחורה פון אויפריכטיקייט? פאַר־קויפט עס אַ רעדנער? פאַרקויפט עס אַן אַגענט? און איז דען אַפילו אַ מאַן אויפריכטיק מיט זיין פרוי, און פאַרקערט?

אַלע שפּילן, אַלע זענען פאַרשטעלט, יעדער אויף זיין שטייגער.

אַלע זענען גרימירט, — נאָר נישט אַלע קענען גוט די מלאכה.

אַ קינסטלער קען...

און אַן אַקטיאָר שפּילט מער, שפּילט שטענדיק, שפּילט קינסט־לעריש.

און דערפאַר דאַרף מען נישט זוכן קיין קרעמערשע, אָדער באַלע־באַטישע, אָדער מלמדישע כשר־פּלאָמבישע־אויפריכטיקייט ביי אַ שוי־שפּילער.

זיין פּריווילעגיע איז צו זיין נישט אויפריכטיק, אין דערדאָזי־קער נישט אויפריכטיקייט ליגט זיין אויפריכטיקייט.

איר ווילט אַן אַקטיאָר זאָל אַרויס פון זיין ראָלע? — אסור! ער טאָר נישט! ער קען נישט!

אַרויסגיין פון זיין ראָלע מיינט פאַר אַן אמתן שוישפּילער: טויט, מיינט פאַרלירן זיין שאַפונגסרייץ און קינסטלערישן דראַנג; מיינט אַוועק פון דער בינע; מיינט לעבן נאָך אַ צווייטן לעבן הוצ־דעם בינע־לעבן — און אַן אַקטיאָר, ווי יעדער אַנדערער קינסטלער, מוז בלייבן אינעווייניק, אַפילו ווען ער איז אינדרויסן.

ער טאָר נישט מפסיק זיין צו דינען — זיין קונסט...

און איך זאָג צום אַקטיאָר: שפּיל, ליבער חבר, שפּיל און פאַר־שפּיל און האָב גאָר קיין מורא נישט פאַר די אייביקע אויפריכטיקייט־זוכער און עכטקייט־מאָנער.

זאָלן זיי מאָנען, אָבער דו גיב נישט!

דו בלייב בעסער אַ בעל־חוב און ערשט דאַן וועסטו נישט באַנקראָטירן.

שפּיל שטענדיק!

און דער, וואָס איז אַליין געבענטשט אָדער פאַרשאָלטן מיט דער ברכה אָדער קללה פון שאַפן, דער וועט דיך פאַרשטיין.

פאַר אים וועט שטענדיק זיין קלאָר דיין נישט-אויפריכטיקייט...

די נישט אויפריכטיקייט פון אַן אַקטיאָר, וועלכע איז אין גרונט אויפריכטיק, ווייל ש ע פ ע ר י ש...

מען דאַרף אַ ניי טעאַטער.

פריער פון אַלץ דאַרף עס הייסן: דאָס אַנטראַקטן-טעאַטער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין חיה?

— לאָזט זיך און איך וועל אייך אויפקלערן!

גייענדיק אָפט אין טעאַטער, האָב איך פיל געלערנט. זיצנדיק אָפט אין גרויס יסורים, האָב איך איינגעזען, אַז אונזער טעאַטער, ווי מיר האָבן אים איצט, איז שוין אַ פיין ביסל אָפּגעלעבט. ער איז פאַרעלטערט אין צייט און אין פאָרם, אין גייסט און אין טעכניק.

איך האָב געלערנט, אַז דער עולם (כ'מיין דאָס ליבע פובליקום), קומט אין טעאַטער נישט צו הערן און זען, און שוין אָפּגערעדט פון לערנען (וועלכער אידיאָט וויל עס לערנען היינטיקע צייטן פון טעאַטער?) — נאָר צו רעדן אין די אַנטראַקטן!

דער היינטיקער מאָדערנער מענטש איז שרעקלעך פאַרנומען. אין געשעפט, צי ביי דער אַרבעט רעדט ער נישט. אין הויז רעדט ער אַוודאי נישט (ווייל דאָס וואָלט דאָך געמיינט אויך רעדן מיט דער ווייב), בלייבט פאַר אים בלויז דער איינציקער רייד-פּלאַץ דאָס טעאַטער.

און דאָס פובליקום רעדט מיט גרויס חשק אין די אַנטראַקטן, און ווייל די אַנטראַקטן זענען צו קורץ, רעדט עס אויך ווען די אַקטיאָרן שפּילן.

און דאָס מיינט, אַז דער עיקר קומט מען איצט אין טעאַטער נאָר צוליבן רעדן אין די אַנטראַקטן. הייסט אויב ס'איז אַזוי, טאָ פאַרוואָס נישט גרינדן גלייך פון אָנהייב אַן אַנטראַקטן-טעאַטער? דאָס הייסט אַ טעאַטער, ווו די רייד צווישן די אַקטן זאָלן פאַרנעמען די הויפּטצייט?

עס קען געטאָן ווערן אַזוי:

עפּענען דאָס טעאַטער האַלב נאָך אַכט, נאָר נישט ווי מען איז זיך נוהג איצט מיט אַן אַקט פון אַ פּיעסע—נאָר מיט אַנטראַקט! גלייך אָנהייבן מיט אַ שטענדיקן אַנטראַקט.

דאָס וואָלט געגעבן דעם עולם, וועלכער האָט איצט אַזוי ליב צו פּאַרשפּעטיקן און קומען, ווען מען שפּילט שוין, גענוג צייט צו פּאַרשפּעטיקן. און דערנאָך אויך גענוג צייט זיך אויסצורעדן, אויסצופּלוידערן און אויסצורכילותן זיך.

ערשט נאָכן ערשטן אַנטראַקט אָנהייבן דאָס שפּיל. אָבער קורץ פון קירצער. נאָך מיין פּלאַן טאָר אַן אַקט נישט דויערן מער, ווי אַ פערטל שעה. און זיין דאַרפן בלויז צוויי אַקטן, ווייל ביי מערסטע דראַמאַטורגן קלעקט טאַלאַנט סיי ווי בלויז אויף צוויי אַקטן.

און נאָך דעם ערשטן אַקט—ווידער אַן אַנטראַקט אויף אַ שעה.

און נאָכדעם ווידער אַ פערטל־שעהדיקן אַקט.

דער חשבון פון צייט וואָלט געווען אַזאַ:

2 שעה — אַנטראַקט. אַ האַלבע שעה — שפּיל. צוזאַמען: צוויי און אַ האַלב. אָנגעהייבן האַלב נאָך אַכט, וואָלט עס געמיינט אַרויס פון טעאַטער עלף אַ זייגער.

איך בין זיכער, אַז דעם פּובליקום וואָלט אַזאַ מין נייאיקייט געפעלן געוואָרן, און די אונטערנעמונג וואָלט, ווי זאָגט מען עס, געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג.

ווייל דער עיקר פאַר דעם היינטיקן מענטשן אין טעאַטער איז דאָך נאָר די געלעגנהייט זיך אויסצורעדן און אָנצורעדן. הערן וויל היינט קיינער נישט. ווייל „וואָס איז דאָ וואָס צו הערן, וואָס איך אַליין וויים נישט?"

דאָס האָט איר אייך איין נייעם פּונקט, איצט לייענט דעם צווייטן:

די צווייטע גרויסע שטערונג אין טעאַטער, נאָך דער פּיעסע, איז דער טעמפּאָ.

דער טעמפּאָ פון דער צייט!

אוי, דער טעמפּאָ! אוי, דער טעמפּאָ!

ווי ס'איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן, האָט דער אַלטער טעמפּאָ אָפּגעלעבט זיין צייט.

די צייט פליט איצט אויף אַעראָפּלאַנען, און שיקט אירע באַפעלן צו דער וועלט דורך לופט־פּאָסט און ראַדיאָ־גראַמען.

אָבער די דירעקטאָרן פון די מערסטע טעאַטערס אַרבעטן נאָך מיט דעם טעמפּאָ פון פערד- און וואָגן-פּאָסט.

זיי זעען נישט דעם ריזיקן פאַרשריט פון דער טעכניק, זיי פילן נישט, ווי דאָס פאָלק איז אומגעדולדיק.

מען מוז האָבן אַ נייעם טעמפּאָ אין טעאַטער.

קיין דיאַלאָגן, גאָט באַהיט! קיין פאַרגלייווערטע סצענעס, קיין סטאַטיק! דינאַמיק מוז מען האָבן! שטורעם און דראַנג!

מאַך עס שנעלער, דו פּאַסקודניאַק אײנער!—טראַכט בליץ-שנעל יעדער טעאַטער-צושויער וועגן דעם אַקטיאָר דעם נודניק.

גיב זיך אַ צאַפּל, ווייל איך האָב נישט קיין געדולט צו זיצן!

מען מוז האָבן טעמפּאָ!

אויב מען קען נישט אָפּשאַפן דאָס קושן זיך אויף דער בינע, טאָ זאָל מען דערביי כאָטש נישט נודיען מיט פּאַרציעניש און סמאָטשקעריי.

בליציק שנעל דאַרף דער קוש געגעבן ווערן. און נישט שטיל, ווי אַמאָל, נאָר מיט טומל און בריאַזג. דאָס בעסטע: פריער זאָל אַ ריזיקער באַראַבאַן אַ באַראַבאַנעווע טאָן און גלייכצייטיק זאָל קומען דער קוש.

טעמפּאָ פון אונזער צייט!

און אַקטיאָרן זאָלן בכלל נישט גיין אויף דער בינע מיט זייערע פיס... צו אַלטמאָדיש און פאַרצייטיק. אויב זיי קענען זיך נישט קוליען, טאָ זאָלן זיי, לכל הפחות, פאָרן אויף רעדלעך. נאָך בעסער מאָטאָר-בייסיקלס.

און פון אָרקעסטער דאַרף מען אומבאַדינגט אַרויסוואַרפן די פידלען און די פּיאַנא (אַלטמאָדישע נודניקעס).

דער טראַמבאָן און די פּויק איז גענוג, איבערגענוג!

טעמפּאָ פון אונזער צייט!

און דער פאָרהאַנג זאָל זיך נישט אויפהייבן, נאָר אַרויסגעשאָסן ווערן פון אַ האַרמאַט.

אָבער די הויפּטזאַך, כּדי נאָכצופליען דעם טעמפּאָ פון אונזער צייט, איז נייטיק צו אָפּשאַפן די אַלטע שפּראַך פון די דראַמעס.

דאָס לשון אויף דער בינע איז שוין פאַרמשותלחט, מען דאַרף האָבן אַ ניי לשון:

און דאָס לשון מוז זיין פון ראשי תבות, בלויז פון איינזיל־ביקע קלאַנגען.

ער, למשל: נ, ז! (דאָס מיינט: נו, זאָג!).

זי: וו, וו! (דאָס מיינט: וואָס ווילסטו?).

ער: צ. ט. ה. ל? (צום טייוול, האָסטו ליב?).

זי: וו. א. מ! (וואַרט אַ מינוט!).

ער: נ. ק. צ. ש! (נישטאָ קיין צייט, שוועסטער!).

זי: ק. ל. ב! (קענסט לויפן, ברודערל!).

איך גלויב, אַז נאָר אַזאַ לשון וואָלט געווען אין איינקלאַנג מיט דעם טעמפּאָ פון אונזער צייט. און דערצו איז עס קאָמיש אויך. עס קען אַרויסרופן געלעכטער. און דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע היינט.

ווענן וואַרפן.

אַנומלט בין איך געזעסן אין אַ יידישן טעאַטער, האָט מען דאָרט אינמיטן שפילן געוואָרפן פון דער בינע מיט אייערבייגל צום פובליקום.

איז מיר די זאַך געפעלן געוואָרן און איך האָב אַ טראַכט געטאָן: אפשר זאָל מען גאָר פאַרקירעווען דעם דערפאָלג פון דער יידישער בינע אין דער זייט פון וואַרפן?..

דאָס וואַרפן פון דער בינע צום פובליקום איז אַ גרויס פעלד פאַר טעטיקייט.

די פאַנטאַזיע קען זיך דאָ צעשפילן ווייט און הויך און ברייט.

מען קען וואַרפן נישט נאָר אייערבייגל, נאָר אויך אַנדערע וואַרפעכישן, אַרטיקלען און עסן-זאַכן און פאַר אַלע קלאַסן טעאַטער-גייער, פאַר באַלעבאָסטעס, יונגע מיידלעך, בחורים און אַלטע יידן.

מיר געפעלט דאָס וואַרפן!

פון איין זייט—מאַכט עס גרעסער דאָס שפיל, קינדישער, נאַיווער.

פון דעם טעאַטער ווערט אַ גרויסער שפילגאָרטן און פון די באַזוכער – קינדער.

אַלע שפילן זיך!

אַלע כאַפן!

אַלע ווערן הינגעריסן!

אַלע אינאיינעם!

און פון דער צווייטער זייט, איז עס אויך פראַקטיש... געשעפט...

עס קאָן אַ טעאַטער שטעלן אויף די פיס.

ווייל דאָ שטעקט דער גרויסער רעיון פון „סאָוועניר" געבן. און ווער האָט עס נישט ליב נעמען „סאָוועניר"?

ווער זאָגט זיך אָפּ פון אַ מתּנה?

און איך האָב זיך געטראַכט: אוי, ווען די טעאַטער-דירעקטאָרן וואָלטן געהאַט שכל, וואָלטן זיי דאָס ווארפן פון דער בינע איינגע-פירט אַלס שטענדיקן נומער אויפן פּראָגראַם.

מען קען דאָס פעלד אויסברייטן, באַארבעטן. מען קען ווארפן נישט נאָר אייערביגל, נאָר גאַנצע קוילעטשן. און ווו איז פּרוכט? מען קען דאָך ווארפן באַנאַנעס, מאַראַנצן, עפּל, פייגן און וואָס נישט?

איך וואָלט, למשל, פאָרגעשלאָגן יעדן אָוונט צו מאכן אַן עקסטרע ווארף-אָוונט פאַר אַ געוויסן קלאַס טעאַטער-גייער.

היינט ווארפט מען בלויז פאַר יונגע פרויען!

מאָרגן פאַר אַלטע יידן.

איבערמאָרגן פאַר באַלעבאָסטעס.

און איבער-איבערמאָרגן פאַר יונגעלייט.

היינט ווארפט מען פון דער בינע פאַר יונגע פרויען זיידענע זאָקן, קישעלעך, שפּיגעלעך און לאַלי-פּאָפּס.

מאָרגן פאַר אַלטע יידן קעסטעלעך שמעק-טאַבאַק..

איבערמאָרגן פאַר באַלעבאָסטעס „פּאַריש" צום אויוון, סם פאַר פּרייסן.

און איבער-איבערמאָרגן פאַר יונגעלייט,—ראַזירמעסערלעך, ציגאַ-רעטן, שעלקעס...

און אַפילו אַ קונסט-טעאַטער קען נאָך אויך געפינען וואָס צו ווארפן פאַר זיין עולם: מען קען ווארפן מיט ענציקלאָפּעדיעס, ווער-טערביכער און מאַרמאָרנע סטאַטועס פון גרויסע טעאַטער-מענער. אַלץ וויכטיקע און געוויכטע אַרטיקלען, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קונסט-טעאַטער...

און דערביי, פאַרשטייט זיך, קענען די אַקטיאָרן זינגען קופּלעטן. און עס ווערט אַ נייע פעלד פאַר נייע קופּלעטן (דאָס אַלטע איז שוין אַ ביסל אויסגעקופּלעטעוועט געוואָרן...).

ווען מען ווארפט זיידענע זאָקן, קען מען זינגען וועגן די זאָקן... און וועגן זאָקן לאָזט זיך זינגען... זאָקן זענען אַרטיקלען, וואָס מען דאַרף אַרויפציען און אַראָפּציען און עס קען תמיד אָנציען...

און דאָסזעלבע קען מען גאַנץ פיין קופּלעטעווען ביים ווארפן סם פאַר פּרייסן און שמעק-טאַבאַק און שעלקעס...

און איך האָב זיך געטראַכט, ווען איך בין אַ טעאַטער-דירעקטאָר

וואָלט איך דעם עסק געלאָזט גוט אַנאָנסירן אפשר נאָך מער, ווי די פּיעסע אַליין...

„היינט — וואָלט איך אַנאָנסירט — וואַרפט לעבעדעוו און בעסי וויסמאַן צו דער פאָרשטעלונג פון „מענדל אין יאַפּאַן" כינעזישע ניס, יאַפּאַנישע וואַזעס, אָדער „קימאָנאס".

אָדער למשל:

„היינט מאַטינע, וועט סעמועל גאָלדינבורג שפּילן „סאַנין" און וואַרפן מיט קאָרסעטן...

און נאָך אַ זאַך וואָלט איך געטאָן: ווען איך בין אַ טעאַטער-באַלעבאָס, וואָלט איך מיינע אַקטיאָרן געלאָזט נעמען באַזונדערע לעקציעס ביי היפּאָדראָם-אַקטיאָרן, וויאַזוי צו וואַרפן ווייט און הויך, כדי עס זאָל גרייכן אויך צו דער גאַליאָרקע און צו די הינטערשטע בענקלעך פון אָרקעסטער...

איך גלויב, אַז ווען דאָס וואַרפן פון דער בינע וואָלט גוט געפּראָגראַמט געוואָרן, וואָלט דער עולם נישט נאָר געגאַנגען אין טעאַטער, נאָר געלאָפן און געפלויגן און דאָס יידישע טעאַטער וואָלט געקראָגן דעם זיכערסטן קיום.

דער מיטשפּילער.

עך, אונזער יידישער טעאַטער-גייענדיקער עולם, אונזער טרערן-פאַרגיסנדיקער, מעלאָדראַמאַטיש-אַפּערעטיש-דערצויגענער עולם, אונזער קינדיש-ווייבעריש-מיטשפּילנדיקער עולם!

אָפּט האָב איך ליב צו קוקן מער אויפן עולם, ווי אויף דער בינע.

די אַקטיאָרן זענען כמעט אַלעמאָל דיזעלבע אַלטע. איך קען זיי שוין.

דער עולם איז שטענדיק אַ נייער, פאַר מיר.

די אַקטיאָרן זענען גאַנץ אָפּט פּריקרע, נודנע און דערעסן.

דער עולם איז שטענדיק אינטערעסאַנט.

גוט איז צוצוקוקן אויף אונזער עולם ביי אַ מעלאָדראַמע. דאַן ליידט ער מער, ווי די שוישפּילער, ליידט אויף אַן אמת, נישט טעאַטראַליש, לעבט איבער מיט אַלע חושים די ליידן פון דער אומגליקלעכער מוטער און פאַראומגליקטער טאָכטער.

די בעסטע אַפילו פון אונזערע שוישפּילער נעמען נישט אַזוי ערנסט זייערע ראָלן, ווי דאָס פּובליקום!

* * *

כ׳האָב ליב צו קוקן אויף עלטערע יידן און ווייבער; נאָך זייער אויסדרוק אויפן פּנים קען מען לערנען זייער באַציונג צום טעאַטער.

אָט מאַכט זיך דער קאָמיקער משוגע. שוין אַ ביסל צופיל, שרעקלעך קאָמיש מאַכט זיך דער מענטש.

טראַכט אַן אַלטער ייד: נו, ביי אים איז „שמחת־תורה", אַ שטענדיקע „שמחת־תורה", ער הוליעט, ער שפּרינגט, אים פּעלט, אפנים, גאָרנישט. ע, ווען ער האָט מיינע דאגות פּרנסה, צרות פון דער ווייב, וואָלט ער שוין נישט אַזוי געשפּרונגען!

ביי אַזאַ יידן איז דער אַקטיאָר גאָר קיין לעבעדיקער מענטש נישט. ער ווייס נישט, אַז אויך ער, דער קאָמיקער, האָט זיינע צרות פון דער ווייב, פון דירעקטאָר, פון דער קריטיק...

און אָט טראַכט דערביי אַן אַנדער עלטערער מענטש: פּע, ווי מיאוס! ווי שעמט עס זיך גאָרנישט אַ מענטש אַזוי נאַריש מאַכן, און שוין, משמעות, נישט קיין ייִנגעלע... און ווען ער איז כאָטש שיכּור! אָבער אַ מענטש איז משוגע אינגאַנצן העלן מיטוואָך, פּע!...

דאָ איז נישט קיין פראַגע וועגן גוט שפּילן אָדער שלעכט שפּילן — דאָ איז — פּע!

און אָט זינגט אַן עלטערע אַקטריסע מיט אַ כריפּעדיקן מאַנסביילישן קול און הייבט חוצפּהדיק די פיס.

קרעכצט אַן עלטערע יידענע און קרימט זיך: ווי האָט עס קיין בושה נישט! און נאָך אַ מאַמע פון קינדער אַוודאי, אַזוי אויס־געלאַסן צו זיין!

און אַן אַנדערע יידענע, אַ פרייליכערע נאַטור, שפּילט מיט און קוועלט נחת: אי, איז דאָס אַן אַקטריסע, אַ לעבן אויף איר! אוי, טאַטעלעך, זעט נאָר, זעט נאָר, ווי זי טאַנצט עס! ווי ס'זינגט! און ווי ס'שעמט זיך עס גאָרנישט פאַר די מאַנסבילן!... אַ לעבן אויף איר!...

* *
*

אַ גרויסער טייל מענטשן גייט אין טעאַטער צו זען זאַכן, וואָס זיי אַליין וואָלטן נישט געטאָן אַפילו ביי זיך אין הויז, שוין אָפּגערעדט פאַר פרעמדע.

יעדער מענטש וויל גאַנץ אָפט אַרויס פון די כלים, שפּרינגען, זיך מאַכן משוגע, זאָגן די גרעבסטע וויצן, קושען זיך בפני כל עם ועדה מיט פרעמדע קעגנזאַצן — און דאָס גיט אים דאָס טעאַטער. ער אַליין קאָן עס נישט דערוויַיזן, ער איז געצוימט, אָבער דער אַקטיאָר איז פריי, ער מעג... און דער אַקטיאָר טוט עס שוין פאַר אים אויך...

דער גרעסטער טייל טעאַטער-גייער באַוואונדערט נישט די קונסט פון שוישפּיל, נאָר די געוואגטקייט פונם שוישפּילער זיין חוצפּה פאַרן עולם, זיין בינע-דרייסטקייט און נאַקעטקייט...

* *
*

ווען אַקטיאָרן עסן, זיצט דער עולם און עסט מיט אין גע-דאַנק. ער קלויבט גרויס נחת, ווען מען רעכנט אים אַפילו בלויז אויס אַ צעטל פון מאכלים.

— זעט נאָר, זעט, — איז דער עולם אַנטציקט,—ווי ער קייט עס אַריין אויף ביידע באַקן! און קיין עין-הרע, ס'אַראַ אַפּעטיט עס האָט, אויף מיין יאָסלען געזאָגט געוואָרן! — ווינטשט זיך אַ יידענע. — איך וואָלט עס נישט געקענט אויפעסן אין אַ וואָך!—טראַכט אַ ייד, וועל-כער ליידט אויפן מאָגן. — פע, ס'אַראַ זולל וסובא!—טראַכט אן אַנדער ייד. — פע, נישט שיין. ס'פּאַסט פאַר אַ גוי!..

אָבער דערהויפּט האָט דער עולם הנאה פון די ראָמאַנטישע סצענעס, פון דעם קושן זיך אויף דער בינע.

קוקט אַ ווייבל, ווי דער ליבהאָבער קושט אַזוי די ליבהאָבערין,

און אַן אומעט צעשפּרייט זיך אויף איר פּנים: איר מאַן קושט זי שוין לאַנג נישט, אַ גאַנצע פאַרגאַנגענהייט אין שוין דאָ אין דעם, ווי ער האָט זי אַ קוש געטאָן — און עס בענקט זיך און עס פאַר־דריסט אַזוי. עס דערמאָנט זיך אָן ליבע, חתן־כּלה־צייט, חתונה... און ס'דוכט זיך אויס—ס'איז אַזוי ווייט, ווייט...

און דאָס ווייבל פאַרגעסט זיך בשעת מעשה, אַז דאָס איז טע־אַטער, און אַז דער ליבהאָבער און די ליבהאָבערין זענען בלויז שפּילנדיקע אַקטיאָרן — און זי איז זיי מקנא. מענטשן ליבן זיך אַזוי, און זיי איז גוט!...

און ווען דער ליבהאָבער פאַרציט זיך אין אַ לאַנגן קוש מיט זיין געליבטער — לעבט דער עולם דורך דעם קוש אפשר אַ סך לענגער, ווי דער ליבהאָבער.

— אָט אַזוי, אָט אַזוי! אָט דאָס הייסט געליבט זיך! אָט דאָס הייסט אמתע ליבע! — און מען אַפּלאָדירט.

• •
•

און דער יונגער עולם לערנט אין טעאַטער הלכות ליבע:

אָט אַזוי, הייסט עס, דאַרף מען טאָן, ליפּ צו ליפּ און לאַנג, לאַנג, אַזוי, אַז דער אָטעם זאָל פאַרכאַפּן.

— הלוואי זאָל מיך מיין בחור אַזוי קושן,—ווינטשט זיך אַ מיידל פאַר זיך און רויטלט זיך פאַר אַנדערע.

— ווען איך וועל מאָרגן באַגעגענען ראָזען, וועל איך אויך אַזוי טאָן, — באַשליסט אַ בחורל, — איך וועל איר זאָגן, אַז עס איז אַזוי ווי אין טעאַטער.

און אַן עלטערער ייד פאַלט בשעת מעשה אַריין אין ערינע־רונגען:

— אַמאָל... אַמאָל ווער האָט עס געוואוסט פון אַזעלכע זאַכן?.. ווער האָט עס גאָר געוואוסט... מען האָט זיך געשעמט אַפילו אָנצוקוקן,

נישט נאָר אָנצוּרירן זיך. היינטיקע זענען קליגער... עך! ווי נעמט מען די יוגנט צוריק...

און אַן אַלטע יידענע קוקט אויף דער ראָמאַנטישער ליבע־סצענע און זי דערמאָנט זיך עפּעס... עפּעס ווי אין אַ חלום, דוכט זיך, קומט עס פאָר... אַמאָל האָט זי איר מענדל אויך אַ קוש געטאָן... ווי אין אַ חלום... און זי שאָקלט מיט די ליפּן: וויפל איז שוין דערין? און אָט שאָקלט זי שוין מיטן קאָפּ. שלאָפט איין...

אונזער עולם, אַ לעבן אויף אים!

אויף אַ פּיסל.

דאָס פאָלק דענקט, אַז ס'איז זייער שווער אַריינצוקומען אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע, זייער שווער.

זאָג איך אייך, אַז ס'איז אויסגעטראַכט.

אַ שקר־בלבול איז אויסגעטראַכט געוואָרן אויף אונזערע יידישע אַקטיאָרן, אַז זיי נעמען נישט אַריין, אַז זיי ווילן נישט צולאָזן.

באמת איז זייער גרינג. זייער גרינג אַריינצוגיין אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע. נישט נאָר מען גייט, נאָר מען טאַנצט ממש אַהין אַריין.

איך האָב עס מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, בייוויינענדיק פּראָבן אין דער אַקטיאָרן־יוניע.

ס'איז גרינג אַריינצוגיין אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע, זייער גרינג, נאָר עס ווענדט זיך ווי פאַר וועמען.

פאַר דראַמאַטישע אַקטיאָרן איז די יוניע איצט כמעט פאַרשלאָסן. ערנסטע שוישפּילער וויל מען דאָרט נישט האָבן. ווער דאַרף זיי איצט? און וועמען נוצן זיי? „ליטעראַטאַציע" רופט מען עס מיט בטול.

אָבער דערפאַר נעמט מען אַריין מיט פרייד טענצער און קופּלעטן־זינגער.

מיט אַן אויסצוג פון יעקב גאָרדין, אָדער הירשביין, אַ שטיקעלע „שבתי צבי", אָדער אַפילו פּרצס „גאָלדענע קייט" קען מען זיכער דורכפאַלן. נאָר אַ נס קען ראַטעווען.

אָבער מיט אַ ביסעלע „טשאַרלסטאָן" און „אָ יעס, יו מיי בייבי" — קומט מען אַריין איינס און צוויי.

איך האָב ביי די לעצטע פּראָבן אין דער אַקטיאָרן-יוניע זייער פיל געלערנט וועגן דעם צושטאַנד פון יידישן טעאַטער און דראַמע היינט צו טאָג.

איך האָב אויך זיך באַקאַנט מיט דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די מערסטע מיטגלידער.

איך האָב געלערנט, אַז די יידישע דראַמע האַלט ביים אונטערגיין אַז ערנסטע דראַמאַטישע שוישפּילער דאַרף מען גאָרנישט האָבן.

אַז בעסערע שוישפּילער, ווי מען רופט זיי, זענען אַ מין אַנישיקעניש אויפן יידישן טעאַטער, אַז שולדיק איז מאָריס שוואַרץ...

אַ משוגענער ייד, אַ צעדרייטער... ער, דער איינציקער, וואָס האַלט נאָך דערפון און אַ ביסעלע דער בן עמי אויך.

אָבער ווי לאַנג וועלן זיי זיין משוגע?

און איך בין געזעסן ביי דער פּראָבע און געקוקט אויף מאָריס שוואַרצן, וועלכער איז געזעסן אַזאַ איבעריקער, אַ זייטיקער, און געטראַכט: וואָס האָט דאָ דער ייד וואָס צו טאָן? ווער דאַרף אים דאָ? און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך מאָריס שוואַרץ טראַכט דאָסזעלבע און אַז אָט באַלד וועט ער דעם עולם מהנה זיין און אויך אַרויס מיט אַ טענצל...

און אויף דעם בלאַסן פּנים פון בן עמי האָב איך אויך געקוקט און געזען די בלאַסקייט און דעם אונטערגאַנג פון דער בעסערער דראַמע.

בן-עמי! אָט דרייט ער זיך דאָ אַרום און ווער דאַרף אים דאָ אין אַ צייט פון טענצלעך און האָפּקעס?

און שאַ, שטיל זאָל זיין!

אָט איז אַרויף אַ מיידל אויף דער בינע און גענומען אָפּגעבן „פּראָבע" מיט די היפטן... געהאָפּקעט און געזונגען: „אָ יעס יו מיי בייבי!" — זי האָט געענדיקט און עס האָט אויסגעבראָכן אַן אַפּלאָדז... „זי האָט אויסגענומען, זי איז זיכער. אַריין!" — האָב איך געהערט אַ פליסטערן פון אַלע זייטן.

און איך האָב זיך צוגעקוקט צו די פּנימער פון די צענדליקער מיטגלידער פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע און איך האָב געלייענט:

— אָט דאָס דאַרפן מיר!

— פריער פון אַלץ ווילן מיר זיך אַליין אויך אַמוזירן!

— דראַמע, שמאַמע, ליאַמע! לאַנג לעבן זאָל דאָס פּאַרריסענע פּיסל!

און אָט איז ווידער שאַ און שטיל.

און עס קומט אַרויס אַ נייער „קרבן".

דאָס מאָל אַן אַקטריסע, אַן ערנסטע, אַ דראַמאַטישע.

זי שפּילט ערנסט. זי האָט „שולע", פיינע פּלאַסטישע באַוועגונגען. זי שפּילט אין האַלב-טאָן, זי שרייט נישט.

זי ענדיקט און — שטיל.

און איך קוק אויף די פּנימער פון די מיטגלידער — אַ טויט-אורטייל ליגט אָנגעשריבן אויף זיי...

זי איז דורכגעפאַלן. ווער דאַרף זי? וואָס וויל זי? פאַר וועמען וועט זי שפּילן?

און מיר איז זייער אומעטיק געוואָרן, כמעט ווי אין אַ שטוב, וואו עס ליגט אַ מת... איך האָב דערזען די יידישע דראַמע ליגנדיק טויט דאָ אין קלוב פון אַקטיאָרן-יוניע, און ס'איז אַפילו נישטאָ קיין באַוויינער און באַקלאָגער פאַר איר.

אַ קאַלטקייט און אַ ציניזם ליגט אויסגעשפּרייט איבער די געזיכטער פון די מערסטע מיטגלידער, ווי דער מת וואָלט געווען נישט זייער אַ לייבלעכער קרוב, נאָר עפּעס אַ וואַלגער-יונג, געפונען אין גאַס.

יאָ, יאָ, די יידישע דראַמע גייט אונטער. איר אונטערגאַנג האָב איך געזען ביי די פּראָבעס פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע.

די אַקטיאָרן אַליין ווילן נישט קיין אמתן שוישפּיל מער. קוקן ציניש אויף דער דראַמע.

אַפילו די בעסערע פון זיי האָבן אָנגעבויגן מיט די קעפּ און זיך אונטערגעגעבן...

— וואָס קען מען טאָן?

אויף אַ פּיסל, אַ לייכטס און אַ נאַרישעס, האַלט זיך דאָס יידישע טעאַטער איצט.

דאָס פּיסל איז פּאַרריסן. העכער פון קאָפּ איז עס... און עס חוזקט פון הארץ און נשמה.

און די צוקונפט פון יידישן טעאַטער הענגט אויף אַ שפּרונג און אַ זונג...

ווען אַ מענטש האָט אַ דראַמע.

יעדער מענטש מוז האָבן אַ דראַמע.

ווען אַ מענטש וויל זיך באַפרייען פון זאָרג פאַר פרנסה און דירה־געלט, — דאַרף ער אָנשרייבן אַ דראַמע.

אמת, נישט אַלעמאָל איז דאָ פון אַ דראַמע פרנסה — אָבער דערפאַר איז שטענדיק דאָ אַ תירוץ, פאַרוואָס מען האָט נישט קיין פרנסה...

ווען אַ מענטש האָט אַ דראַמע, קען ער שוין אומגיין פריי אויף גאַסס וועלט און גאָרנישט טאָן...

ער איז שוין פאַרזיכערט מיט „אַ שטאַנד" אין לעבן, מיט „אַ באָדן" אונטער די פיס...

ווען מען פרעגט אַזאַ מענטשן: וואָס איז מיט פרנסה? — ענטפערט ער קורץ: איך האָב אַ דראַמע!... — און מען פרעגט שוין נישט מער, מען ווייסט שוין...

יעדער מענטש מוז האָבן אַ דראַמע.

אויב אַ געשפּילטע — איז אַוודאי גוט. דאַן האָט ער שוין אַ וועקסל אויפן פאָלק ישראל: ער האָט געשטעלט אויף די פיס דאָס יידישע טעאַטער!

ער, און נאָר ער, האָט געראַטעוועט די יידישע בינע פון אונטערגאַנג!

דאָס פאָלק ישראל קען זיך אים קיינמאָל נישט אויסצאָלן פאַר זיין געשפּילטער דראַמע, ער איז אויף אייביקע קעסט ביים פאָלק.

עס איז אַ חוב אויף דור דורות...

און דער עיקר — דער מענטש מיט דער דראַמע, קען אויף דעם חשבון מאַכן חובות...

און ווען דאָס לײַדנדיקע פאָלק ישׂראל ווערט אַ קאַפּיטשקע ברוגז און הייבט אָן אונטערמורמלען: סטייטש, פאַרוואָס גייסטו, מענטש איינער, נישט אַרבעטן? פאַרוואָס זעט מען פון דיר נישט קיין תּכלית? וויפל איז דער שיעור צו ליגן אויפן קאַרק? — דאַן ענטפערט דער מענטש מיט דער געשפּילטער דראַמע זייער שטרענג:

— ע׳, פאָלק! דו זײַ נאָר נישט צופיל חוצפּהדיק! ווער האָט אַ דראַמע, איך, צי דו, האַ?

און דאַן ווערט דאָס לײַדנדיקע פאָלק ישׂראל אַנטשוויגן: ווען אַ מענטש האָט אַזעלכע באַווייזן, איז שוין אַלץ פאַרענטפערט...

און דאַן בויגט דאָס פאָלק ישׂראל אַרונטער דעם גרייז־גרויען קלוגן קאָפּ, און גיט זיך אונטער...

קעגן אַלץ אין דער וועלט קען דאָס פאָלק ישׂראל זיך אַנטקעגנשטעלן, נאָר נישט קעגן אַ מענטשן, וואָס האָט שוין אַ געשפּילטע דראַמע...

אָבער אין ערגסטן פאַל קען מען אויסקומען אָן אַ געשפּילטער דראַמע אויך...

עס איז אויך גענוג, אַז אַ מענטש טראָגט אַרום אַ דראַמע אין בוזעם־קעשענע. אויך דאַן קען ער שוין אומגיין און קרעכצן: לומפּן, מען וויל נישט שפּילן מײַן דראַמע!

אויך דאַן קען ער אומגיין מיט שוים און קללות אויף די ליפּן: סטייטש, אַזאַ סקאַנדאַל, מען שפּילט נישט מײַן דראַמע! מען וויל מיך אומברענגען!

און אויך דאַן קען אַזאַ מענטש, מיט אַ דראַמע אין בוזעם־קע־שענע, סטראַשען דאָס פאָלק, אַז ער וועט זיך שמדן, ווען מען וועט נישט שפּילן זײַן דראַמע...

ווען אַ מענטש האָט אַ דראַמע (אַ געשפּילטע, צי נישט), דאַרף ער שוין בכלל נישט זאָרגן וועגן אַ קאַריערע...

ער דאַרף מער גאָרנישט נישט שרײַבן.

ער איז שוין סײַ ווי סײַ וועלטבאַרימט און באַטיטלט...

ווען אַ מענטש שרײַבט אָן עטלעכע סקיצן אָדער לידער, קען ער נאָך נישט זײַן קיין שרײַבער...

אָבער ווען אַ מענטש שרײַבט אָן איין דראַמע נאָר, — איז ער שוין אַ דראַמאַטורג בײַ ייִדן און ער מאָנט שוין כּבוד!

אַ דראַמע איז אַ גליקלעכער עסק...

דראַמען זענען ביי אונז דאָ אַזוי ווינציק, אַז מען שפּילט די ערגסטע דראַמע אומעטום, אויפן גאַנצן ערד־קוגל.

און אַ מענטש, וואָס האָט אַ דראַמע, קען זיצן אין ניו־יאָרק, און זיין נאָמען זאָל אַרומטערשיינען מיט גרויסע בוכשטאַבן אין אַרגענטינע אָדער אַפריקע...

און אַמאָל פּאַסירט, עס זיצט אַזאַ מענטש אין ניו־יאָרק, און ס׳איז נישטאָ אויף דירה־געלט, און פּלוצלונג, פּונקט ווי אין אַ שונד־ראָמאַן, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער בריווטרעגער און ברענגט אַ טשעק, „ראָיאַלטיס״ פאַר זיין דראַמע...

דער טשעק איז ערגעץ פון די הרי־חשך.

אמת, דער האָנאָראַר איז זייער קליין, אָבער דער עיקר איז דאָך, נאָך אַלעמען, נישט דאָס געלט, נאָר דער כבוד: דאָס פאָלק ישראל שפּילט דיינע דראַמעס און שיקט דיר אַ טשעק...

היינט דאָס ווייב? אַזוי אַ מענטשן איז שווער צו פאַררעדן דעם ווייב די ציין, ווען זי פרעגט די גוט באַקאַנטע היימישע קשיות: וואָס עסט מען? וואו נעמט מען אויף דאָס און אויף יענס? אָבער אַ מענטש, וואָס האָט אַ דראַמע, פאַרשטאָפּט דעם ווייב תיכף דאָס מויל — מיט אַ דראַמע:

— וואָס מיינסטו זיך, ווייב, איך וועל האָבן אַ דראַמע און דו וועסט נאָך בעטן עסן? שווייג, דו חצופה!

עס איז זייער באַקוועם פאַר יעדן איינעם צו האָבן אַ דראַמע. עס לוינט זיך באַלד בעסער, ווי צו זיין אַ מענדל בייליס...

היינט וואו זענען די ערן־אָוונטן?

ווען אַ מענטש האָט אַ דראַמע, דאַן רופט ער צוזאַמען אַק־טיאָרן און זיי שפּילן פאַר זיין כבוד וועגן זיין דראַמע.

און מען רופט דאָס פאָלק, אַז עס זאָל קומען און זען זיין איינציקן דראַמאַטורגס דראַמע! (דאַן ווערט ער אַן איינציקער...).

אמת, מערסטע ערן־אָוונטן זענען אַ דורכפאַל: מען קומט נישט!... אָבער דאָס איז שוין דאָך אַ מזל־זאַך... מען האָט דאָך געקענט קומען אויך... און דער עיקר: דער מענטש מיט דער

דראַמע קריגט כבוד, מען שפּילט זיין דראַמע פאַר אַ פּוסטע הויז — אָבער דערפאַר פול מיט ערע...

איך זאָג: יעדער דערוואַקסענער מענטש און בירגער דאַרף האָבן אַ דראַמע.

מיט אַ דראַמע איז מען זיכער דורכצושטופּן דאָס לעבן גרינג און ערנאָוונטיק!..

אונזערע בעלי־טובות.

ניט נאָר גוים טוען אונז טובות, נאָר אויך יידן. געוויסע יידן נאָך מער ווי גוים.

דאָס יידישע פאָלק לעבט און מוטשעט זיך אויף דער וועלט אַ דאַנק די בעלי־טובות אונזערע און זייערע.

גוים טוען אונז אַ טובה, וואָס זיי לאָזן אונז לעבן און אָטעמען...

געוויסע יידן — וואָס זיי חברן זיך מיט אונז.

אונזערע יידישע בעלי־טובות קען מען איינטיילן אויף אַ סך טיילן:

א) אַ קלאַס, וואָס טוט אונז אַ טובה, אַז ער גייט דורך איסט בראָדוויי.

ב) אַ קלאַס, וואָס טוט אונז אַ טובה, וואָס ער כאַפּט אַ קוק אין אַ יידישער צייטונג (נישט קויפן, חס ושלום, נאָר כאַפּן אַ קוק ביי עמעצן!).

ג) אַ קלאַס, וואָס ראַטעוועט אונז ממש פון אונטערגאַנג, ווען ער באַזוכט אַ יידיש טעאַטער.

ד) אַ קלאַס, וואָס דערהאַלט אונז ביים לעבן, ווען ער פאַלט אריין אַמאָל אין אַ יידישן רעסטאָראַן...

ה) אַ קלאַס, וואָס טוט אונז די גרעסטע טובה, ווען ער רעדט אַ יידיש וואָרט מיט גרייזן...

איך האָב אָט די אַלע בעלי־טובהניקעס שרעקלעך נישט ליב... כאָטש איך האָב פון זיי אָפּט הנאה, ווייל זיי זענען זייער קאָמיש...

איך קען איינעם אַזאַ, פון דעם קלאַס רעסטאָראַן־בעלי־טובות, וואָס ווען איך כאַפּ אים עסן אין יידישן רעסטאָראַן, פאַרשעמט ער זיך: ער עסט צום ערשטן מאָל... געוויינלעך עסט ער אין פראַנצויזישע, איטאַליענישע און אמעריקאַנישע רעסטאָראַנען, אויף בראָדוויי... אָבער גראָד האָט זיך אים געמאַכט היינט, אַז ער איז היינט דאָ פאַרבייגעגאַנגען צוליב געשעפט און ער עסט דאָ היינט...

ווייס איך וואָס, דאָס עסן האָט דען דאָ אַ טעם? און וואָס פאַר אַ באַהאַנדלונג?!..

אמת, איך קוק אויף מיין באַקאַנטן און איך זע, ווי ער זופּט מיט דער גרעסטער הנאה די יידישע זופּ, קוויקט זיך מיט די פיש — אָבער איך פאַרשטיי, אַז ס'עס פּאַסט אים נישט, דעם אומגליקלעכן, צו מודה זיין, אַז ער האָט הנאה... ער דאַרף ווייזן, אַז ער טוט אונז אַ טובה, וואָס ער עסט ביי אונז...

איך קען אויך אַ פּאָר אַזעלכע בעלי־טובהניקעס, וואָס זיי טוען אונז אַ טובה, ווען זיי רעדן אויס אַ יידיש וואָרט.

זייער יעדע מינע דערביי רעדט: מיר טוען אייך אַ טובה! נישט אונז פּאַסט צו רעדן יידיש... און נישט מיר קענען דאָס לשון... אָבער אָט זעט, ווי פיין מיר זענען צו אייך!..

אמת, ווען מען הערט דיזאָזיקע חברה רעדן ענגליש, דאַרף מען זיך שעמען... און ווי שלעכט זיי רעדן יידיש, רעדן זיי יידיש אַ סך בעסער, אָבער זיי ווילן עס נישט מודה זיין... ווי פּאַסט עס גאָר?

נאָך אַ פאַרשוין פון דער סעריע בעלי־טובות קען איך: דאָס איז אַ מיידל, וואָס פאָרט נאָר אין גוישע זומערפּלעצער...

דאָרט ווערט זי אויסגעריסן... האָט נישט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, און קומט צוריק דאַרער, ווי זי איז אַוועקגעפאָרן... — אָבער זי פאָרט דאָך אַהין, ווייל קומענדיק, קען זי דערציילן, אַז זי איז געווען אין אַ גוישן פּלאַץ: און, אַך, ווי גוט ס'איז דאָרטן! ווי פיין! און די געזעלשאַפט!—איך פאָר נישט אין די יידישע פּלעצער!

איך האָב אַמאָל אַזאַ מיידל באַגעגנט אין אַ יידישן זומערפּלאַץ (דאָס האָט זי איר מוטער געצוואונגען, כדי זי זאָל זיך אַמאָל „פּאַפּראַווען”...).

האָט זי זייער הנאה געהאַט ביי די יידן, גוט פאַרבראַכט און זיך טאַקע „געפּיקסט” אויך... אָבער ווען איך האָב זיך מיט איר צע-

רעדט, האָט זי מיר אַלץ געוואָלט איבערצייגן, אַז זי פּלאָגט זיך דאָ... וואָס פאַר אַ עסן גיט מען עס דאָ, אין די יידישע פלעצער... זי יועט מער אַהער נישט פאָרן... און די געזעלשאַפט? — וואָס פאַר אַ פאַרגלייך מיט די גויישע? און דער מיידל איז ממש געגאַנגען אין לעבן מיר צו ווייזן, אַז זי טוט אַ טובה דעם יידישן פאָלק, וואָס זי איז געפאָרן דאָסמאָל אין אַ יידישן האָטעל...

אויך דעם יידישן טעאַטער פעלן נישט קיין בעלי-טובהניקעס.

דאָס יידישע טעאַטער בכלל האָט וואונדערבאַרע טעאַטער-גייער, טייערע פשוטע יידן. זיי האָבן ליב זייערע טעאַטערס, האָבן ליב די סטאַרס, גייען אין טעאַטער מיט שמחה, מיט דבקות...

אָבער צווישן זיי דרייט זיך אויך אַרום אַ בעל-טובהניק.

ווען איך באַגעגן נאָר אַזאַ פאַרשוין אין יידישן טעאַטער, איז אַנטשולדיקט ער זיך פאַר מיר.

— איר פאַרשטייט? איך גיי נישט אין יידישן טעאַטער (ער דריקט אויפן וואָרט „יידישן")... ס'איז דען דאָ וואָס צו זען אין יידישן טעאַטער? (ער קוקט מיך דערביי אָן מיט גרויס שטאָלץ).

נאָר וואָס-זשע דען?.. איך האָב פאַרבלאָנדזשעט...

באמת האָט דער ייד נישט פאַרבלאָנדזשעט, נאָר געגאַנגען... באמת האָט ער זייער הנאה פון יידישן טעאַטער, און ווען קיין באַקאַנטער איז נישטאָ דערביי, איז ער זיך ממש מחיה מיט דעם שפּיל, מיט די וויצן...

ער עסט עס, ווי קוגל... שלינגט עס, ווי געפעפערטע פיש... ווי המן-טאַשן... ווי קרעפּלעך...

אָבער נאָר אַלץ, ווען קיין באַקאַנטער איז דערביי נישטאָ...

איז אָבער עמעצער יאָ דאָ דערביי, פאָזירט דער מענטש, קרימט זיך, קוקט פון אויבן אַרונטער: יידיש טעאַטער, וואָס קען מען דערוואַרטן מער?! יידישע אַקטיאָרן—און ווי קען מען זיי פאַר־גלייכן מיט די גויישע?!..

איך האָב אָט דעם קלאַס יידן שרעקלעך נישט ליב.

כאָטש ווי געזאָגט, ער איז זייער קאָמיש און איך לאַך אַמאָל פון אים מיט גרויס הנאה...

די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אַ קריטיקער.

קריטיקער שרייבן, קריטיקער קריטיקירן — אָבער האָט זיך אַמאָל אַ קריטיקער פֿאַרטראַכט וועגן זיין פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט?

נישט וועגן זיין פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער ליטעראַטור, פֿאַר דער קונסט, פֿאַר דער עפֿנטלעכער מיינונג און נישט אַפֿילו פֿאַר דער אייביקייט, נאָר פּשוט און פּראָסט פֿאַר דעם קריטיקירטן?

איך טראַכט אָפֿט וועגן דערדאָזיקער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. נאָך יעדער „הריגה", וואָס איך מאַך אויף עמעצן — פֿאַרטראַכט איך זיך וועגן דעם.

און מיר דאַכט, אַז צו גרויס איז די דאָזיקע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אַ קריטיקער קעגן זיינע „קרבנות", גרויס און שווער. און ס'איז כּדאַי אַ שמועס צו טאָן וועגן דעם.

קאָלעגן קריטיקער! ווען איך הייב אָן טראַכטן וועגן דערדאָזיקער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווילט זיך מיר אַוועקלייגן מיין קריטיקער-קרוין צו די פֿיס פֿון מיינע „קרבנות" און אויסרופֿן: צעטרעט זי! פֿאַרניכט זי!.. איך וויל נישט מער!

באמת, ס'איז זייער אַ גרויסע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט צו זיין אַ קריטיקער און דערהויפּט אַ שטרענגער, אַן אמת-זאָגנדיקער, נישט קיין דיפּלאָמאַט און נישט קיין פּאָליטיקער, נאָר אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער קריטיקער.

אַזאַ מין קריטיקער טוט זיכער אַ שאָדן זיין קרבן.

למשל, אָט שטעלט זיך אייך פֿאָר אַזאַ בילד: אַ יונגער דיכטער האָט אַ געליבטע און זי האַלט פֿון אים, ווי פֿון אַ געטע (אַזוי האָט

ער איר איינגערעדט), און פּלוצלונג קומט אַרויס אַ קריטיקער, צע-גלידערט דעמדאָזיקן דיכטער און באַווייזט, אַז ער איז אַ גאָרנישט... גאָר קיין דיכטער נישט.

און דאָס מיידל, די געליבטע פון דעם דיכטער, לייענט איבער די קריטיק און זי עפנט די אויגן און דערזעט — אַז דער קריטיקער האָט רעכט...

און דער רעזולטאַט: דאָס מיידל פאַרלאָזט איר געטע, און — וואָס טוט דער פאַרלאָזענער, אַרונטערגעריסענער דיכטער?

ער ווערט פאַרצווייפלט, הייבט אָן שיכּורן, און צום סוף באַגייט ער זעלבסטמאָרד...

נו, פרעג איך אייך: האָט אַ קריטיקער אַ רעכט צו פאַרשאַפן אַ מענטשן אַזויפיל יסורים, ברענגען אים צו זעלבסטפאַרניכטונג?

אָדער נאָט אייך אַן אַנדער משל: אַ קריטיקירטער האָט שוואַכע נערוון, אַ קראַנק האַרץ — און נאָך אַ שטאַרקער קריטיק אויף זיינס אַ ווערק ברעכט דער מענטש צוזאַמען און פאַלט אַוועק... אָדער בלייבט אַ חולה מסוכּן אויף אייביק...

נו, פרעג איך אייך נאָכאַמאָל: האָט אַ קריטיקער אַ רעכט אַזוי צו ברעכן אַ מענטשנס געזונט?

אָדער נאָט אייך גאָר אַן איינפאַכערע זאַך:

איינער אַן אָרעמאַן אַ ייד שרייבט אָן אַ דראַמע (אַלע דראַמען-שרייבער זענען אָרעמע יידן, און אָרעמע יידן שרייבן דראַמען). און קונסט אַהער, און קונסט אַהין, דאָס איז אַ פּשוטער טאָג-טעגלעכער חשבון:

דער מענטש דאַרף זייער אַ ווינטערמאַנטל. דעם מענטשנס ווייב — זייער און זייער. זייערע ביידנס „פּרוכט פון ליבע", די קינ-דער, וואָלט אויך נישט געשאַדט צו נייע ווינטער-מאַנטעלעך. און דער חשבון פון דעם דראַמען-שרייבער איז אַ קלאָרער:

די דראַמע וועט אויסנעמען, וועט אַוועקגיין — וועט שוין זיין פאַר אַלעמען אויף ווינטערמאַנטלען.

און דאָ קומט אַ טעאַטער-קריטיקער און מאַכט אַ מחק אין חשבון: ער רייסט אַרונטער די פּיעסע... מאַכט עס צו נישט און—רעזולטאַט: מען נעמט די פּיעסע אַרונטער, און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער

דראַמאַטורג בלייבט אָן אַ מאַנטל. דיטאָ — דאָס ווייב, דיטאָ — די קינדער.

און ס׳קומט ווינטער (ווינטער מוז דאָך קומען נאָך זומער) און דווקא מיט שווערע פרעסט, און דער דורכגעפאַלענער דראַמאַטורג פאַרקילט זיך און אויך דאָס ווייב כאַפּט אַ פאַרקילונג.

און ס׳איז שלעכט, ביטער — אַ שרעק!

נו, הייסט זאָגט: מעג אַ קריטיקער אויף זיך נעמען אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט?

קלערער פאָרמולירט: האָט אַ קריטיקער אַ רעכט צו שאַטן פּערזענלעך אַ מענטשן?

דער קריטיקער מעג אפילו פּערזענלעך זיין קרבן נישט קענען — און ער מעג שרייבן זייער אמתדיק, אָבער יאָ קענען, נישט קענען — שאדן קען ער דאָך. און איז עס שיין פון אים?

— אָט האָסטו, — זאָג איך צו מיינעם אַ פריינט, אַ טעאַטער-קריטיקער, — נעכטן אָנגעשריבן אַ טעאַטער-רעצענזיע און זייער געלויבט די אַקטריסע נ. זי אַוועקגעשטעלט הויך, גרויס, געלויבט איר יוגנט, איר טאַלענט, איר שפּילן, איר שיינקייט און אזוי ווייטער, ביז צו די קנעכל, און אין דערזעלבער רעצענזיע האָסטו איר מאַן, אויך אַ שוישפּילער, געמאַכט אויסצודרייען, גערופן טאַלאַנטלאָז. נו, פרעג איך דיך, האָסטו אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם רעזולטאַט פון דעם?

און דער רעזולטאַט קען דאָך זיין אַ שרעקלעכער: מיט דיין קריטיק האָסטו דאָך אפשר צעשטערט אַ פאַמיליעלעבן, פאַרניכט אַ שלום-בית! ווייל אָט שטעל זיך פאָר אַזאַ בילד: זי, דיין פיל-געלויבטע און גרויס-געגרויסטע אַקטריסע, קומט נאָכן טעאַטער אַהיים אַ גאַנצע קלעפּאַטרע. זי האָט דאָך דיין לויב-געזאַנג וועגן זיך, און אויף איר מאַן, דעם אַרונטערגעריסענעם אַקטיאָר, קוקט זי ווי אויף אַ גאָרנישט... זי, כמעט אַ דווע, — און ער עפּעס אַן אַקטיאָרל... און זיי הייבן זיך אָן דורכוואַרפן מיט שטעכווערטער... זי שטעכט אים מיט דיין קריטיק, ער איר מיט חשדים... און צום סוף? דער דער שלום-בית צעפּאַלט זיך: זי גייט אַוועק מיט אַן אַנדערן. נו, פרעג איך דיך, טייערער מיינער, מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו אַריינגעשטעקט דיין נאָז אין אַ פרעמדן טאָפּ?

איר שרייט דאָך, אַז קריטיק איז קונסט, און קונסט איז לעבן. און דאָ נעמט איר און צעשטערט און טויט דאָס לעבן!

אַלזאָ, וואָס שלאָג איך פאָר?

איך שלאָג פאָר אָט וואָס:

איידער אַ קריטיקער, אַ ליטעראַטור־קריטיקער, צי אַ טעאַטער־קריטיקער, נעמט זיך קריטיקירן, רייסן און אַרונטעררייסן, זאָל ער אונטערזוכן:

א) דעם געקריטיקירטנס פאַמיליעלעבן.

ב) זיין געזונט־צושטאַנד.

ג) וואָס פאַר אַ געליבטע האָט ער. צי קען זי אים פאַרלאָזן ביי דער ערשטער שלעכטער קריטיק, צי נישט?

ד) צי האָט דער געקריטיקירטער נישט קיין נייגונג צו זעלבסט־מאָרד?

ה) ווי האַלט פון אים זיין ווייב?

ו) צי האָט ער און דאָס ווייב ווינטערמאַנטלען?

איך גיב אָן בלויז עטלעכע פונקטן אָבער איך גלויב, אַז ווען אַ קריטיקער וועט זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן זיין פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, וועט ער זיכער געפינען נאָך וויכטיקע פונקטן צו אונטער־זוכן...

„שאלות ותשובות".

אין שווארצס טעאַטער. ביים „אייביקן ליגן". לעבן מיר זיצט אַ ייד, שוין אַן עלטערער, מיט אַ קורץ גרוי בערדל. נאָכן אויסזען אַ למדן, אַן אָרטאָדאָקס. באַקען איך זיך מיט אים און ווענד זיך נאָכן צווייטן אַקט צו אים מיט:

— נו, ווי געפעלט אייך עפעס די דראַמע?

גיט זיך מיין ייד אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף הין און צוריק און גיט זיך אַ זאָג אַרויס:

— געפעלן געפעלט עס מיר יאָ אַ ביסל, אָבער ס'איז אַן אַלטע זאַך...

— וואָס מיינט איר אַן אַלטע זאַך? — וואונדער איך זיך.

— און וואו זעט איר דאָ די נייאיקייט? — ענטפערט מיר דער ייד צוריק מיט אַ פראַגע.

— וואָס הייסט, — זאָג איך, — האָט איר שוין ערגעץ געזען ביי אונז אַזעלכע דראַמען?

— געזען! — מאַכט דער ייד גאַנץ קאַלט. — וואָס-זשע דען? וואָס זעט איר דאָ, פאַר אַ חדושים? אין מיינע אויגן איז עס „שאלות ותשובות".

— „שאלות ותשובות"?

— יאָ, שאלות ותשובות, — שאָקלט דער ייד מיטן קאָפּ. — פרומע יידן וואָלטן עס אַזוי גערופן, איר רופט עס דראַמע...

— וויאַזוי? — בין איך טשיקאַווע צו וויסן.

— אָט וויאַזוי, — מאַכט דער ייד, — אָט נעמט דעם תוך פון

דערדאָזיקער דראַמע „דעם אייביקן ליגן", איז אין וואָס גייט עס? וואו ליגט דאָ די הויפּט-שאלה? דאָס איז דאָך, צי מען מעג זאָגן ליגן, צי נישט? צי מעג מען, צוליב אַ גוטער זאַך אפילו, נאַרן אַ צווייטן — צי נישט? צי דאַרף מען אויסזאָגן דעם אמת, כאָטש מען מאַכט דער-מיט עמעצן אומגליקלעך — צי נישט? נו, איז וואָס איז דאָס, אויב נישט קיין „שאלות ותשובות?" איז עס אַ פּלוגתא צווישן בית-שמאי און בית-הלל, להבדיל. דער אַלטער, דער טאַטע, דאָ, אין דער דראַמע, פּסקנט, אַז מען טאָר נישט! נישט זאָגן! ער איז דאָס פון בית-שמאי, להבדיל, אַ שטרענגער מענטש... אַן ערנטלעכער פיינער מענטש, כאָטש אַ גוי... און די חברים זיינע אָבער פּסקענען — אַז יאָ... זענען זיי, להבדיל, פון בית-הלל. מענטשן נישט קיין מחמירים...

— אַ טשיקאַווער בליק, — זאָג איך, — אויף אַ דראַמע.

— וואָס פאַר אַ דראַמע? — ווערט דער ייד צעוואָרעמט. — וואו זעט איר דאָ דראַמע? אַז איר ווילט, איז עס קיין דראַמע נישט, נאָר, להבדיל, אַ גמרא, אַ פּלפּול, אַ סוגיא... איר פאַרשטייט? נאָך דער גמרא קען מען שוין גאָרנישט מער אויפטאָן, אונזערע תּלמודיסטן האָבן שוין אַלץ פאַרכאַפּט... נו, מאַכט מען זיי נאָך... אָבער מען שעמט זיך עס צו רופן „שאלות ותשובות", רופט מען עס דראַמע, מאָדערנע דראַמע... אָבער וואו איז דאָ די מאָדערנקייט? אַז איר ווילט, איז עס גאָר אַ יידישע זאַך, אַן עכט יידישע זאַך, נאָר אַנ-שטאט דאָס זאָל פאָרקומען פאַר יידן למדנים, גאוני התורה, האָט מען עס איבערגעגעבן אין די הענט פון אַקטיאָרשטשיקעס, זיי זאָלן פּסקענען... און אַז אָך און ווי איז צום פּסק...

— דאָס גאָר? — פרעג איך מיט אַ שמייכל.

— דאָס גאָר! — מאַכט דער ייד זייער זיכער. — אָט אין דעם שטעקט די גאַנצע נייקייט פון דער היינטיקער וועלט: ביי אַ בלעטל גמרא אַזאַ שאלה אויסזיצן וויל קיינער נישט. פע, ס'איז אַלטמאָדיש... און אין טעאַטער זיצט מען יאָ און מען האָט נאָך הנאה און מען פּאַטשט נאָך אויך...

— אינטערעסאַנט, — באַמערק איך.

— ביי אייערע היינטיקע הייבט זיך אַלץ אָן מיט אינטערעסאַנט, — מאַכט דער ייד, — און עס לאָזט זיך אַלץ אויס מיט אינטערעסאַנט.

וואָס איז דאָ אינטערעסאַנט, כ׳בעט אייך? ס׳איז דאָך אַן ערנסטע פראַגע, אַ לעבנספראַגע, גאָר-גאָר אַ הויכע שאלה, מען דאַרף עס נעמען בכבוד ראש, ערנסט, — אָבער איר, הייגנטוועלטיקע, נעמט עס אַזוי לייכט, גרינג, און דערפאַר פוסט... אַזאַ שאלה, צי מעג מען, צי טאָר מען נישט זאָגן ליגן, איז אַ האַרבע שאלה, מען דאַרף עס גוט באַטראַכטן, און דאָ קומט מען זיך אמוזירן דערביי... פע!

דערווייל האָט מען געגומען שפּילן. נאָך דעם דריטן אַקט בין איך מיטן מאַן אַרויס פון טעאַטער און ער האָט פאָרטגעזעצט זיין שמועס:

— יאָ, איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, אַ ביסל זייט איר יאָ גערעכט. עס איז יאָ דאָ נייקייט אויך. איך ווייס שוין וואו עס שטעקט דאָ די מאָדערנעקייט אייערע! דאָס איז אין אייער גוישקייט! און וואָס טוט אַ גוי? ער איז קיינמאָל נישט אויסגעהאַלטן. ער איז אַ רוצח, באַגייט רציחות און דערביי צלמט ער זיך איבער און רעדט פון מענטשן-ליבע. ער באַגייט עבירות און שרייט, אז ער טוט עס אויס רחמנות... אָט נעמט, זאָג איך אייך, די העלדן פון אָט דער גאַנצער דראַמע און טוט זיי אָן יידישע קליידער און מאַכט זיי פאַר יידן און טאַקע פאַר אמתע יידן, מאַכט דעם קאָלאָנעל פון „אייביקן ליגן" פאַר אַ רב, להבדיל, און איר וועט זען, אַז די דראַמע וואָלט קיין דראַמע נישט געווען, מען קען זי ענדיקן אַ סך פריער...

— וואָס וואָלט דער ייד דאָ געטאָן? — פרעג איך.

— וואָס? וואָס וואָלט ער געטאָן? — מאַכט דער ייד. — אַ פרומער ייד וואָלט דאָ נישט איינגעגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן. גע-כאַפּט די שנור ביי אַן עבירה? וואָלט ער גלייך געמאַכט דערצו אַ סוף! ביי אַ פרומען יידן שפּילט אַן אשת איש אַ גרויסע ראָלע. אַן אשת איש, וואָס זינדיקט, טאָר מיט איר דער מאַן נישט לעבן. מען טאָר נישט און גאָר! אָבער די גויים האָבן דאָך כלומרשט זייער פאַלשן צעקראָכענעם רחמנות — נו, בלייבן זיי וווינען, און דער אלטער טאַטע מאַכט אַ שוויג פון דער חצופהס עבירה. אָט דערין שטעקט אייער גאַנצע גוישע מאָדערנעקייט! און ווער האָט דערפון?— קיינער נישט! ביי יידן וואָלט זיך דאָס פּאָרל צעגט און פאַרטיק. ער וואָלט חתונה געהאַט און זי וואָלט חתונה געהאַט, און פטור

עס וואָלט גאָר קיין טראַגעדיע נישט געווען. אָבער ביי גוים איז דאָס אַ פאַרשלעפּטע קראַנק. דער שכל הישר זאָגט, אַז מען דאַרף זיך גטן, אָבער ווי קומט אַ גוי צום שכל הישר?...

— —

מיר זענען זיך צעגאַנגען.

ער אמת וועגן אונזער פובליקום.

דעם אמת מעג מען זאָגן אפילו
אַן אייגענעם עולם אויך.

דער וועג פון קונסט איז אַ שווערער, אַ באַרגיקער.

דער וועג פון יידישער קונסט איז נאָך אַ שווערערער.

אַ יידיש קונסט-טעאַטער האָט אַ סך מער שטערונגען און שטרויכלונגען אויף זיין וועג צו קונסט, ווי אַ גויִישער.

אַ יידישן קונסט-טעאַטער פעלן מעצענאַטן (אַ מאָראָזאָוו, אַן אָטאָ קאַהאַן).

אַ יידישן קונסט-טעאַטער פעלן: אָפּפערוויליקע טאַלאַנטן, אַ פאַראַנטוואָרטלעכע רעזשי, גוטע פּיעסן און אַ פּובליקום, וואָס זאָל וועלן קומען און באַצאָלן פאַר קונסט.

און הייב איך אָן טראַכטן וועגן די אַלע פעלערן, דאַכט זיך מיר, אַז מען קען זיי כמעט אַלע ווי ס'איז פאַרריכטן, דערפילן.

אָבער איין פעלער, דאַכט זיך מיר, איז דער שווערסטער פון זיי: דאָס איז אונזער ליב פּובליקום. פאַר מיר איז אונזער פּובליקום דער גרעסטער שטיין אין וועג צו אַ יידישן קונסט-טעאַטער.

און דער פעלער באַשטייט פאַר מיר נישט נאָר אין דעם, וואָס דאָס קונסט-ליבנדיקע פּובליקום קומט נישט אין קונסט-טעאַטער — דער פעלער איז פאַר מיר, אין אַ געוויסן זין, נאָך גרעסער, אַפילו דאַן, ווען עס טוט שוין דער יידישער קונסט די גרעסטע טובה און עס קומט שוין יאָ.

בקיצור: לויט מיין בליק, טויג אונזער פּובליקום נישט פאַר אַ קונסט-טעאַטער.

ווייל פאַר אַ קונסט-טעאַטער איז נישט גענוג צו האָבן אַ פּובלי-
קום, מען מוז האָבן דאָס פּובליקום.

ס'איז אַ וואונדערלעכע זאַך: מיר האָבן דאָס פּעיִקסטע פּובלי-
קום — פאַר ווייגען. מיר האָבן די גרעסטע געוויין-ספּעציאַליסטן אין
טעאַטער. מיר וואָלטן געקענט צושטעלן אַלע טעאַטערן פון דער וועלט
טרערן-עקספּערטן פאַר טראַגעדיעס און מעלאָדראַמעס.

מיר האָבן דאָס פלינקסטע פּובליקום אויף אויפצוכאַפּן און
אונטערצוכאַפּן אַ לידל און עס גלייך צעטראָגן איבער די גאַסן און
הייזער.

מיר האָבן דאָס דאַנקבאַרסטע, אומדערמידלעכסטע פּובליקום
אויף אַפּלאָדירן, אויף אַרויסצורופן אַ שוישפּילער נאָכאַמאָל און נאָכ-
אַמאָל.

אָבער מיר האָבן נישט דאָס פּובליקום, וועלכעס זאָל קענען
אויפנעמען אַ קונסט-זאַך.

ווייל אויפצונעמען קונסט, מוז מען האָבן אַ געוויסע זעלבסט-
דערציִונג און באַציִונג. קונסט מוז מען אויפנעמען מיט יראת הכבוד,
מיט שטילקייט, מיט פיינקייט, מיט אַ געוויסן הייליקן ציטער.

אָבער זאָל שוין זיין אָן דעם הייליקן ציטער און אָן דעם
יראת הכבוד, אָבער, לכל הפּחות, זאָל מען אַנשטענדיק זיצן, ווען מען
שפּילט!

נישט הוסטן.

נישט רעדן.

נישט דרייען זיך אויף די פּלעצער.

נישט זאָגן מבינות גלייך אויפן אָרט.

אונזער קונסט-ליבנדיקע פּובליקום, אַפילו דאָס בעסערע, מאַכט
דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט געקומען אין קונסט-טעאַטער נישט צו
זען און הערן, וואָס די אַקטיאָרן טוען און רעדן אויף דער בינע,
נאָר אַליין זיך גאָר דורכצורעדן.

נישט נאָר די פּרויען רעדן, וועלכע האָבן אויף דעם אַ הכשר
פון דורות, נאָר אויך די מענער.

און אַפילו ווען מען זאָל די מענער וועלן באַרעכטיקן מיט דעם,
וואָס אינדערהיים לאָזן זיי זייערע פּרויען נישט עפּענען דאָס מויל —
נו, כאַפּן זיי אַריין און ווילן אויסנוצן די געלעגנהייט אין טעאַטער —
בלייבט אָבער איבער פון רעדן אָן איבער.

מען דאַרף זיך נישט שעמען און זאָגן, אַז די מערהייט פון אונזער עולם, אַנהייבנדיק פון איסט-בראָדוויי און ענדיקנדיק מיט בראָנקס — ווייס זיך נישט ווי צו האַלטן אין אַ קונסט-טעאַטער, האָט נישט קיין מאַניערן פאַר אַ קונסט-טעאַטער...

מ'קומט אין טעאַטער מיטן גאַנצן הוהאַ פון דער ראַדיקאַלער גאַס, מיט דעם גאַנצן טומל פון אונזער היימישן יאַרידל. מ'קומט דעבאַטירנדיק, מיט ברייט-פאַנאַנדערגעפירטע הענט...

אָבער דאָס ערגסטע איז, וואָס יעדער איינער פון אונזער קונסט-ליבנדיקן פובליקום איז אַ טעאַטער-קריטיקער...

קריטיק איז געזונט און גוט, אָבער עס ווענדט זיך ווען און וואו.

אונזער עולם וואַרט נישט ביז ער וועט אַרויס פון טעאַטער, אָדער קומען אַהיים — ער ק ר י ט י ק י ר ט ג ל י י ך א ו י פ ן אָ ר ט, טאַקע ביים שפּילן גופא. און דאָס דאַרף מען צוגעבן — ער איז זייער אַ פעיִקער קריטיקער: נאָך איידער דער אַקטיאָר פאַרענדיקט אַ טיראַדע — איז שוין ביי אים פאַרטיק אַ קריטיק...

דאָס איז שרעקלעך...

איז דאַרף מען נישט מורא האָבן און זאָגן: אין אַ קונסט-טעאַטער, וואו שטילקייט איז נייטיק צו שאַפן אַן אַטמאָספערע, וואו הערן באַטאָנונג פון ווערטער איז דאָס וויכטיקסטע — קען מען עס מיט אונזער עולם נישט אויספירן.

וואָס-זשע טוט מען? איך גלויב, אַז איידער מיר וועלן האָבן אַ ריכטיקן קונסט-טעאַטער, דאַרף מען אונזער פובליקום אויסלערנען אַ סך קונסטן:

א) די קונסט פון שווייגן; ב) די קונסט פון נישט הוסטן; ג) די קונסט פון נישט קריטיקירן ביים שפּילן, און ד) סתם די גרויסע קונסט פון זיצן, ווי אַ מענטש.

ווי קען מען עס דורכפירן? איך גלויב, אַז נאָר אויף אַזאַ אופן: אנשטאט גרינדן דראַמאַטישע קלובן און פאַריינען, צו פאַר-גרעסערן די צאָל פון קינסטלער, זאָל מען בעסער גרינדן שווייג-קלובן (אין וועלכע מען זאָל לערנען דאָס פאָלק, ווי צו שווייגן אין טעאַטער), און אנשטאט דראַמאַטיק-קלובן — אַנטי-הוסט-קלובן און אַנטי-קריטיק-פאַריינען. און פעיִקע, גוטע לערער דאַרף מען דערפאַר, און כל זמן מיר וועלן עס נישט האָבן, וועלן מיר נישט האָבן קיין קונסט-טעאַטער.

דאָס פאַרשעמטע יידישע וואָרט.

אונזער יידיש טעאַטער וואַקסט, פּראָגרעסירט, באַנייט זיך, איך מיין אין געביידן...

עס וואַקסט די ביי-געביידיקייט אין דער יידישער טעאַטער-וועלט, די ציגל-עשירות...

די יידישע טעאַטער-געביידע באַנייט זיך און פאַרשענערט זיך: גרויס-געביידיקייט, ברייט-קאָרידאָריקייט, אַ סך גאָלד און ליכט, די מאָדערנסטע אָפּרו-צימערן א. אַז. וו.

אונזער טעאַטער לייטישט זיך, אויסשליסלעך אין גוף, קריגט אַ ציוויליזירט פּנים...

איז האָלט איך עס פאַר אַ געווינס, אַז איר ווילט—פאַר אַ גרויס געווינס...

נייע טעאַטער-געביידן זענען שוין אַ גרויסער קולטור-בייטראג מיט די ווענט בלויז אַליין.

און דער עיקר לייג איך נישט דאָס געוויכט אויף דעם היינט, נאָר אויף דעם מאָרגן.

מאָרגן וועלן זיי ווערן נאָך וויכטיקער, ווי היינט, ווייל נייקייט האַלט נישט לאַנג אָן. און דער אינטערעס צו נייקייט איז אויך קורץ.

דער עיקר פון אַ נייער טעאַטער-געביידע איז, ווען זי ווערט אַ ביסעלע אַלט, ווען ערינערונגען לייגן זיך אַרום אירע ווענט, ווי וואַכלייט.

ווען די ציגל ווערן אָפּגעריבן און פאַרשטויבט און דער עולם קומט נאָך אַלץ — איז אַ סימן, אַז די געביידע האָט זיך איינגעגעסן

אין דער, ווי רופט מען עס, נשמה פון פּאָלק, געוואָרן אים ליב און טייער. און אַ געביידע דאַרף זיך איינעסן, מען דאַרף קענען ליב קריגן די ציגל אויך, חוץ די אַקטיאָרן, מען דאַרף זיך איינגעוויינען צו דעם ריח פון אַ פּלאַץ, צו דער אַטמאָספערע פון אַ בנין.

אַרום אַ טעאַטער־געביידע מוז מען אָנהייבן פּילן דעם אָטעם פון פאַרגאַנגענהייט, כדי זי זאָל ווערן אַ פּאַקטאָר איצט.

אַלץ אין אַ טעאַטער, פון די ווענט ביז די שטולן, פון דעם פּאָרהאַנג ביז די אָרנאַמענטן, מוז ליב ווערן, ווי משפחה־דאָקומענטן...

דער חסרון פון אונזער טעאַטער איז,—וואָס ער איז צו באַוועגלעך, וואָס ער זאָרגט נאָר פאַר פאַרקויפן וואָס מער זיץ־פּלאַץ און אַליין איז ער נישט באַזעצט...

דער פעלער פון אונזער טעאַטער איז — וואָס ער רעלקינט און אנשל־שאָרט אום כסדר...

וואָס דאַרפן אונזערע טעאַטער־באַלעבאַטים טאָן, חוץ זייער אויפטו מיט די נייע געביידעס? זיי דאַרפן, דער עיקר, זען, אַז איבער די געביידעס זאָל שוועבן דאָס יידישע וואָרט...

איז דאָ דאָס יידישע וואָרט אויף די יידישע טעאַטער־געביידעס? ליידער נישט!

מען דאַרף זוכן דאָס יידישע וואָרט אויף אונזערע טעאַטער־בנינים.

מען אָנאָנסירט זיי אַלס כשופדיקע פּאַלאַצן — אָבער די פּאַלאַצן פאַרטרייבן פון זיך די פּרינצעסין, און אָן דער פּרינצעסין—וואָס טויג דער פּאַלאַץ און דער כישוף?

בכלל קוקן אויס אונזערע נייע יידישע טעאַטערן, ווי ענגלישע. עס שוועבט נישט דער יידישער חן איבער די געביידעס.

און דער יידישער חן איז די יידישע שפּראַך, דאָס איז אונזער איינציקע אַרכיטעקטור...

ווען עס פעלט דאָס יידישע וואָרט, פעלט אַלץ.

ווען עס פעלט ביים אַריינגאַנג, פעלט עס אויך אינעווייניק.

דאָס יידישע וואָרט איז באַליידיקט און פאַרשעמט אויף די יידישע טעאַטער־געביידעס, פאַררוקט און פאַרווינקלט, פאַרקליינט און פאַרקלענערט.

די גרויסע בוכשטאַבן אויף די אָנגעזעענסטע פּלעצער פאַרנעמט דאָס ענגלישע וואָרט. און דאָס יידישע וואָרט דאַרף מען זוכן...

איר וועט זאָגן — געשעפט? דאָס פּאָדערט אַזוי? — נישט אמת.

די יידישע טעאַטער-מענטשן זענען פשוט שלעכטע געשעפטסלייט, און דערצו איז טעאַטער אַ געשעפט און דאָך נישט קיין געשעפט. עס איז פריער פון אַלץ אַ יידישע אינסטיטוציע, אַ קולטור-בנין...

געשעפט? — אַפילו צו מאַכן אַ דערפאָלג פון אַ געשעפט, דאַרף מען זען ליב מאַכן די סחורה, וואָס מען פאַרקויפט, מאַכן זי טייער און באַרימט.

און דאָס יידישע וואָרט איז די סחורה, וועלכע די יידישע טעאַטער-באַלעבאַטים פאַרקויפן...

מאַכן זיי עס ליב פאַר זייערע קונדן? ניין!

שוין לאַנג ביים אַריינגאַנג אין טעאַטער איז מען עס מזלזל, מאַכט מען עס צו גרינג געלט, לערנט מען דעם יידישן עולם, אַז עס שפּילט אַ קליינע ראָלע.

די יידישע טעאַטער-באַלעבאַטים זענען שלעכטע געשעפטסלייט, זיי אַליין לערנען דעם עולם צו גיין אין די ענגלישע טעאַטערס...

קומט פריער צו אונז זיך לערנט אויס ענגליש פון אונזערע פּיעסן, און נאָכדעם גייט אייך אַהין וואו מען גיט דאָס ריכטיקע ענגליש...

ווען די יידישע טעאַטער-באַלעבאַטים וואָלטן געווען פעיִקע, קלוגע געשעפטסלייט, וואָלט ביי זיי דאָס יידישע וואָרט אַרויסגעשיינט גרויס און ליכטיק. עס וואָלט איבערגעשיינט אַלע אַנדערע ווערטער...

דאָס יידישע וואָרט וואָלט גערופן מיט הונדערטער ליכטיקע גרויסע גאָלדענע בוכשטאַבן: יידישע קינדער, קומט צו זיך! יידישע קינדער, שעמט זיך נישט מיט אייער יידיש וואָרט! יידישע טעאַטער-וואָגלער, מיר רופן אייך אַהיים, מיר לייכטן פאַר אייך!

נישט באַהאַלטן און פאַרווינקלען דאַרף מען דאָס יידישע וואָרט, נאָר אַרויסשטעלן עס מיט שטאָלץ, נישט פאַרשטופן, ווי אַן אַלטן זיידן אין אַ הויז פון אַן אָלרייטניק, נאָר זעצן אויבנאָן, ווי ביי אַ פיינער און בכבודיקער משפחה...

מען דאַרף דעם יידישן עולם איינגעוויינען צו זיין שטאָלץ מיט זיינס, כדי ער זאָל קומען זען זיינס! מען דאַרף וועקן און מונטערן זיין איינגעשלאָפענעם באַוואוסטזיין.

שפּראַך איז אַ גרויסער ענין, מיינע פריינט!

ווייל אויב נישט דער אונטערשיד פון שפּראַך, איז, פרעג איך אייך, צו וואָס דאַרף אַ יידיש קינד גיין דווקא אין יידישן טעאַטער?

און דער באַגריף שפּראַך איז נישט בלויז דאָס וואָרט אַליין.
דאָס וואָרט גייט קיינמאָל נישט אַליין, עס איז ווי דער „סטאַר״ אין אַ יידישער אָפּערעטע. פריער פאַר אים קומען אָנזאָגער און זינגער און טענצער, באַגלייטער און באַדינער...
דאָס יידישע וואָרט איז אַלץ: מימיק און תוכן, נשמה־שפּיל און די רעזשי פון נשמה־שפּיל. פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, קודש און חול...
איך שטיי אָפּט פאַר אונזערע טעאַטער־געביידעס און שעם זיך:
אַזעלכע שיינע געביידעס — און דאָס יידישע וואָרט ווערט אין זיי אַזוי מיאוס באַהאַנדלט.
פריער ביים אַריינגאַנג, אינדרויסן, און נאָכדעם אינעווייניק, אויף דער בינע.
פאַרשעמט איז דאָס יידישע וואָרט אין יידישן טעאַטער. און ס׳איז קיין חידוש נישט, וואָס אונזערע טעאַטער־געביידעס מיט זייער גאַנצער נייקייט און שיינקייט וואַקסט זיך נישט אַריין אין דער יידישער נשמה. אָן באַציונג קען עס נישט וואַקסן... און אירע בויער האָבן נישט קיין באַציונג...
איך וואָלט געזאָגט: יאָ, יאָ, מיינע ליבע יידן, נייע טעאַטער־געביידעס, גוט, פיין, אָבער חוץ נייע געביידעס פאָדערן מיר אויך פון אייך אַ באַנייטע באַציונג צום יידישן וואָרט...

שוישפּיל און שותּפות.

ווענדליק מיין דערפאַרונג מיט שותּפות און שותּפים, איז נישטאָ קיין אומגליקלעכסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט, ווי אַ שותּף, און קיין ערגערע זאַך, ווי שותּפות.

שותּפות האָט אויסגעטראַכט דער גאָט פון קריג.

ווען גאָט האָט זיך פאַרוואָלט, אַז מענטשן זאָלן נישט לעבן בשלום, האָט ער זיי איינגערעדט: גייט און מאַכט אַ שותּפות צווישן זיך!

אַפילו דאָס שותּפות פון מאַן און ווייב, וואָס מען רופט פאַמיליע-לעבן — שמעקט מיט פּולווער.

און איך בין כמעט איבערצייגט, אַז ווען דער באַשאַפער פון דער וועלט איז געווען קריגעריש געשטימט, האָט ער געכאַפּט אַ מעסער און אויסגעשניטן ביי אדמען אַ שטיק פלייש פון ריפּ, און אים פאַרגעשטעלט אַ חוה, אַ ווייב, אַלס שותּף.

און פון דאַן אָן רייסן זיך מאַן און ווייב עד היום הזה...

און ווי אין לעבן, אַזוי אויך ביים שאַפן: גליקלעך זענען די, וואָס קענען אויסקומען אָן שותּפים אין זייער שאַפן. די, וועלכע קענען שאַפן ביחידות, אַליין, אָן שותּפים.

און פון דעם שטאַנדפונקט אַרויסגעשטאַנדפונקט, איז דער שוישפּילער דאָס אומגליקלעכסטע שאַף-באַשעפעניש אויפן פעלד פון שאַפונג.

אַ שריפטשטעלער שאַפט אָן שותּפים. חוץ די שטומע טינט, פּאַפּיר און פעדער, שטערט אים קיינער נישט אין זיינע מינוטן פון יצירה. ער איז אַליין מיט זיינע געדאַנקען, געפילן, שטימונגען און ווייען.

דאָסזעלבע אויך דער מאלער און סקולפּטור: חוץ לייוונט, פּענ־
זעל, ליים, האָבן זיי נישט קיין שותּפים.

אַ ביסעלע אומגליקלעך, אָבער דאָך נישט אַזויפיל, זענען שוין
די זינגער און די פידל־ווירטואָזן: זיי האָבן שוין אַ שותּף, דעם
פּיאַניסט...

זיי מוזן וואַרטן ביז דער פּיאַניסט וועט געבן דעם טאָן. זיי
זענען שוין נישט אַליין... זיי זענען שוין געבונדן צו עמעצן, און
אָפט איז דער עמעצער אַ גאַנץ פיינער קאַליקע...

אָבער דער גרעסטער מטופּל מיט שותּפים איז דער שוישפּילער.

צוערשט קומט דער פּאַרפאַסער. אַ גרויסער שותּף, מיט אַ סך
טענות און תּביעות, מיט אַ סך, ווי זאָגט ער אַליין, אַריינגעלייגטן
קאַפּיטאַל אין שותּפות...

נאָכדעם קומט דער רעזשיסער, אַ לאָווקער שותּף, אַ סך ווינצי־
קער אַריינגעלייגט, ווי דער פּאַרפאַסער — אָבער אַ חלק וויל ער גראד
אַ היבשן, אַ פעטן...

און נאָכדעם קומען שוין די פאַרשידענע קלענערע שותּפימלעך,
וועלכע שלעפּן פּראָצענטן... דער גאַרדעראָבע־מאַן, דער ממונה איבער
עלעקטריע, דער סופליאָר, דעקאָראַטאָר, פאָרהאַנג־הייבער א. אַז. וו.

און דאַן ערשט זייט איר נאָך נישט פּטור פון דעם שותּפים־
געזינדל. עס קומען ערשט די אַקטיאָרן, מיט וועלכע מען מוז אויפ־
טרעטן צוזאַמען. מיט איינעם גאָר נאָענט אַזש ביז מויל־שותּפות, מיט
אַ צווייטן אַ ביסעלע ווייטער — אָבער אַלע זענען אין שותּפות...

און עס שאַפט זיך דער אַקטיאָר זיין „קונסט" בשותּפות און
קיינער פילט נישט, ווי שווער דאָס איז.

איך, אַלנפאַלס, האָב רחמנות מיט די שוישפּילער.

נעמט נאָר אזאַ מאָמענט. אָפט דאַרף אַן אַקטיאָר זיך דערקלערן
אין ליבע און קושן זיין אייגן ווייב (וועלכע שפּילט צוזאַמען מיט
אים די הויפּט־ראָלע), און מיט וועלכער ער האָט זיך ערשט מיט אַ
פּאָר שעה צוריק גוט צעווערטלט.

אָפט קומט אויס אַפילו אַן אַקטיאָר צו קושן אויף דער בינע
זיין אייגענע שוויגער...

ס'איז שרעקלעך!

דער אומגליק פון דעם טעאַטער־שפּיל, וואָס מען קען עס נישט

שפילן אַליין, אין קאַבינעט. מען מוז דערצו האָבן אַזויפיל שותּפים, און אָפט זענען די שותּפים אַזעלכע נישט קיין אַנגענעמע פּאַרשוינען...

איך זיץ אַמאָל אין טעאַטער און קוק צו דאָס שפּיל אויף דער בינע. אָט קומט אַרויס אַ טאַלאַנטפולער שוישפּילער: אינטעליגענט, פיין, באַחנט — אַ חיות אים צו זען, און אָט קומט אַרויס א טאַלאַנט־לאָזער אַקטיאָר: גראָב, נישט געהובלט, אַ פּורצע פון ערשטן קלאַס. און אָט מאַכט דער טאַלאַנטלאָזער אַקטיאָר הנדלען צום טאַלאַנטפולן און איך טראַכט זיך: ווען איך בין אויף דעם אָרט פון דעם טאַלאַנט־פולן אַקטיאָר, וואַרף איך דידאָזיקע פּורצע אַרונטער... קוליע אים איבער איבער דער ראַמפּע. שענק אים גלייך אַ מתּנה צום פּובליקום, פון אָרקעסטער...

און איך פיל, אַז אויך דער טאַלאַנטפולער שוישפּילער פילט אַזוי (ווייל ווי קען מען דען אַנדערש פילן בשעת מעשה?). אָבער דאָך שפּילט ער מיט יענעם, ענדיקט זיין ראָלע און אָט קומען זיי באַך אַרויס צוזאַמען נאָך אַפּלאָדיסמענטן...

שותּפים!

און דאָס איז אַלץ מיט מאַנסבילן. היינט וויפל שוין דאַרפן זיך אויסליידן און אָנליידן די פרויען־אַקטריסעס?

דאָס, וואָס צווייַ אַקטריסעס טרעטן אַרויס צוזאַמען אַלס צווייַ־טרייע שוועסטער אָדער חברטעס, דאָס נעם איך נישט אין חשבון: דאָס טרעפט אין לעבן אויך. אויף דעם פאַל זענען פרויען תּמיד שוישפּילערינס...

אָבער איך מיין אַן אַנדער זאַך:

אָט האָב איך אַנומלט געזען אויפטרעטן אויף דער בינע אַ נייע יונגיטשקע פּרימאַדאָנע.

זי טרעט אויף צום ערשטן מאָל — האָט מען אַנאָנסירט.

האָט איך געקוקט אויף דער יונגער אַקטריסעלע און איך האָב מיט איר שרעקלעך רחמנות געהאַט. נישט ווייל זי איז אויפגעטרעטן מיט שוואַכע כּוחות — כּוחות קען זי מיט דער צייט קריגן — נאָר דאָס, וואָס איר איז אויסגעקומען צו אויפטרעטן, אין איר טעאַטער־בלהשאַפט, דווקא מיט אַ מיטשפּילער־שותּף, אַן אַלטן בעל־עבירהניק, אַ ציניקער... און זי, די יונגיטשקע, די ריינע, די נאָך בינע־אומ־

שולדיקע האָט געדאַרפט פילן אויף זיך דעם אָטעם פון דעמדאָזיקן בעל-עבירהניק...

זאָגט, איז דאָס נישט שרעקלעך?

הכלל, ווען איר קוקט אויף דער בינע און זייט מקנא דעם אַקטיאָר, פאַרטראַכט זיך אַמאָל אויך וועגן דעם אַקטיאָר, דעם בעל-מטופל מיט אַזויפיל שותּפים און האָט אויך מיט אים אַ ביסעלע מיטלייד...

דאָס געזעץ פון וואַלד.

זיצט ער פאַר מיר אַ בלאַסער, אַן אויפגערעגטער און ער רעדט:

— אין קיין קונסט הערשט נישט אַזוי דאָס געזעץ פון וואַלד, ווי אין דער טעאַטער-קונסט.

דאָס געזעץ פון וואַלד, אָט דאָס אוראַלטע געזעץ, באַצווינגט אַלע מעשים פון דעם אַקטיאָר און באַפעלט אים דורכצופירן אַלץ, וואָס ער הייסט...

און אַנטקעגנשטעלן זיך דעם געזעץ איז שווער, כמעט אומ-מעגלעך... און ווילסטו זיין אַנדערש, ווי אַנדערע, פאַרקוקן דאָס גע-זעץ — קומט דיין שטראָף:

דו פאַרלירסט, ווערסט אָפּגערוקט אָן אַ זייט און פאַרקוקט...

אַן אַקטיאָר, וואָס וויל לעבן אַקטיאָריש, מוז זיך צוהערן צום געזעץ פון וואַלד, צו זיינע באַפעלן.

און דאָס געזעץ פון וואַלד שרייט: שטיי נישט אָפּ! גיי מיט אַלעמען. בייס, רייס, קעמף מיט ציין און נעגל פאַר דיין פלאַץ אויף דער בינע, שפרינג, כאַפּ, פאַרצוק און קוק זיך נישט אום... יאָ, קוק זיך נישט אום!

מיין פריינט, שוישפיל איז אַן אומגליקלעכער באַרוף, עס איז דער באַרוף פון דער חיה אין וואַלד. זיין אַ גוטער אָנגעזעענער אַקטיאָר באַדייט זיין אַ פעיִקע חיה, מיט שאַרפע ציין, פאַרשפּיצטע נעגל און אויגן, וואָס שיסן מיט פייער.

פאַר אייך איז טעאַטער אַ פאַרגעניגנס-פּלאַץ, פאַר אונז אַ קאַמפס-פּלאַץ.

אַן אַקטיאָר מוז כסדר קעמפן.

קעמפן—מען זאָל אים געבן אַ בעסערע ראָלע, קעמפן—מען זאָל אים נישט אויסשניידן די בעסערע פראַזע, פירן מלחמה פאַר פאַר-נויגן זיך פאַרן פובליקום, פאַר דעם פּלאַץ, ווו צו שטיין, ווען די פאַרנויגסט זיך... כסדר קעמפן.

טעאַטער איז אַ פּלאַץ, ווו די ביזט שטענדיק אַרומגערינגלט מיט, איך וויל נישט זאָגן—שונאים, ניין, מיט קאָנקורענטן, וועלכע קענען ווערן יעדע מינוט דיינע שונאים.

יאָ, מיט קאָנקורענטן, אין וועמענס בלוט עס שרייט אויך, פונקט ווי אין דיין בלוט, דאָס געזעץ פון וואַלד, דאָס געזעץ פון רויב און פאַרצוקונג...

אין וואַלד איז אומהיימלעך; יעדע חיה ברומט פאַר זיך, און ברומט זי נישט, איז שלעכט... דאַן איז אַ סוף צו איר וואַלד-קאַריערע...

אין וואַלד ווייסט מען נישט פון רחמנות, דער הונגער איז גרויס, עס ווילט זיך קריגן וואָס מער רויב, מער פאַרצוקונג און דערפאַר מוזטו יעדע ווײַלע זיין גרייט אַ שפּרונג צו טאָן אויף דיין קרבן...

— און ווער איז דיין קרבן? — איר וועט לאַכן. דער קרבן איז דאָס פובליקום... מיט אים מוז מען עס שטילן דעם הונגער, דעם שטענדיקן הונגער...

און איר וועט מיר גלויבן, צי נישט, אָפט קוקסטו אויפן פוב-ליקום, זעסטו פאַר זיך די גרויסע סטאַדע... און די פילסט—ווי אַראָפּצושפּרינגען און זיך איינעסן מיט די ציין און נעגל און העל-זער... און דערפילן דאָס וואַרעמע בלוט... נאָר דאַן, פילסטו, וואָלסטו געקאָנט שטילן דיין גרויסן הונגער...

— און וואָס איז מיט די קריטיקער? — יאָ, די קריטיקער קוקן מיר אָפט אויס, ווי די שומרים פון וואַלד, וועלכע ווילן באַשיצן די סטאַדע, וויקן נישט דערלאָזן קיין בלוט-פאַרגיסונג, און אָפט זע איך זיי, ווי די יעגער, וועלכע היטן אונזערע טריט, און באַפאַלן אונז ווי חיות... יאָ, מיין פריינט, אָפט פילן מיר, אַקטיאָרן, ווי דער קריטיקער שטייט צווישן אונז און דער פאַרצוקונג. מיר עפענען דאָס מויל צום איינשלינגען און זיי וואַרפן אויף אונז קוילן און פאַרוואונדן אונז...

— און ווייסט איר, וואו נאָך עס ליגט די צרה? די צרה איז,

וואָס די צייט איז קורץ. מען מוז זיך צואיילן. פון אַלע זייטן יאָגט מען, טרייבט מען... שאָטנס באַלאַגערן דעם וואַלד... די נאַכט קויערט אויף אונז פון די טיפסטע אָפּגרונטן און מען מוז זיך איילן אַרויס־צוגיין אויפן יאַגד... דאָס געזעץ פון וואַלד איז שטרענג: מוזט יאָגן! קיין פאַרצוקונג קומט נישט צו דיר אַליין אין מויל אַריין... דו מוזט אַליין שפּרינגען פון הויט, זיך אָנשטרענגען, אָפּט שטעלן דיין לעבן אין געפאַר... יאָ, יאָ, די צייט איז קורץ אין וואַלד און מען מוז קעמפן פלינק, ווי אַ חיה. און פון יעדן ווינקל לויערט אויף דיר אַ ברודער, צו פאַרכאַפּן דיין פאַרצוקונג...

— איר וועט זאָגן, איך טרייב איבער, דער פאַרגלייך מיט אַ וואַלד איז נישט ריכטיק. אַקטיאָרן זענען נישט קיין חיות, אַלנפאַלס נישט אַלע... ניין, מיין פריינט, אַלע! אין טעאַטער איז נישטאָ קיין אינטעליגענץ, גילט נישט קיין אינטעליגענץ. ווען לעוו טאָלסטאָי אַליין וואָלט געווען אַ שוישפּילער, וואָלט ער זיך אויך געמוזט באַדינען מיט די וואַלד־מעטאָדן. ווען ער וואָלט געוואָלט פאַרנעמען אַ פּלאַץ און, דער עיקר, שטילן זיין גרויסן הונגער... ווייל הונגעריק איז יעדער קינסטלער. אָבער דעם גרעסטן הונגער פילט דער אַקטיאָר, און אַז מען איז הונגעריק, מוז מען גיין רויבן, מוז מען פאַרצוקן... אָט אַזוי איז דאָס געזעץ פון וואַלד. און קיין צדיקים זענען אין וואַלד נישטאָ... נישטאָ!

מאַסקע און גרים.

אַמאָל האָב איך געהאַלטן, אַז אַ פּנים מוז זיין אַ פּנים: ריין, ווי פון גאָטס פורעם אַרויס — איצט האָב איך אַן אַנדער מיינונג.

איך האָב איינגעזען, אַז מאַסקירן זיך און גרימירן זיך מוז מען נישט נאָר אויף דער בינע, נאָר אויך אין לעבן.

מאַסקע, מאַסקע, מאַסקע! — שרייט דאָס לעבן. אַפילו צו טאַלאַנט מוז מען זיין מאַסקירט.

גרים, גרים, גרים! — רופט די דערפאַרונג. אַפילו צו געניאַליטעט מוז מען זיין גרימירט.

מען שטעלט אַמאָל אַ פראַגע: צי דאַרף אַן אַקטיאָר אָדער שריפטשטעלער שטענדיק זיין נאָר דער אַקטיאָר און שריפטשטעלער?

מיין ענטפער איז: יאָ, יאָ, אַלעמאָל! ווערן אויס קינסטלער מיינט — זיין ווי אַלע, און דאָס טאָר נישט געשען.

די דערפאַרונג לערנט, אַז דאָס פאָלק האָט ליב, אַז דער שוישפילער, ווי דער שריפטשטעלער, זאָל זיך פאַר אים מאַסקירן און גרימירן. אַז דער גאָט-געבענטשטער זאָל פאַר אים פּאָזירן...

מאַסקע און גרים ביי קינסטלער — מיינט פאַרהילן, באַהאַלטן און פאַרסודען זיך — און טאַקע דאָס פאַרגעטערט דאָס פאָלק.

פאַר אַ שוישפילער, ווי פאַר אַ שריפטשטעלער, איז שטענדיק גלייכער נישט צו ווייזן דעם פאָלק זייער ריכטיק פּנים.

ווייל דאָס פאָלק איז נישט קיין פּסיכאָלאָג, עס קען בלויז פאַרשטיין צוויי זאַכן: אָדער פאַרגעטערן, ווי אַ געצנדינער, אָדער פאַרוואַרפן מיט בלאָטע, ווי אַ כאַם...

קוקט נישט, וואָס מען זאָגט, אַז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז נישט שיין און אומקינסטלעריש זיך אומצוטראָגן אומעטום מיטן

קינסטלער — דאָס איז אַ קינדעריי, אַ נאַיִווער שפּיל און תּמימות און נישט מער!

עס האַלט נישט אויס: דאָס לעבן איז קעגן דעם, די דערפאַ-רונג איז קעגן דעם!

אַן אַקטיאָר אָדער אַ שריפטשטעלער דאַרף קיינמאָל נישט אַרויס פון זיין ראָלע. שטענדיק שפּילן.

ווייל נישט אַרויס פון דער ראָלע—באַטייט שטענדיק זיין אין אַ קינסטלערישער שטימונג. און דאָס איז זייער בייטיק פאַר אַ קינסטלער.

ווייל נישט אַרויס פון דעם גרים — מיינט שטיין פונדערווייטנס פון פאָלק.

און וואָס ווייטער דער קינסטלער שטייט פון פאָלק, אַלץ נענטער איז ער צו זיך.

ווייל נישט אוועקגיין פון דער ראָלע—מיינט שאַפן אַרום זיך אַ לעגענדע. און קינסטלער מוזן שאַפן אַרום זיך אַ לעגענדע.

וואָס מער לעגענדע אַ קינסטלער שאַפט אַרום זיך, אַלץ מערווירקלעכקייט איז ער פאַר זיך און אויך פאַרן פאָלק...

מאַסקע, מאַסקע, מאַסקע!

גרים, גרים, גרים! אַפילו דער נביא איז געווען גרימירט.

זיין גרים איז געווען—זיין באַרוועס גיין, זיין נאַקעטקייט, זיין פאַרוואַקסנקייט און זיין אויפפירן זיך ווי האַלב-משוגע.

אינסטינקטיוו האָט עס דער נביא געטאָן. ווייל ווען נישט, וואָלט אים דאָס פאָלק אָנגענומען פאַר אַ קלאָרן. און קלאָרע האָט דאָס פאָלק גענוג. קלאָר, דענקט יעדער פון פאָלק, איז ער עס אַליין. קלאָרע — ווערן נישט קיין נביאים, קלאָרע — זענען צו פּראַקטיש...

ווען מען פאָלגט מיך, וואָלט מען אַפילו איינגעפירט ספּעציעלע מלבושים פאַר קינסטלער, אַקטיאָרן, שרייבער און אַנדערע.

נאָך די קליידער נעמט מען אויף אַ מענטשן. און בפרט אַ קינסטלער, אַ שוישפּילער, אַ שרייבער.

אַ קינסטלער דאַרף גיין געשוירן נישט ווי אַלע, האָבן מאַניערן נישט ווי אַלע, און דער עיקר — ער מוז רעדן אַנדערש: אַנדערע רייד, גאָרנישט קיין געוויינלעכע...

אַן אַקטיאָר אויף דער בינע קען רעדן דאָס געוויינלעכע לשון

פון זיינע העלדן, לויט דער ראָלע, אָבער אין לעבן מוז ער רעדן, ווי האַמלעט, אומבאַדינגט!...

די צרה מיט אונזערע יידישע שרייבער, למשל, איז לויט מיין מיינונג, דאָס, וואָס זיי קענען זיך נישט מאַסקירן און גרימירן און זיי ווייזן זיך פאַרן פאָלק אָן אייגענער געשטאַלט. ווי דער יידישער שרייבער איז איצט, זעט זיך אין אים זייער ווינציק אָן דער שרייבער. און ווען ער וויל כּבוד, דאַרף ער דערציילן דעם לעזער, וואָס ער איז. און גאַנץ אָפט קוקט דער לעזער אין פּנים אַריין דעם שרייבער — און גלויבט נישט...

עס פעלט די מאַסקע, דער גרים, די אייגנאַרטיקייט.

דאָס הויפּט-אומגליק פון דער הייגטיקער קונסט—וואָס זי איז פּראָ-פעסיאָנאַליזירט און וואָס די קינסטלער אַליין האַלטן עס נישט מער, ווי אַ באַשעפטיקונג, וואָס די „אויסדערוויילטע" שטעלן זיך גלייך מיט די מאַסן: סיי אין מאַניערן, סיי אין אויפפירונג, סיי אין רייד אַפילו...

און די שטראָף איז: דאָס פאָלק קוקט אויף זיי ווי אויף גע-וויינלעכע געשעפטסלייט, קרעמער אַזעלכע, פּראָפעסיאָנאַליסטן אַזעלכע און נישט מער.

און אין אמתן טוט דאָס דעם קינסטלער וויי, ווייל נאָך אַלעמען וויל יעדער „אויסדערוויילטער", וואָס האָט דעם „פונק", אַז מען זאָל אויף אים קוקן אַ ביסעלע אַנדערש...

מאַסקע און גרים אויך אין לעבן! און וואָס שנעלער אונזערע שוישפּילער און שריפטשטעלער וועלן עס באַגרייפן, אַלץ גערינטער וועט עס זיין פאַר זיי.

א ליבּ־געזאַנג צום אַקטיאָר.

לעבּן לאַנג איז די בּרכה אָדער די קללה פון מענטשן.

אַ היבּשער טייל מענטשן זענען געבּענטשט אָדער פאַרשאָלטן מיט אריכות ימים. אָבּער לאַנג לעבּן און זיין לעבּעדיק דערצו — דאָס איז, ווי מיר דאַכט, אַ ספּעציעלע שוישפּילערישע אייגנשאַפט.

סאַרא בּערנאַרד איז געשטאָרבּן אכט און זיבּעציק יאָר אַלט. נישט געפערלעך אַלט. עס זענען דאָ אין מושב־זקנימס אַ סך עלטערע פרויען פון איר, אָבּער ווען מען פאַרטראַכט זיך אויף דער לעבּנס־פעיִקייט און לעבּנס־לוסטיקייט פון דער פאַרשטאָרבּענער סאַרא — דאַן מוז מען זאָגן, אַז דאָס קען נאָר אַ שוישפּילערין און נישט קיין אַנדערע.

סאַרא בּערנאַרד האָט געשפּילט טעאַטער איבּער זעכציק יאָר — דאָס איז שוין אַ היבּש בּיסל.

סאַרא בּערנהארד האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פיל מאָל אַנט־קעגנגעשטעלט און בּאַזיגט דעם טויט מיט איר לעבּנספעיִקייט, — און דאָס איז אַ יקר המציאות צווישן מענטשן, אָבּער נישט צווישן שוי־שפּילער:

ווייל יעדער שוישפּילער און שוישפּילערין איז בּכלל פיל לעבּנס־פעיִקער, קאָמפּלוסטיקער און קען זיך מער אויפהאַלטן, ווי אַן אַנ־דער מענטש.

נישט יעדער שוישפּילער קען שפּילן בּיז לעצטן אָטעמצוג, ווי די „גצטלעכע" סאַרא. זי האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, אָבּער אַ סך האַלטן און דערהאַלטן זיך אויף דער בּינע קענען זיי כמעט אַלע.

און ווען עס ווענדט זיך אָן אַ שוישפּילער, וואָלט ער קיינמאָל נישט אַרונטער פון דער בּינע.

אויף אַלע געביטן פון קונסט ווערט אַ מענטש מיד — אָבער נישט אויף דעם געביט פון שפּילן טעאַטער.

יעדער אַלטער מאַן באַקלאָגט זיך אויף עפּעס: רעוומאַטיזם, די פּלייצע ברעכט, אַ פוס ברעכט, אַ האַנט. אָבער אַן אַלטער שוישפּילער באַקלאָגט זיך בלויז, וואָס מען לאָזט אים נישט שפּילן...

ווען איך זע אייניקע פון אונזערע שוין באַיאָרנטע אַקטיאָרן, קערנדיק ווערלטן אויף דער בינע, הייבנדיק פּאַלקעס, שפּרינגענדיק און זינגענדיק, ווי יונגע; ווען איך זע זייער רירעוודיקייט, וואָס איז נישט נאָך זייערע יאָרן, באַוואונדער איך זיי. און נאָכמער: כ׳בין זיי שטאַרק מקנא. און איך טראַכט: מיין פאָטער איז געווען מיט דעם און דעם אַקטיאָר אין איינע יאָרן, אָבער ער האָט עס נישט געקענט. מיין מוטער איז מיט דער און דער אַקטריסע אין איין עלטער — אָבער ווי אַלט און צעבראָכן מיין מוטער איז!

און איך האָב ליב צו טראַכטן וועגן דעמדאָזיקן וואונדער.

און אָפט, דאַכט מיר, אַז דער וואונדער ליגט אין דער שוישפּיל-קונסט אַליין.

שפּילן טעאַטער — מיינט לעבן מיטן גאַנצן קערפּער, מיטן גאַנצן וועזן, מיט אַלע אברים און חושים, אַפילו מיט דעם פאַלשן בערדל און צוגעטשעפּעטן פּאַרוק.

אין דער צייט ווען אַ שריפטשטעלער, למשל, אַרבעט מיט קאָפּ, אָפט אויך מיט הארץ, זענען זיינע איבעריקע אברים פאַרגליווערט בשעת מעשה.

אַ שרייבער קען זיך גאַנץ גוט אָפּשלאָפן אַ פוס, ווען ער שאַפט...

אָבער דער שוישפּילער שאַפט מיט אַלע רמ״ח אברים, אויף דער בינע קען מען נישט שלאָפן. אַ שוישפּילער מוז אַפילו זיין אויף דער וואַך, ווען ער שפּילט אַ שלאָף-ראָלע. ער מוז וויסן ווען עס ענדיקט זיך זיין טייל.

לאָמיר געבן אַ שבח דער שוישפּיל-קונסט, לאָמיר דערציילן אירע מעלות!

יעדער מענטש וויל זיך גאַנץ אָפט אומקערן צו די קינדער-יאָרן, ווערן צוריק אַ יינגל און זיך מאַכן נאַריש, ווי אַ יינגל, אָבער עס איז שווער. עס פּאַסט נישט. די וועלט לאָזט נישט, די וועלט ציילט דיר דיינע יאָרן און זאָגט, האַלט זיך נאָך דיינע יאָרן נאָך!

אָבער מיט אַן אַקטיאָר איז עס אַנדערש: ער מעג. אים פּאַסט אַלץ, און אַן אַקטיאָר ווערט אַלעמאָל יונג, ווען ער וויל. ער ווערט אַ ייִנגל, שטיפט, זינגט, שפּרינגט, לאַכט אויס זיינע יאָרן.

און דאָס איז אַ גרויסער ענין, דאָס שפּרינגען קערט אים צוריק צום קוואַל.

יעדער מענטש וויל צייטנווייז זיך „אויסשטורעמען", זיך משוגע מאַכן, פאַרלירן זיין אַנשטענדיקייט אויף אַ ווײַלע, אַרויסשפּרינגען פון דער אייגענער הויט, לאַכן פאַרריקט, פאַרלירן דעם קאָפּ. אָבער זייער אַ קליינע צאָל גליקלעכע קענען עס באַווייזן. דאָס לעבן, אויסער דער בינע, איז געצוימט אין צוים פון אַנשטענדיקייט, באַשרענקט, איינגעשרומפּן: מען קען נישט, מען טאָר נישט!

אָבער דער שוישפּילער קען עס, מעג עס יאָ. די בינע גיט אים די געלעגנהייט זיך „אויסצעשטורעמען" וויפל ער וויל.

און דאָס איז נישט קיין קלייניקייט.

און אין דעם ליגט אויך דער צויבער פון דער בינע, און דערפאַר טאַקע האָט דער עולם, און אַפילו דער צניעותדיקסטער עולם, ליב טעאַטער, ווייל ער האָט ליב צו זען, ווי דער אַקטיאָר זינדיקט אויף דער בינע, קושט בפרהסיא אַ פרעמד ווייבל, איז פריי מיט דער מאַדאַם מאַראַל, ווייל ער אַליין, דער עולם, קען עס נישט דער־ווייזן, וויל זינדיקן און קען נישט, שעמט זיך, — וואַגט נישט — נו, האָט ער כאָטש הנאה ווען דער אַקטיאָר טוט עס...

יעדער מענטש וויל גאַנץ אָפט אָפּטאָן מעשים שלא יעשו, לאָזן פריי זיינע ליידנשאַפטן, רעדן פריי וועגן אינטימע זאַכן, אַפילו אויפרייסן אַ פייער־קאַסע — קען ער עס אָבער נישט, שרעקט זיך... און דאָ קומט דער אַקטיאָר און טוט עס פאַר דעם עולמס אויגן — און גאָרנישט. ער שעמט זיך גאָרנישט, שרעקט זיך נישט...

און דאָס, זאָג איך, איז נישט נאָר עס דערהייבט דעם אַקטיאָר אין די אויגן פון פאָלק, נאָר עס איז געזונט אויך. דאָס גיט כוח דעם שוישפּילער. אין דעם ליגט אויך דער סוד פון זיין גרויסער אינטענסיווער לוסטיקייט און לעבנס־קאָכעדיקייט.

דער שוישפּילער האָט אויך אַ גרויסן פאָרצוג, ווי מען זאָגט עס, קעגן אַנדערע קינסטלער.

יעדער קינסטלער דורשט נאָך כבוד, נאָך אַפּלאָדיסמענטן, אָבער קיינער נישט אַזויפיל, ווי דער שוישפּילער. אַ שרייבער אָדער אַ

מאלער קען אַמאָל אַ שפּיי טאָן אויפן „כבוד" און אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף די אַפּלאָדיסמענטן—און דאָך אין דער שטיל שאַפן.

אַ שוישפּילער אָבער קען עס נישט. אַ שוישפּילער לעבט מיט די אַפּלאָדיסמענטן. זיי זענען זיין לעבנס-עליקסיר, נאָר אונטער זייער רויש קען ער שאַפן.

און דאָס, גלויב איך, איז ווידער אַ מעלה פאַר לעבנס-לוסטיקייט, ווייל וואָס גרעסער דער הונגער נאָך אַפּלאָדיסמענטן, אַלץ גרעסער איז דער הונגער נאָך לעבן. און לעבן רופט אַרויס לעבן.

יעדער אַנדער קינסטלער, אויסער אַן אַקטיאָר, גלויבט און איז זיכער, אַז ער איז אומשטערבלעך, אַז ער האָט די אייביקייט, ווי אין קעשענע — און דערום שלאָפט ער איין אין די סאַמע מיטעלע יאָרן. צו וואָס זיך אָנשטרענגען?

אַן אַקטיאָר אָבער לעבט מיטן מאָמענט. דאָס, וואָס פּאַסירט גלייך — איז זיינס. דערפאַר נוצט ער אויס אַלע מאָמענטן און דאָס פרישט אים יעדעס מאָל אָפּ, גיסט אין אים אַריין נייע סאָקן און דערפאַר איז ער מער ענערגיש, ווי אַנדערע.

קורץ, אויף דעם געביט פון לעבן און פרישקייט פון לעבן מעגן מיר דעם אַקטיאָר מקנא זיין: ער לעבט אַ פ ו ל לעבן.

דאָס שטענדיקע פּראָבע מאַכן, דאָס שטענדיקע גרימירן זיך, די בינע-לעמפּלעך, די קנאה, די אַפּלאָדיסמענטן, דאָס שטענדיקע זען דעם עולם און דעם קריטיקער פאַר די אויגן — דאָס קאָכט אין אים אויף זיינע בלוטן, מאַכט אים רירעוודיק און רירעוודיקייט — איז לעבן.

ביי אַנדערע קונסטן ווערן פּשוט פאַרהאַרטעוועט די אַרטעריען פון צופיל זיצן, פון צופיל קנייטשן דעם שטערן...

און אפשר איז דאָס דער ווילן פון דער השגחה (ווייל אַפילו אויף אַן אַקטיאָר גיט עמעצער אויך אַכטונג...), אַז אַ שוישפּילער זאָל זיך לענגער דערהאַלטן, ווי אַנדערע, ווייל ווען אַן אַקטיאָר גייט אַרונטער פון דער סצענע, לאָזט ער איבער נאָך זיך אַ סך ווינציקער, ווי אַנדערע קינסטלער. דערפאַר גיט מען אים די געלעגנהייט צו בלייבן מער אויף דער סצענע. דאָס איז זיין שיקזאל און אויך זיין שכר.

דער הוסט־פּראָבלעם.

(אַ ביסל ליכט אין דערדאָזיקער וויכטיקער פראַגע).

טעאַטער־באַלעבאַטים האָבן זייער פיל אויסצושטיין, ביז זיי קריגן אַריין דעם עולם אין טעאַטער אַריין. מעןליידט זיך אָן גענוג צרות און ליידענישן; מען דאַרף שטענדיק שאַרפן דעם קאָפּ אויף צוציונגס־מיטלען, מען מוז פטרן אוצרות מיט געלט אויף פּלאַקאַטן און אַנאָנסן. קורץ, מען מוז דאָס ליבע, ווערטע פּובליקום שלעפּן אין טעאַטער און אים איינרעדן מיט אַלערליי איינרעדענישן...

און ווען דער אייבערשטער העלפט שוין און דער עולם איז שוין אינעווייניק, אין טעאַטער, הייבן זיך אָן נייע צרות, שוין צרות פון אינעווייניק, מיטן הוסטן.

תיכף, ווי דער עולם קומט אַריין אין טעאַטער, צעזעצט זיך אויף די בענקלעך, און דאָס שפּיל אויף דער בינע הייבט זיך אָן, הייבט זיך דאַן אויך אָן דאָס שפּיל פון פּובליקום — אין הוסטן... עס פאַנגט זיך אָן אַן איבערוואַרפעניש מיט הוסטן און הוסטעלעך: דער באַלקאָן הייבט אָן און דער אָרקעסטער ענטפערט. די גאַליאַרקע רופט זיך אָפּ און די לאָזשעס העלפן צו.

און דאָס הוסטן אין טעאַטער איז אַן איבל, אַ פּראָבלעם. עס שטערט און צעשטערט.

1. עס שטערט די נישט־הוסטער. זיי, די אומגליקלעכע, קענען נישט הערן, וואָס מען רעדט אויף דער בינע און אַ סך נישט־הוסטער ווילן דערום נישט גיין אין טעאַטער: צוואָס אַרויסוואַרפן אומזיסט געלט?

2. עס צעשטערט די פאָרשטעלונג. די אַקטיאָרן קענען נישט שפּילן ריכטיק. אין די סאַמע פיינסטע מאָמענטן מישט זיך אריין דער הוסט-אָרקעסטער.

וואָס זאָל מען דערצו טאָן?

עס איז זייער אַ וויכטיקער, שווערער פּראָבלעם, איינער פון די שווערסטע פון אונזער ציוויליזאַציע. פּונקט ווי דער גאַסן-פּאַרקער-פּראָבלעם.

זיצן טאַקע טעאַטער-דירעקטאָרן און ברעכן די קעפּ, קנייטשן די שטערנס: וואָס טוט מען?

פּלאַנעווען בערלינער טעאַטער-דירעקטאָרן, צו אָנפירן אַ קאַמ-פּאַניע קעגן הוסטערס. אַן אמתע מלחמה, מיט פּראָפּאַגאַנדע-ליטעראַטור, מיט מיטינגען און לעקציעס. זיי ווילן אַגיטירן דאָס פאָלק, אַז עס זאָל, צוליב זיין אייגענער טובה וועגן, זיך גוט אויסהוסטן אינדער-היים, איידער עס טרעט אַריבער דעם שוועל פון טעאַטער...

פּלאַנעווען לאָנדאָנער טעאַטער-דירעקטאָרן מעדיצינישע מיטלען: טיילן מעדיצין צום הוסטן און הוסט-צוקערקעס. און ספּעציעלע אָנגע-שטעלטע וועלן אַרומגיין צווישן דעם עולם, איידער עס הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג, און טיילן מעדיצין און הוסט-צוקערקעס צו יעדן איינעם.

זענען עס אפשר נישקשהדיקע מיטלען פאַר אייראָפּע, אָבער פאַר אַמעריקע טויגן זיי זיכער נישט. איך גלויב נישט, נישט אין די קולטור-מיטלען מיט די אויפקלערונגען אויף מיטינגען און נישט אין די מעדיצינישע מיטלען.

איך וויל פאָרשלאָגן אַ פּאָר אַנדערע מיטלען, און ווי מיר דאַכט, די ריכטיקע, די אמתע, די, וואָס קענען טאַקע העלפן.

א) זאָלן די טעאַטער-דירעקטאָרן געבן צו יעדן קויפער פון אַ בילעט אויף אַ פרייען בילעט, מיט דעם באַדינג, אַז ער מוז קומען אין טעאַטער נאָר מיט אַ געליבטער.

איך האָב א גרויסן געדאַנק דערביי: ווי סעקס-פאָרשער האָבן פעסטגעשטעלט, איז אַ געליבטע נישט נאָר אַ היילונג צום האַרצן, צו די לונגען און צו רעוומאַטיזם, נאָר אויך צום הוסט. אַז מען זיצט מיט אַ ווייב אין טעאַטער הוסט מען, אָבער מיט אַ גע-ליבטער קיינמאָל נישט.

מיט אַ געליבטער איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַז מען פאַרגעסט צו הוסטן.

און טאָמער פּאַסירט, אַז עס הייבט דאָך אָן קיצלען אין האַלז, איז דאָ אַן עצה: מען גראָבט איין דעם קאָפּ אין די פּוכיקע אַקסלען פון דער געליבטער (און אַלע געליבטע האָבן פּוכיקע אַקסלען) און מען פאַרשטיקט דעם הוסט מיט אַ קוש...

ווי עס איז באַוויזן געוואָרן, גיבן די גרעסטע צאָל הוסטער די מאַנסביל, צוליב פאַרשידענע אורזאַכן. ערשטנס, האָט אַ מאַן פּשוט נישט ווי און וואו אויסצוהוסטן זיך: אין שאַפּ לאָזט נישט דער פאָרמאַן. אין הויז לאָזט נישט דאָס ווייב — מען דאַרף זיך קריגן... בלייבט פאַרן אָרעמען הוסטנדיקן מאַנסביל דער איינציקער הוסט־פּלאַץ דאָס טעאַטער, און פאַר די מאַנסביל איז מיין עצה צו גיין נאָר מיט געליבטע אין טעאַטער, ווי אָנגעמאָסטן.

ב) ביים הוסטן, ווי ביי יעדער וויכטיקער באַוועגונג, איז דאָ אַן ערשטער.

דער ערשטער הייבט אָן, גיט תמיד דעם סיגנאַל און די מאַסע פאָלגט נאָך. אַלזאָ, דאַרף מען זען געפינען דעמדאָזיקן ערשטן הוסטער, דעם סיגנאַליסט, דעם וועגווייזער, דעם פּיאָנער, און אַרויפוואַרפן אויף אים אַ קישן, אַ פּערענע, אָדער אַן אַנדער ווייכע זאַך און נאָכדעם אים אַרויסוואַרפן פון טעאַטער.

עס איז נישט קיין גרינג שטיקל אַרבעט אויסצוגעפינען דעם ערשטן הוסטער, ווי עס איז שווער אויסצוגעפינען דעם ערשטן ביי יעדער אַנדערער באַוועגונג — נאָר מיט אַ ביסל מי און עקשנות קען מען עס דורכפירן.

ג) אָבער אויב מיינע צוויי ערשטע מיטלען וועלן נישט העלפן, שלאָג איך פאָר אַ דריטן מיטל, און דער מוז העלפן!

דער ראַדיקאַלסטער מיטל צום הוסטן אין טעאַטער איז אייז־קאַלטע וואַסער.

ווי מעדיצינער פאַרזיכערן, איז אייז־וואַסער אַ היילונגסמיטל צו אַ פאַרקילונג. עס נעמט אַוועק מיט דער האַנט...

אַלזאָ, זאָלן די טעאַטער־דירעקטאָרן באַשפּריצן דעם עולם איי־דער דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, און אויך צווישן די אַקטן — מיט אייז־וואַסער פון ספּעציעל געמאַכטע קישקעס.

דערדאָזיקער מיטל, גלויב איך, וועט אָפּשאַפן דאָס הוסטן אין

יידישן טעאַטער און עס קען נאָך דינען אַלס אַ צוציונגס-מיטל אויך.

דאָס יידישע פאָלק האָט ליב פרייע מעדיצינישע הילף, און עס וועט וויסן, אַז גיין אין טעאַטער מיינט, חוץ געווינען פאַרגעניגן, אויך פאַרלירן אַ פאַרקילונג...

און דאָסדאָזיקע וויסן וועט ברענגען דאָס פאָלק אין טעאַטער מחנותוויז, מחנותווייז...

טעאַטער-דירעקטאָרן, לאָזט מיר וויסן, וועלכע פון מיינע פלענער איר נעמט אָן. איך דאַרף עס וויסן. עס האַנדלט זיך וועגן „ראיאַלטיס"... שכר-סופרים מיין איך...

די פּערטע וואַנט.

די הויפּט־שטערונג פאַרן רעאַליסטישן טעאַטער איז דאָס פּובליקום (וואָס איז דאָ), און די פערטע וואַנט (וואָס איז נישטאָ).

די אָנוועזנהייט פון פובליקום און אָפּוועזנהייט פון דער פערטער וואַנט, — זיי צעשטערן עס די גאַנצע טעאָריע פון אמתן רעאַליזם אויף דער בינע.

פאַרפאַלן! גיי שריי, אַז דאָס טעאַטער מוז זיין ווי אין לעבן, ווען עס פעלט פאָרט אַ וואַנט.

האָט איר שוין געזען, אַז אין לעבן זאָלן זיך אָפּשפּילן טראַגעדיעס אָדער קאָמעדיעס צווישן דריי ווענט?

נישטאָ קיין דריי־ווענטיקע צימערן דערוויל, חוץ אויף דער בינע.

דער גרעסטער טייל פון לעבן שפּילט זיך אָפּ צווישן פיר אויגן און פיר ווענט — און דאָ נאַ דיר בלויז דריי ווענט!

און דאָסזעלבע, גיי פּראָקלאַמיר, אַז טעאַטער מוז זיין די אמתע קאָפּיע פון לעבן אליין, ווען יעדע שלאָפצימער־טראַגעדיע מוז פּאָרקומען אויף דער בינע, פאַר די אויגן פון הונדערטער מענטשן! (און נאָך מיט פּראָגראַמען אין די הענט).

נישטאָ קיין אמתער רעאַליזם אויף דער בינע און ס׳זענען נישטאָ קיין אמתע רעאַליסטישע מענטשן אַפילו אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער!

קאַטשאַלאָוו אַלס איוואַן קאַראַמאַזאָוו איז נישט קיין לעבעדיקער מענטש. ער איז אַפילו נישט דער קאַראַמאַזאָוו פון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן.

ווייל קיין לעבעדיקער מענטש האַלט נישט אַזאַ לאַנגן טראַגישן מאָנאָלאָג פאַר זיך אַליין און דערצו נאָך מיט אַזאַ גוט אָפּגעהיטער שטים.

אין ראָמאַן טוט ער עס אויך נישט. דאָסטאָיעווסקי גיט בלויז איבער מיט ווערטער ווי איוואַן פילט. לייענען מיר די רייד, נאָר מיר הערן נישט די שטים.

אָבער אויף דער בינע פון דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער — הערט מען פון 15 ביז 20 מינוט איוואַנען רעדנדיק מיטן טייוול, און מיט קאַטשאַלאָווס שטים — היינט וואו איז דער רעאַליזם? און אין דעם איז שולדיק נאָר דאָס פובליקום, וועלכעס וויל דווקא נאָר הערן איוואַן קאַטשאַלאָוו, עס צאָלט דאָך געלט!

מיטן פעלן פון דער פערטער וואַנט הויבט זיך אין טעאַטער אָן דער גרויסער קאָמפּראָמיס צווישן ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע, אמת און שקר, רעאַליזם און אילוזיע, לעבן און שפּיל, בוך און בינע.

די פערטע וואַנט (וועלכע פעלט) — דאָס איז דער „בונד“, וואָס די טעאַטער־קונסט האָט געשלאָסן מיט דעם פּשוטן לעבן.

די פעלנדיקע פערטע וואַנט — דאָס איז די טיר צום פובליקום.

דאָס ליבע פובליקום און די פערטע וואַנט — זיי זענען די טראַגעדיע פון דער רעאַליסטישער שול אין טעאַטער.

דערהויפּט די פערטע וואַנט. זי איז דער שטרויכל־שטיין אויפן וועג צו דער רעאַליסטישער קונסט.

ווייל אַזוי איז מיטן רעאַליזם נישט אַזוי שלעכט:

מען קאָן מיט אים כמעט אַלץ דורכפירן. און פּינקטלעך, ריכטיק, ווי אין לעבן.

מען קאָן אַלע דריי ווענט אויף דער בינע מאַכן, פּונקט ווי אין אַ הויז אין לעבן, מיט אַ סך טירן און ווינציק טירן, מיט פענסטער און אָן פענסטער, מיט מעבל און אָן מעבל, מיט בילדער אויף די ווענט און אָן בילדער. מען קאָן אַפילו ווייזן דעם פּאַר־זשאַווערטן נאָגל אין וואַנט. זאָל מען זען, ווי רעאַליסטיש מיר באַזאָרגן אַלץ!

אָבער איין זאַך: אַ פערטע וואַנט קאָן מען נישט געבן — ניין!

צו דעם האָט זיך אַפילו סטאַניסלאַווסקי נישט דערטראַכט.

און דערפאַר איז דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער טיילווייז אַ ליגן, אַן אָפּנאַרעריי... אַ פירמע, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען געבן רעאַליזם — און גיט דאָך נישט מער, ווי טעאַטער.

און איך זאָג זיך: ווען ס'וועט אַמאָל קומען אַ נייער סטאַניסלאַווסקי און אים וועט זיך איינגעבן צו מאַכן אַ טעאַטער מיט אַ

פערטער וואַנט, און אַזוי, אַז אויך דאָס פּובליקום זאָל נישט גע־קריוודעט ווערן, דאַן ערשט וועט מען קאָנען זאָגן, אַז עס איז דאָ אמתער רעאַליזם אויף דער בינע.

אָבער ווי מיר דאַכט, וועט עס קיינמאָל נישט געשען.

טעאַטער וועט שטענדיק בלייבן אַ בנין מיט דריי ווענט. ווייל ס'איז אַ באַזונדער מין בנין. און דאָס איז זיין מעלה און חסרון.

טעאַטער — איז פּונקט ווי אין לעבן און דאָך נישט פּונקט.

טאַקע רעאַליזם — אָבער נישט קיין לעבנס־רעאַליזם. און קיין פּעדאַנטישער רעאַליזם אוודאי נישט.

טעאַטער—דאָס איז אייגנטלעך אַ צונויפגעמיש פון אַלעם דעם, וואָס עס ווילן פאַרשידענע טעאַטראַלן פון פאַרשידענע שולן.

טעאַטער איז דער גרויסער „יוצא". ער מוז יוצא זיין פאַר אַלעמען. און דאָ איז זיין שוואַכקייט און זיין שטאַרקייט.

טעאַטער — דאָס מיינט גרעסער פון בוך און קלענער פון בוך. קלענער — ווייל ער מוז — צי ער וויל, צי ער וויל נישט, — נאָכזאָגן דעם בוך און גרעסער — ווייל נאָכזאָגנדיק, באַקומט עס דאָך ביי אים אַן אייגענעם טעם און אייגענעם נוסח.

יאָ, איך האָב פאַרגעסן, כדי צו ראַטעווען דעם רעאַליסטישן טעאַטער פון דעם פערטער־וואַנט־פעלער, קאָן מען אים אויך אַרויס־פירן אינדרויסן.

אַרויס פון די דריי ווענט!

פריי אויף דער לופט!

און מען האָט עס שוין געפּרוווט אויך.

אָבער אויך דאָס דרויסן קאָן נישט העלפן דעם לעבנס־רעאַליזם.

אינדרויסן — ווערט פון טעאַטער אַ מאַרק...

ווייל לעבן איז נאָך אַלע קונצן און פּשטלעך אַן אינטימער ענין.

אמתער לעבן — איז דער טייטש: צווישן פיר אויגן און פיר ווענט...

חנוכה־לאַטקעס.

אַנומלט האָב איך באַגעגנט מיינעם אַ פריינט, אַ טרוימער, אַ משיח-זוכער.

ער האָט שוין געוואָלט ברענגען משיחן דורך פאַרשידענע מיטלען און איינפאַלן.

דאָסמאָל איז אים איינגעפאַלן: ברענגען משיחן דורכן טעאַטער.

— ווי אַזוי?

— גאַנץ פשוט: מען וועט אויפפירן אַלע יידישע ימים-טובים אין טעאַטער, ווי פיעסן... עס וועלן אויפטרעטן, למשל, אין דער פיעסע „פסח" די בעסטע יידישע אַקטיאָרן, מען וועט פראַווען דעם סדר, מיט אליהו הנביא, מיט מכות און חד גדיה און דער עולם וועט מיטשפּילן...

— איז וואָס וועט דערפון אַרויסקומען?

— מען וועט פאַרשטאַרקן דעם יידישן גייסט. מען וועט פאַרהיטן יידן פון אַסימילאַציע. מען וועט אויפהאַלטן די רעליגיע דורך שוישפּיל. און דאָס, וואָס עס קען נישט טאָן די שול, וועט טאָן דאָס טעאַטער. און דאָס, וואָס פאַר די חזנים איז אוממעגלעך, וועלן מעגלעך מאַכן די אַקטיאָרן.

— און?

— און אַז דאָס יידישע פאָלק וועט קומען צו זיך דורכן טעאַטער, וועט קומען משיח.

האָב איך אויסגעהערט מיין פריינט, דעם משיח-זוכער, און זיך געזאָגט:

אפשר איז ער טאַקע גערעכט? אפשר ליגט טאַקע די ישועה

אונזערע אין טעאַטער גאָר? און אַזוי ווי איצט איז חנוכּה, טאָ לאָמיך זען, וואָס פאַר אַ פּיעסע מען קען מאַכן פון דעם נס חנוכּה.

ווי אַזוי קען מען חנוכּה אויפפירן אויף דער בינע און מאַכן דערפון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן ספּעקטאַקל?

ברידער, אָט לאָז זיך אייך דאַכטן, אַז מען שטעלט חנוכּה אין „קונסט-טעאַטער״.

און עס שטעלט זיך אַזוי:

פּראָלאָג. עס ציט זיך אַרויף דער פאָרהאַנג און עס ווייזט זיך אַ מזבח. און אויפן מזבח ליגט אַ חזיר. אַ געשוונדענער, אַן אמתער חזיר, אויב מעגלעך... און אַרום מזבח שטייען די גריכן, און זענען מקריב דעם באַרימטן חזיר.

און זיי לאַכן און שפּאַטן און פייפן.

און אין הינטערגרונט שטייען די יידן פאַרשעמטע, צעשראָקענע און ברעכן מיט די הענט:

— אַ חזיר גאָר אויפן מזבח? אי, אי, אי!

און פּלוצלונג באַווייזט זיך אַן אַלטער מאַן מיט אַ שניי-ווייסער באָרד. דאָס איז מתתיהו כּהן גדול מיט אַ האַק אין האַנט און ער פאַרמעסט זיך אויף די גריכן און עס ווערט אַ בהלה, אַ מהומה, די שונאים צעלויפן זיך, און די יידן רייניקן אָפּ דעם מזבח, און מען שרייט — הידד! די מוזיק שפּילט און דער פאָרהאַנג פאַלט...

דאָ זענען דאָ וואונדערבאַרע מעגלעכקייטן פאַר פיינע מאַסן-סצענעס. אי גויִישע, אי יידישע.

נאָכדעם קומט שוין די פּיעסע חנוכּה גופא.

ערשטער אַקט:

די בינע שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסע קיך און אין קיך ליגן אויסגעלייגט צענדליקער געגזלעך, שוין געקוילעטע.

און ביים אויוון שטייט מאַדאַם אַבראַמאָוויטש און באַקט לאַטקעס.

און מאַדאַם אַפּעל, די עלטערע טאָכטער, העלפט באַקן. און מאַדאַם גערסטין, די ייִנגערע, צעלייגט די לאַטקעס אויף טעלער.

און אַלע דריי זינגען, און ס'איז פריילעך און לעבעדיק און דערצו לויפן אַלע ווילע אַריין דריי ייִנגעלעך און דריי מיידעלעך מיט בייטעלעך אויף די העלזער און דריידלעך אין די הענט און שרייען און טאַנצן:

— מאַמע, ווען וועלן שוין זיין פּאַרטיק די לאַטקעס?... — און לאָזן זיך אין אַ טאַנץ און די מוזיק שפּילט.

דער פּאָרהאַנג פאַלט. איז דאָס נישט קיין שיין בילד?

און איצט קומט דער צווייטער אַקט:

אַ גרויסער רייכער זאַל, אויף דער בינע שטייט אַ ריזיקער קרוג מיט בוימל.

און עס הענגט אַ גרויסע מנורה.

און מאָריס שוואַרץ בענטשט חנוכה־ליכטלעך, מאַכט די ברכה, זינגט הנרות הללו.

און מאַדאַם אַבראַמאָוויטש און אפּעל און גערסטין שטייען דערביי אין ווייסע פּאַרטיכער און העלפן פּרום אונטער.

און די קליינע קינדער שטייען און פרייען זיך.

און נאָכדעם נעמט שוואַרץ טיילן דער חברה חנוכה־געלט, און חברה דינגט זיך, וויל וואָס מער און דער טאַטע שוואַרץ וויל נישט געבן און ס'איז ווידער פרייליך...

און די מוזיק שפּילט, און אינדרויסן זעט מען דורכן פענסטער אַ שניי און דער ווינט פייפט, און דער פּאָרהאַנג פאַלט.

איז גלויב איך, אַז אויך דאָס וואָלט אויסגענומען ביים פּובלי־קום, און נאָכדעם קומט דער דריטער אַקט.

דערזעלבער זאַל. אַ ליכטיקער, אַ פרייליכער, אַ גרויסער טיש געדעקט. געסט זיצן אַרום די טישן. אַלע אַקטיאָרן פון קונסט־טעאַטער: באַראַטאוו, מאַדאַם ראַזען, ווייזענפריינט, קעשיר, גאָלדפאַדען, שווייד, טייטעלבוים, טענענהאָלץ און אַלע כאָריסטן און כאָריסטקעס און סטאַטיסטן.

און מאַדאַם אַבראַמאָוויטש דערלאַנגט הייסע לאַטקעס, און דער עולם עסט געשמאַק, טונקט אין שמאַלץ און אין האָניק.

מען זינגט און מען דערציילט זיך מעשיות און אנעקדאָטן. און די מוזיק שפּילט. איז גלויב איך, אַז דערדאָזיקער אַקט וואָלט געווען אַן אויסנאַם. ווייל דאָס פאָלק האָט ליב זען זיינע אַקטיאָרן עסן בכלל, און בפרט נאָך לאַטקעס מיט שמאַלץ...

מען קען דאָך דאָ רעזשיסירן דאָס טונקען אין שמאַלץ. יעדער שוישפּילער מיט זיין באַזונדער טונק...

און אפשר זאָלן אומגיין גערסטין און מאַדאַם אפּעל און טיילן

אויף דעם פובליקום צו לאַטקעס? דאָס וואָלט שוין גאָר געווען אַ באָמבע...

און דאָ קומט דער פערטער אַקט, דער סאַמע „היט״.

דערזעלבער זאַל. און דער גאַנצער עולם שפּילט אין דריידל, די גרויסע סטאַרס באַזונדער און די קלענערע באַזונדער און די ווייבער באַזונדער און די קינדער באַזונדער און די געסט באַזונדער.

און מען לאַכט און מען זינגט ווידער. און די מוזיק שפּילט און נאָכדעם פאַלט דער פאָרהאַנג.

איך גלויב, אַז דאָס וואָלט געווען אַ געוואַלדיקע פאָרשטעלונג, אַן אויסערגעוויינלעכער ספּעקטאַקל. און אפשר איז טאַקע מיין פריינט, דער משיח־זוכער, גערעכט, אַז מען מוז רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן און טאַקע נאָר דורך טעאַטער? אַז מען מוז אונזערע ימים־טובים שטעלן מיט גוטע שוישפּילער און גוטער רעזשי, ווייל אונזערע ימים־טובים זענען אין זייער גרונט—טעאַטער און ספּעקטאַקל?

און חוץ די אַלע קונצן וואָלט עס אויך געלייזט דעם מאַנגל אין דראַמען ביי אונז...

פינסטערניש אויף דער בינע.

די בעסטע דעקאָראַציע —
איז די פינסטערניש.
(יעוורעאינאָוו).

מען קען אָנהייבן אויך אַנדערש, אָבער איך הייב אָן אַזוי:
פינסטערניש איז אַ גרויסע אַרויסהעלפערין פון טעאַטער.

ווען אונזער גאָט האָט אַמאָל געוואָלט מאַכן פרעהן די ריכטיקע קאָמעדיע, האָט ער זיך אויך באַנוצט מיט פינסטערניש און דאָס שפּיל איז אַרויסגעקומען גרויסאַרטיק.

און פון דאַן אָן איז אויף דער וועלט באַרימט געוואָרן: „חשך מצרים"...

און אַפילו די גרעסטע טעאַטראַלע אויפפירונג פון דער וועלט: דער וועלט-באַשאַף אַליין — האָט אויך צו פאַרדאַנקען זיין דערפאָלג דער פינסטערניש.

ווייל ס'איז פריער געווען גוט פינסטער — האָט דער „יהי אור" געמאַכט אַזאַ גרויסן רושם...

פינסטערניש אויף דער בינע שפּילט אָפטמאָל אַ באַדייטנדיקערע ראָלע, ווי ליכט.

פינסטערניש גרייט צו דעם עולם צום שפּיל...

ווען עס ווערט פינסטער אין טעאַטער אויף אַ ווייַלע, ביז עס צינדן זיך אָן די לעמפּלעך פון דער ראַמפּע, האָט דער עולם צייט צוצוגרייטן די אילוזיע, אָנשאַרפן די פאַנטאַזיע...

דידאָזיקע פינסטערניש איז דער פאָרבאַרייטונגס-שפּיל צו אויפבעמען דאָס בינע-ליכט. די גרויסע הכנה צום פאָרהאַנג-אויפגאַנג...

וועלכער איז אין טעאַטער אַזוי באַדייטנדיק, ווי אַ זון-אויפגאַנג...). דער שטענדיקער פּראָלאָג צו אַלע דראַמעס, קאָמעדיעס און טראַגעדיעס...

פינסטערניש און האַלב-פינסטערניש אויף דער בינע. גיבן אַ געלעגנהייט די אַקטיאָרן צו פאַרמאַסקירן מער זייערע פּנימער...

און מאַסקע איז אַ שוועסטער פון פינסטערניש, ווי פינסטערניש — איז אַ חברטע צו געהיימניש. און די געהיימניש, צוזאַמען מיט איר חברטע פינסטערניש, שאַפן דעם רייץ ביים עולם, וועקן די אילוזיע, גיבן אַ פּנים דעם שפּיל... און שאַפן דאָס, וואָס מיר רופן טעאַטער...

טעאַטער, אויב איר ווילט, איז געבויט בעיקר אויף פינסטערניש. דאָס ליכט און שפּיל קומט ערשט שפּעטער...

דורך דער הילף פון דער פינסטערניש ווערן אַרויסגעבראַכט די אַלערליי ליכט-עפעקטן אויף דער בינע.

ווען אַרום עולם אין טעאַטער איז פינסטער — פאַלט דאָס ליכט אויפן שוישפּילער בעסער און אָנגעזעעוועֶר.

און אויך דאָס איז נייטיק פאַרן טעאַטער...

עס זענען דאָ טעאַטער-טעאָרעטיקער, ווי יעווריעאינאָוו, למשל, וועלכע גלויבן, אַז מען קאָן שפּילן טעאַטער אינגאַנצן אָן ליכט...

ס'איז גענוג, אַז עס זאָל זיין פינסטער אין טעאַטער און אויף דער בינע, און דער עולם וועט שוין זען די בעסטע דעקאָראַציעס. און דער עולם וועט, נישט זעענדיק די אַקטיאָרן, אויספאַנטאַזירן דעם בעסטן שפּיל פאַר זיי. און דאָס, וואָס די אַקטיאָרן וועלן נישט דערשפּילן, וועט דערשפּילן דאָס פּובליקום אַליין...

מען קאָן גלויבן, אַז די פינסטערניש איז אויך אַ גרויסע הילף צו דער טעאַטער-קאַסע.

אַ סך יונגע פּאָרלעך וואָלטן נישט געגאַנגען אין טעאַטער, ווען דאָרט ווערט נישט פון צייט צו צייט פינסטער.

איך וועל אייך דערציילן פון דערפאַרונג:

אַנומלט בין איך געווען אין „פּראָווינס-טאַון פּלעי-האוז", האָט מען דאָרט געשטעלט אַ פּיעסע, איז זי דריי פערטל אָפּגעשפּילט גע- וואָרן אינדערפינסטער און האַלב-פינסטערניש.

ערשט וועמען באַגעגן איך דאָרטן ביים אַרויסגיין? — מיינעם אַ באַקאַנטן, אַ ניי-מאָדערניסט, אַ פאַראַכטער פון טעאַטער.

פרעג איך אים: סטייטש, ווי קומט איר אַהער?

שושקעט ער מיר אַריין אין אויער:

ער איז געקומען אַהער, נישט ח"ו צוליב דער פּיעסע, נאָר צוליב דער פינסטערניש. ער האָט געהערט, אַז דאָ ווערט די זאַך אָפּגעשפּילט כמעט אינדערפינסטער און ער האָט אַזוי ליב דרעמלען אויף דעם אומגעזעצלעכן אַקסל פון אַ שיינער דאַמע... און אַזאַ פּיעסע גיט אים די בעסטע געלעגנהייט דערפאַר... און אַזוי איז טאַקע געשען: ער איז אָפּגעשלאָפן, און גאַנץ געשמאַק די גאַנצע צייט פונם שפּיל און פרעגט אים בחרם, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

אין יידישן טעאַטער ווייס מען גאָך בכלל נישט, ווי אַזוי ריכטיק אויסצונוצן די פינסטערניש.

ביי אונז אויף דער יידישער בינע גיסט מען ממש מיט ליכט, מיט גאַנצע עמערס פלייצט מען און זיי מיינען, אָט די ליכט-פאַר-פלייצער, אַז זיי טוען דערמיט ווער ווייס וואָס אויף...

אָבער אין אמתן טוען זיי דערמיט ווינציק וואָס אויף...

ווייל דאָס ליכט, און דערהויפּט דאָס צופיל ליכט אויף דער בינע, פאַרשלעפּערט דווקא די פאַנטאַזיע פון אונזער עולם, פאַר-פלאַכט די אילוזיע און פאַרטרייבט דעם אמתן כשוף.

מען גיט מיטן ליכט, דעם עולם צו ווינציק געלעגנהייט אַליין אַ פאַנטאַזיר צו טאָן, צו געברויכן אייגענע פאָרשטעלונגס-קראַפט.

ביי אונז אויף דער בינע איז ליכט אָפט אַ סאַבסטיטוט פאַר אַלץ: פאַר גוט שפּילן, פאַר קונסט, פאַר דעקאָראַציעס.

רעזומע: גוטע שוישפּיל איז נאָר די, וועלכע ווייס ווי אַזוי אויסצונוצן פינסטערניש, ווי אַזוי צוזאַמענמישן ליכט און פינסטערניש צוזאַמען, צונויפגיסן שאָטנס מיט ליכט-עפעקטן אין דער ריכטיקער מאָס...

אַ גוטער רעזשיסאָר פאַרשטייט, ווי אויסצונוצן די פינסטערניש.

„אַלץ וויל שפּילן טעאַטער".

האָט איר געהערט די פראַזע: „אַלץ וויל שפּילן טעאַטער"?!

אַקטיאָרן, ווען זיי ווערן אויפגעבראַכט אויף אַ מענטשן, וועלכער האָט, לויט זייער בליק, קיין טאַלאַנט נישט צו שפּילן טעאַטער און ער האָט דאָך די העזה אויפצוטרעטן, וואַרפן זיי אַרויס די פראַזע: „אַלץ וויל שפּילן טעאַטער!"

און די ווערטער ווערן אַרויסגעזאָגט מיט אַזויפיל פאַראַכטונג, גאַל און איראָניע...

דאָס מיינט צו זאָגן: וואָס קריכסטו, פורצע איינער, אויף דער בינע, ווען דו קענסט נישט.

ווי וואַגסטו צו פאַרשוועכן די הייליקייט פון דער טעאַטער-קונסט?

און די פאַראַכטונג און איראָניע איז אַ פאַרשטענדלעכע: קיינער וויל נישט זען קיין טאַלאַנטלאָזיקייט אַרום זיך...

אַן אַלט-איינגעזעסענער וויל בכלל נישט, אַז אַ נייער זאָל קומען און זיך שטעלן אויף איין פּאָזיציע גלייך מיט אים...

ווי געזאָגט, פאַרשטענדלעך איז עס, אָבער גערעכט נישט.

באמת, האָבן אָט די אַלע, וואָס וואַרפן זיך מיט דער פראַזע „אַלץ וויל שפּילן טעאַטער", בנוגע צו די נייע — נישט רעכט.

זיי פאַרשטייען נישט דעם ענין. און אין אמתן, ליגט דען דער גאַנצער צויבער פון דער בינע אין דעם, וואָס אַלע ווילן שפּילן טעאַטער? וואָס יעדן ציט צו דער בינע?

באַווייזט עס דען נישט די כּישופדיקייט פון דער שוישפּיל-קונסט און איר רייץ?

אַלץ ציט צום טעאַטער, אַלע ווילן שפּילן טעאַטער! — אמת...

אָבער ס׳איז נישט בלויז הפקרות, לייַטזין און הוצפּה — נאָר עפּעס טיפערס, וואָס באַשאַפט דעמדאָזיקן איבל.

ס׳איז דאָס לעבן, וואָס דיקטירט עס. און ס׳איז כמעט אַ נאַטור-געזעץ: יעדן ציט צו שפּיל; יעדן צוויבערט אָן דער סוד, די מאַסקע, די פאַרוואַנדלונג און גרים פון לעבן... און וואו איז נאָך אַזויפיל סוד, מאַסקע, פאַרוואַנדלונג און גרים, ווי אין טעאַטער?

וואו נאָך הערשט אַזוי צוזאַמען דער פאָרהאַנג און די ראַמפּע-לעמפּלעך, צניעות און פאַרשייטקייט?

אַמאָל האָט אַ טעאַטער-קריטיקער געפרעגט: וואָס האָבן די סטאַטיסטן, וועלכע טרעטן אויף אין אומבאַדייטנדיקע ראָלן אין טעאַטער? וואָס ציט זיי צום טעאַטער?

מילא, אַקטיאָרן האָבן כבוד, אַפּלאָדיסמענטן, בלומען, געלט, אָבער די סטאַטיסטן?...

און דער טעאַטער-קריטיקער האָט אַליין געענטפערט:

— דאָס איז דער כישוף פון דער בינע, דער סוד פון פאַר-וואַנדלונג, וועלכע ציט די סטאַטיסטן צו אויפטרעטן אויף דער בינע.

דאָס איז דער יום-טוב פון טעאַטער, דאָס אָנקליידן זיך אין אַ פרעמדער הויט, וואָס ברענגט מענטשן אויף די ברעטער.

אַ סטאַטיסט טרעט אויף אַלס אַן אַנדערער, אַלס נ י ש ט ע ר. און דאָס איז שוין גענוג פאַר אים!

דערמיט, וואָס ער ווערט אַ ווײַלע נישט ע ר, פילט זיך דער סטאַטיסט יום-טובדיקער, אַנדערשדיקער, גליקלעכער...

און ווער פון אונז וויל עס נישט זיין אַנדערש?

אַנומלט האָב איך זיך צערעדט מיט אַ „דרעסער" פון אַ יידישן טעאַטער. אַ בלאַסער יונגערמאַן, אַ סימפּאַטישער. און ער האָט מיר דערציילט:

— עס איז זייער אַ שווערע אַרבעט און אַ פאַראַנטוואָרטלעכע צו זיין אַ „דרעסער". מען דאַרף געדענקען אַלע פּיעסן אויסנווייניק, מען דאַרף האַלטן אויפן קאָפּ די גאַנצע „גאַרדעראָב" פון „רעפּערטואַר", מיט אַלע קלייניקייטן... און דערצו דאַרף מען אויסשטיין אַלע קאַפּריזן פון די גרויסע קינדער — די אַקטיאָרן. מען דאַרף זיי העלפן אויס-טאָן און אָנטאָן און קיין גרויס פאַרדינסט שטעקט אויך נישט אין דעם. ערגעץ אַנדערש קען מען פאַרדינען פיל מער געלט. נאָר וואָס-

זשע דען? ס'איז פּאַרט טעאַטער! ער האָט ליב צו דרייען זיך אַרום טעאַטער...

און איך פאַרשטיי דעם מענטשן זייער גוט:

זים האָט באַצויבערט די בינע און ער איז אַ קרבן פון איר כּישוף.

ער האָט מן הסתּם אַמאָל אַליין געטרוימט צו שפּילן טעאַטער. אָבער ס'איז אים נישט געלונגען. איז ער כאָטש לעבן טעאַטער... לעבן דעם גרויסן סוד...

ער קליידט און פאַרקליידט מענטשן, שטייט ביים „אויוון פון דער יצירה", מאַכט פון מענטשן—העלדן. ער העלפט דעם גרויסן כּישוף פון פאַרוואַנדלונג און דאָס גיט אים פאַרגעניגן און גליק אין זיין שווערער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט.

יאָ, אַלץ וויל שפּילן טעאַטער!

און מען דאַרף דערפון נישט חוזקן.

אַלץ וויל שפּילן טעאַטער, — דאָס איז אַ באַווייז, אַז טעאַטער האָט אין זיך עפּעס, וואָס אַנדערע קונסטן האָבן נישט. דאָס באַווייזט, אַז טעאַטער-ליכט האָט אין זיך מער כּישוף, ווי אַנדערע ליכטער...

אין דעם, וואָס אַלעמען ציט צום טעאַטער, ליגט דער גרויסער סוד פון טעאַטער-שיינקייט.

פּונקט ווי אַלץ וויל שרייבן פּאָעזיע (און שרייבט טאַקע פּאָעזיע!).

אויך דער כּישוף פון ליד איז אַזוי גרויס, ווי דער כּישוף פון טעאַטער.

אויך דער שפּיל אין גראַם, ווי דער שפּיל אין טעאַטער, האָט אין זיך אַזויפיל חן.

ביידע שפּילן זענען אַזוי קינדיש-שפּילעוודיק... עס איז אַזוי שיין צו פאַרוואַנדלט ווערן פּלוצלונג פון אַ פּשוטן מענטשן אין אַ פּאָעט, פּונקט ווי עס איז שיין צו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַקטיאָר...

ביידע קונסטן זענען אַלטע קונסטן. אייביק-עולמדיקע. מענטשן ציט שטענדיק צום שפּיל, צום אייביק-קינדערשן אין אונז...

און אייביק וועט מענטשן ציען צום גראַם, ווי צום גרים.

לאַכט נישט אויס, מיינע הערן גליקלעכע, די, וואָס קריכן צו די בינע-לעמפּלעך.

אמת, אַ סך קריכן אָן כּוח, אָן פֿאַנטאַזיע און זיי בריען אָפּ די פֿליגעלעך און קומען נישט צו — אָבער דאָס מאַכט נישט.

אָט די שטענדיקע קריכער און נישט־דערגרייכער — שאַפֿן עס די בינע, גיבן עס צו חן צו די, וואָס שטייען פֿעסט אויף איר.

„איך וויל שפּילן טעאַטער!"

דאָס איז דער כּוח פֿון לעבן, וואָס ליגט אין טעאַטער. דער צויבער פֿון שפּיל, דער גרויסער יום־טובֿ פֿון מאַסקירן זיך.

פרעמיערעס און מבינות.

איך טראַכט עס שוין לאַנג:

ווען איך בין אַ דירעקטאָר פון אַ יידיש קונסט-טעאַטער, פיר איך נישט איין קיין פרעמיערעס פאַר מבינים, און פיר איך זיי איין — האָב איך געגוג מוט זיי אָפּצושאַפן...

ניין! עס טויג נישט איינצולאַדן אויף איין אָוונט אַזויפיל מבינים.

איך האָב שטודירט דידאַזיקע טרויעריקע פראַגע און געקומען צום שלוס, אַז איינצולאַדן אין טעאַטער אויף איין אָוונט אַן עולם פון בלויז מבינים — מיינט עס 99 פראָצענט אַ זיכערער דורכפאַל. מיינט עס: אונטערשרייבן אַ טויט-אורטייל דער לעבעדיקסטער פיעסע.

איך גיי שוין אַזוי לאַנג צו פרעמיערעס, און איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז ביי אַ פרעמיערע זאָל אַ זאַך „אונזער עולם" געפעלן (עס גיבן אַמאָל אויסנאַמען, אָבער אויף אויסנאַמען קען מען זיך נישט פאַרלאָזן).

און איך באַשולדיק דאָ קיינעם נישט — נישט אונזער אינטע-ליגענץ, נישט אונזערע מבינים און פיישמעקער און נישט אַוודאי די פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער...

ביי אַ פרעמיערע מוז אַ פיעסע נישט געפעלן!

פרעמיערע איז אַן אָוונט פון סכנה שוין מיט דעם אַליין, וואָס עס איז אַ פרעמיערע!

איך פאַרשטיי עס פון פאַרשידענע אויסגאַנגס-פונקטן: אונזער אינטעליגענץ איז בטבע גאָרנישט קיין שלעכטע און בייזע, „יידישע גזלנים"... ווען זי איז צעטיילט, איז זי אַפילו גוט... אָבער וויבאַלד באַר מען נעמט זי צוזאַמען אויף איין פּלאַץ, ווערט זי שלעכט...

אויף אונזער גאַס פעלט רעגונג. פאַרגליווערטע און האַלב-פאַר-גליווערטע דרייט מען זיך אַרום ביי אונז. דאָס בלוט פרירט ממש פון לאַנגווייל.

ס'איז שרעקלעך אומעטיק ביי אונז, ענג און אומעטיק און מען קוקט אויס די אויגן און מען וואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו אָנוואַרעמען דאָס בלוט, צו אויפרעגן זיך אַ קאַפּיטשקע.

און מיט וואָס קען מען זיך אויפרעגן און אָנוואַרעמען, אויב נישט מיט אַרונטעררייסן? אויב נישט מיט מאַכן אַ תל פון עמעצן?

ליבן? אָפּט ווילט זיך עס, אָבער פון ליבן ווערט דאָך אַזוי אומעטיק, אַזוי מאָנאָטאָן!..

אַז מען ליבט יענעם, ווערט אַזוי נודנע!

איז דאָס איין אויסגאַנגס-פּונקט. דער צווייטער פּונקט שטעקט אין דער איינלאַדונג צו דער פּרעמיערע גופא.

וויבאַלד מען לאַדט יענעם איין, מיינט עס, אַז מען מאַכט יענעם פאַר אַ מבין.

נו, איז יענער נישט קיין חזיר און נעמט זיך דערלאַנגען מבינות...

עס איז אַ נאַרישער אומפּראָדוקטיווער מנהג!

ווען איך קום אין אונזער קונסט-טעאַטער צו אַ פּרעמיערע און גיב אַ קוק אויף דעם באַקאַנטן עולם, מבינים, קריטיקער, פיינ-שמעקער און גריבלער, וועלכע פילן אָן דעם זאַל—ווערט מיר מאָדנע רחמנותדיק אויף די שוישפּילער און אויף דעם פּאַרפאַסער...

אָרעמער מענטש! ווי וועסטו עס קענען אויסהאַלטן אַזויפיל מבינות?!

אָפט הייבט זיך מיר אָן דאַכטן, אַז איך זע דאָ פאַר זיך צו-זאַמענגעקליבן נישט פשוט מענטשן, געסט—נאָר אַ מחנה יעגער.

און יעדער מיט זיין כלי-זין: דער מיט אַ ביקס, דער מיט אַ מעסער, דער מיט אַ קינזשאַל און דער מיט אַ גאַז-באָמבע...

און מיר הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז איך זע די כלי-זין ביי יעדן איינעם.

דער האַלט עס אָפן און דער פאַרשטעקט הינטער זיין ראָק.

און כאָטש איך אַליין בין אויך איינער פון דער מחנה יעגער, האָב איך שרעקלעך רחמנות אויף די קרבנות...

און אָט הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג און די אויגן פון די הונדערטער יעגער שטעכן זיך אַריין אין זייערע קרבנות, מיט אַזוי-פיל ברען און יאַגד-לוסט...

און אָט ענדיקט זיך אַן אַקט. דער פאָרהאַנג פאַלט און אַלע יעגער נעמען זיך שיסן... ווער שטאַרקער און ווער שוואַכער, ווער מיט רציחה און ווער מיט אַ ביסל רחמנות...

און אַ קנאַל טראָגט זיך איבערן זאַל.

און אַ רויך פאַרשפּרייט זיך איבערן זאַל...

און אַ קרעכצן הערט זיך...

און קרבנות פאַלן... און בלוט גיסט זיך...

אָט אַזוי זעט אויס אין מיינע אויגן אַ פּרעמיערע.

און איך זאָג: ווען איך בין אַ דירעקטאָר פון אַ קונסט-טעאַטער ביי יידן, שאַף איך אָפּ דעמדאָזיקן מנהג פון פּרעמיערן...

צו וואָס?

אנשטאט דעם, לאַד איך איין יעדן קריטיקער און מבין באַזונדער, צעטייל אונזער אינטעליגענץ אויף אַ סך אָוונטן...

איך בין כמעט ווי זיכער, אַז ווען אונזער אינטעליגענץ, די מבינות-זאָגער, איז צעטיילט, קומט זען אַ דראַמע באַזונדער, נישט בצבור, וואָלט זיך אַזויפיל בלוט ביי אונז נישט געגאָסן...

מען דאַרף זעצן אונזערע מבינים צווישן פשוטן עולם. איין קריטיקער — צווישן הונדערט מענטשן. איין אינטעליגענט און פיין-שמעקער צווישן צוויי הונדערט — דאַן וועלן זיי בטל ווערן. און די געזונטע באַציונג פון פאָלק וואָלט אויף זיי געווירקט... און זיי וואָלטן אפשר זיך נישט געשעמט הנאה האָבן פון אַ זאַך אויך...

ווי געזאָגט, איך באַשולדיק דאָ נישט אונזער אינטעליגענץ און פיין-שמעקער.

איך באַגרייף די לאַגע. זיי אַליין זענען קרבנות פון דער לאַגע. אַנדערש קען עס גאָרנישט זיין...

ווען אונזער אינטעליגענטער עולם קומט זיך צוזאַמען—מוז ער רייסן און אַרונטעררייסן!

מען קען דאָך נישט, עס פּאַסט דאָך נישט אַנדערש. ווי קען מען זיין אַן אינטעליגענט צווישן אינטעליגענטן און לויבן און נתפּעל ווערן פון עפּעס און ווייזן יאָלדישקייט?..

ווען מען איז צווישן אַזאַ עולם, שטרענגט זיך יעדער אָן צו ווייזן חריפות, צו איבערשטייגן מיט מבינות דעם חבר און קאָלעגע.

און מיט וואָס קען מען איבערראַשן און איבערשטייגן, אויב נישט מיט שאַרפע ווערטלעך און אַרונטעררייס-שטאָף?

שונד מיט אַ הכשר.

עס איז אַ פּאַרפּאַלענע זאַך:

אונזער עולם האָט נאָך ליב דעם לייכטן שטאָף: דאָס טענצל, די האָפּקע, דאָס ביליקע לידל, דאָס קופּלעטל, דאָס צינישע וויצל, דאָס נאַקעטע פּיסל א. אז. וו.

און אין דערדאָזיקער ליבע זענען אייניק און פאַראייניקט דער ערגערער עולם מיט דעם בעסערן...

דער חילוק איז נאָר: דער בעסערער עולם שעמט זיך שוין אַ ביסעלע, אים פּאַסט שוין נישט זען סתם וואָדעוויל, סתם שונד. ער איז דאָך עפּעס אַ קונסט-ליבהאָבנדיקער עולם. איר שפּילט זיך עפּעס מיט אים?.. ער וואוינט דאָך עפּעס אין די בראָנקס!

איז קרעכצט אָפּט דערדאָזיקער קונסט-ליבנדיקער עולם, ליגט אונטער דעם שווערן יאָך פון קונסט, קרעכצט און ווערט פאַרשוואַרצט... ער איז, נעבעך, אין גלות: ער מוז ליידן יסורים צוליב דער „קונ-סטעניו"...

איז אַ רחמנות אויף אים, אויף דעמדאָזיקן עולם...

ווען נישט ווען, אַז קיינער זעט נישט, גנבעט זיך דערדאָזיקער עולם אַריין אַ צו בורלעסק, אין אַ שונד-טעמפּל און האָט הנאה פון דעם, וואָס דער ערגערער עולם האָט הנאה. אָבער בכלל איז אים שלעכט... ער קאָן נישט, ער טאָר נישט!...

וואָס-זשע האָט גאָט געטאָן? — איז איינגעפאַלן די לעצטע צייט עמעצן צו מאַכן פּאַראָדיע אויף שונד, צו געבן אָפּלאַך-שטאָף אויף שלעכטע פּיעסן, כלומרשטע סאַטירעס אויף דער ערגערער בינע.

און פון דאַן אָן איז שוין אַלעמען גוט: אי די, וואָס קאָכן די קונסט, אי די, וואָס עסן די קונסט...

זינט דערדאָזיקער דערפינדונג (און זי געהערט, דאַכט זיך, צו

אונזער ליבן אָסיפ דימאָוו), האָט דער בעסערער עולם פּשוט פריי אָפּגעצאָטעמט...

ער איז איצט אַ מענטש צווישן מענטשן...

ער דינט ביידע געטער צוזאַמען: ער איז יוצא קעגן קונסט און האָט הנאה פון שונד...

ער זעט אַ טענצל און הערט אַ גראָבן וויץ אונטער דעם אויסרייד, אַז עס איז אַ סאַטירע אויף שונד... אַז מען לאַכט עס אָפּ פון די שונד-פאַבריקאַנטן...

און דערדאָזיקער בעסערער עולם לויפט זען די „פּאַראָדיעס" און „סאַטירעס" אויף שונד — און ער איז גליקלעך... ער האָט הנאה...

און גוט איז אויך די טעאַטער-פאַרוואַלטער פון דידאָזיקע קונסט-טעמפּלען: זיי זענען אויך יוצא אי קעגן דער זייער שטרענגער מאַדאַם קונסט אי זיי האָבן אַ פולע קאַסע...

און אויך די אַקטיאָרן פילן זיך פיין:

זיי, ביי דעם גרעסטן טייל, ביי וועמען עס טאַנצט נאָך אין די בלוטן „שמענדריק" און „קוני לעמל", זענען זיך פּשוט מחיה, ווען זיי קענען שפּילן באַטעמטע שונד...

אַזוי האָבן זיי מורא פאַר דער קריטיק... און זיי מוזן דינען דער קונסט... אָבער דאָ האָבן זיי אַ „הכשר". עס איז דאָך אַ סאַטירע אויף שונד...

און דידאָזיקע אַקטיאָרן לעבן זיך איין אין זייערע שונד-ראָלן פיל, פיל בעסער, ווי אין זייערע ליטעראַרישע ראָלן... זיי שפּילן מיט ליבע, מיט פייער...

זיי לייגן אַריין זייער גאַנצן טאַלאַנט אין דידאָזיקע קונציקע ראָלן...

אין זיי קריגן פייערדיקע אַפּלאָדיסמענטן... און זיי איז וואויל, ווי די וועלט...

און דערוויילּ קומט אויס אַזוי, אַז אומעטום שפּילט מען ביי אונז שונד... סיי אין די קונסט-טעמפּלען, סיי אין די שונד-טעמפּלען...

דאָרט גיט מען שונד אַזוי, פּשוט, אָן אַן אויסרייד, אָן אַ הכשר... ווייל עס באַצאָלט זיך...

און דאָ גיט מען דעמזעלבן שונד מיט אַן אויסרייד, מיט אַ „הכשר" — און אויך ווייל עס באַצאָלט זיך...

און גוט איז צו באַטראַכטן דעם עולם, וועלכער גייט צו די־דאָזיקע פּאַראָדיעס, „רעוויוס" און סאַטירעס אויף שונד...

ווי מיר דאַכט זיך, זעט דערדאָזיקער עולם גאָרנישט די סאַטירע און די פּאַראָדיע, און אים אַרט עס גאָרנישט, וואָס מען לאַכט דאָ אָפּ פון די שונד און שאַנד — ער זעט דאָ דערוויילּ בורלעסק און וואָדעוויל. ער לאַכט דערווייל פון דעם ענין גופא... און אים איז דערווייל גוט און ווויל...

ער האָט הנאה!..

און איך האָב זיך צוגעקוקט וויאַזוי דער בעסערער, ווי מען רופט עס, עולם, לאַכט, נעמט אויף דידאָזיקע „קונצן"—און איך האָב זיך געזאָגט:

עס איז אַ פּאַרפּאַלענע זאַך: דער עולם אונזערער איז נאָך נישט דערוואַקסן פאַר אַ בעסערן טעאַטער... און דער עיקר: אונזערע שוישפּילער קאָנען נאָך נישט שפּילן קיין פּאַראָדיעס אויף שונד... אין זיי אַליין איז נאָך דאָ צופיל פון יענער טריפער מאַטעריע... פּאַראָדיעס דאַרף מען שפּילן מיט אַזאַ אינטעליגענץ, אַז מען זאָל פון אַלץ זען די פּאַראָדיע... אָבער אונזערע — שפּילן עס אַזוי, אַז מען זעט די שונד—און די פּאַראָדיע דאַרף מען זיך אָנשטרענגען צו געפינען... זייער שטאַרק אָנשטרענגען, און ווער וויל עס טאָן און ווער איז עס מחויב צו טאָן?

אַ נייע געזעלשאַפט.

איך האָב אַ פּלאַן, וועלכער קען, ווי מיר דאַכט, פּשוט ראַטע־ווען די יידישע בינע, שטעלן זי אויף די פיס, אויפהייבן זי און דערהייבן זי...

מיין פּלאַן איז—אַז מען זאָל גרינדען אַ געזעלשאַפט, וועלכע זאָל אָפּקויפן דורכגעפאַלענע פּיעסן.

איר קוקט מיך אָן: וואָס הייסט, ווער קויפט עס דורכגעפאַלענע זאַכן?—אַ שיינער מסחר, האַ? אָבער ס'איז נישט אַזוי ווילד, ווי איר מיינט.

אָט וועל איך אייך צעגלידערן דעם פּלאַן און איר וועט זען, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי קרום.

לאָמיר, ערשטנס, זען, פון וואָס ליידט אַמשטאַרקסטן די יידישע בינע.

די הויפּטזאַך ליידט זי פון אַ פּיעסן־פעלער. און דער פעלער איז אַ טאָפּעלער: אי פון דעם, וואָס עס פעלן פּיעסן, אי פון דעם, וואָס די פּיעסן זענען מיט פעלערן...

אַלזאָ, אָט דאָ קומט טאַקע מיין געניאַלער פּלאַן: לאָמיר גרינדן אַ נייע טעאַטער־געזעלשאַפט, וועלכע זאָל אָפּקויפן דורכגעפאַלענע פּיעסן!

דאָס וועט איר דאָך אַליין אויך מוזן מודה זיין, אַז אין דורכ־געפאַלענע פּיעסן איז ביי אונז נישטאָ קיין פעלער... דער מין איז דאָ, עס פעלט נישט, און די דורכגעפאַלענע פּיעסן זענען דווקא פון די בעסערע יידישע שרייבער אונזערע, די גדולי הדראַמאַטורגיע, ווי אָסיפּ דימאָוו, שלום אַש, הירשביין, קאָברין, ליבין, לייוויק און סעקלער...

דער הויפּט-אומגליק פון די דורכגעפאַלענע פּיעסן איז, וואָס זיי זענען דורכגעפאַלן. איז דאָ דאַרף מען זיך פרעגן: פאַרוואָס זענען זיי דורכגעפאַלן?

און אויך דאָ וועט איר מוזן מודה זיין, אַז יעדע דורכגעפאַלענע פּיעסע האָט אין זיך עפּעס, אַמאָל מער ווי עפּעס... אין יעדער דורכגעפאַלענער פּיעסע איז דאָ איין אַקט זיכער אַ גוטער, אַמאָל צוויי...

און טאַקע דאָס איז די אורזאַך פון זייער דורכפאַלן: גאָר שלעכט קען גיין — אָבער אַ ביסל גוט — נישט.

די צרה מיט די דורכגעפאַלענע פּיעסן איז אַזאַ: אָט איז אַ פּיעסע, איז דער ערשטער אַקט אַ פּראַכט — אָבער דערפאַר דער צווייטער טויג נישט.

און אָט איז דער צווייטער בעסער — טויג אָבער נישט דער פערטער.

און אין אַ צווייטער דורכגעפאַלענער פּיעסע איז פאַרקערט: דער ערשטער אַקט שוואַך און דער צווייטער געניאַל—און אַזוי כסדר.

און דאָ קומט מיין פּלאַן:

די נייע געזעלשאַפט, וועלכע קויפט אָפּ די דורכגעפאַלענע פּיעסן, נעמט זיי און פ א ר ר י כ ט זיי.

זי זעצט אוועק מענטשן עקספּערטן און יענע וואַרפן אַרויס, בעסערן אויס, מאַכן פון זיי אַ לייט.

און טאַקע לויט אייגענער דערפאַרונג און טאַקע נעמענדיק אין באַטראַכט די מיינונגען פון די קריטיקער אויף דידאָזיקע פּיעסן (נאָך אַלעמען פאַרשטייען זיי דאָך אויך עפּעס!...).

און אָפּט קענען די עקספּערטן נעמען צוויי אַקטן פון איין פּיעסע און איין אַקט פון אַ צווייטער, און נאָך אַן אַקט פון אַ דריטער און פון זיי אַלע מאַכן איין גרויס ווערק...

דאָס מעג מען אויך...

מיט דורכגעפאַלענע פּיעסן רעכנט מען זיך נישט, צערעמאָניעט מען זיך נישט, און דאַן גיט מען די פאַרריכטע פּיעסן נייע נעמען (לויט ניגער איז אַ נאָמען פון אַ פּיעסע דער עיקר...). און דאַן פאַרקויפט מען זיי צו אַ קאָמפּאַניע שוישפּילער, וועלכע פּאַסט זיך פאַר דעם, ווייל אויך דאָ קען מען נעמען אין באַטראַכט די מיינונג פון דער קריטיק.

די קריטיק זאָגט: דער טויג נישט פאַר דער ראָלע — נו, נעמט מען דעם פאַסנדערן!

קורץ: איך גלויב, אַז דאָס איז כמעט דער איינציקער וועג צו ראַטעווען דאָס יידישע טעאַטער פון דעם מאַנגל און הונגער אין פיעסן...

און די נייע געזעלשאַפט פאַר דורכגעפאַלענע פיעסן דאַרף נישט זיין קיין פילאַנטראָפּישע.

ווייל אַט די אַלע דורכגעפאַלענע פיעסן קען מען אָפּקויפן בזיל הזול און פאַרקויפן פאַר גוט געלט, און דאָס איז אַ גאָלדענער געשעפט...

איך גלויב זייער אין מיין פּלאַן. מיט אים מוז זיך אָנהייבן אַ נייע עפּאָכע אין אונזער יידישן טעאַטער.

מיין גרויס וואָרט איז:

די געפאַלנקייט פון יידישן טעאַטער קען מען נאָר הייבן מיט דורכגעפאַלענע פיעסן,

זיי לאַכן — און דאָך...

איר וועט גלויבן, צי נישט, נאָר ליטעראַטור און קונסט שפּילן אַ סך אַ גרעסערע ראָלע אין יידישן טעאַטער, ווי מען מיינט.

געוויינלעך לאַכט מען פון קונסט און דערהויפּט פון ליטעראַטור אין די יידישע שונד-טעאַטערס, אָפּט לאַכט מען אַפילו ציניש.

„ליטעראַטור" איז באַלד געוואָרן כמעט אַזאַ חוזק-וואָרט, ווי שמענדריק...

מען לאַכט — אָבער אינערלעך האָט מען רעספּעקט פאַר קונסט און קינסטלער, ליטעראַטור און ליטעראַטור-שפּילער. טיף אין דער נשמה ליגט פאַרבאָרגן אַ געפיל, וואָס מאָגט און פאָדערט: פאַרוואָס זאָלן מיר נישט זיין מיט לייטן גלייך? פאַרוואָס זאָל וועגן אונז אויך נישט שרייבן די בעסערע קריטיק?... פאַרוואָס מוזן מיר פאַרלאָרן גיין ביי שונד?...

אָט די אַלע, וואָס לאַכן פון ליטעראַטור, ווילן אין האַרצן, אַז מען זאָל זיי פאַרגלייכן מיט די גוטע אַקטיאָרן, די „ליטעראַטורניקעס", אַז מען זאָל פון זיי רעדן ערנסט, ווי וועגן שוישפּילער...

מען לאַכט אין יידישן שונדיסטישן טעאַטער פון „ליטעראַטור" און „קונסט", אָבער דאָס איז אַ לאַכן מיט יאַשטשערקעס... עס פילט זיך גרויס קנאה און קרענקונג אין דעמדאָזיקן לאַכן... עס הערן זיך טענער פון פאַרשטיקטע אַמביציעס, יונג-דערוואָרגענע חלומות...

מען דאַרף בלויז וועלן זיך צוהערן און האָבן אַן אויער צו הערן...

איך בין זיכער, אַז טיף-טיף אין זיין נשמה האָט יעדער יידישער אַקטיאָר אָדער טעאַטער-דירעקטאָר געחלומט פון שפּילן אָדער אויפפירן גוטע דראַמען...

ער האָט געחלומט, אָבער דאָס לעבן האָט אים שלעכט פּותר חלום געווען... און ער אַליין האָט נישט געהאַט קיין כּוח און מוט צו דערוועבן זיין חלום...

און איצט, ווען אַ יידישער שוישפּילער שפּילט, ווי מען רופט עס שונד, און ער ווערט אַפילו רייך פון דעם, עסט אים דאָך אַ געפיל פון קנאה צו די חברים, וואָס זענען געבליבן ביי דער „ליטעראַטור"...

ער איז זיי מקנא... און אים פאַרדריסט, וואָס מיט זיי רעכנט זיך די קריטיק, שרייבט וועגן זיי ערנסט... לויבט זיי אָפט, קלויבט זיך פאַנאַנדער אין זייערע ראָלן. און פון אים רעדט מען לייכט, אַלעמאָל מיט אַ געוויסן הומאָר אַפילו ווען מען לויבט אים...

איך קום אַמאָל אַריין אין איינעם פון אונזערע דערפאָלגרייכע שונד-טעאַטערס. כאַפּט מיך דער „סטאַר", אַ ייד מיט געוועזענע אַמביציעס, און וויל מיר איינשמועסן, אַז ביי אים אין טעאַטער שפּילט מען פונקט אַזוי גוט, ווי ביי שוואַרצן און בן-עמין...

— עס איז דיזעלבע זאַך, זאָגט ער, נאָר וואָס דען? זיי רופן עס ליטעראַטור און קונסט און מיר שפּילן עס אַזוי טעאַטער און „דאַטס אָל!"

קוק איך אים אָן, שמייכל און שוויג, ווייל איך האָב אויף דעם מענטשן רחמנות. איך זע, ווי אינערלעך ליידט ער, ווערט ער אויפגעגעסן פון זיין „דערפאָלג"...

— וואָס, איר גלויבט נישט? — פרעגט ער מיך.

— און איר אַליין גלויבט? — פרעג איך אים צוריק.

און ער האָט מיר נישט וואָס צו ענטפערן... אַ ביטערער קנייטש צעלייגט זיך אויף זיין יונג-מידן געזיכט.

און וואָס זאָל ער מיר ענטפערן? איך בין איבערצייגט, אַז ער אַליין גלויבט אויך נישט, אַז ביי אים שפּילט מען פונקט אַזוי „ליטעראַריש", ווי ביי שוואַרצן אָדער בן-עמין...

אי, צו וואָס רעדט ער דאָס? — דאָס וויל ער זיך אַרונטער-רעדן פון האַרצן...

עס איז אים נישט גוט, נעבעך... מיט זיין גאַנצן דערפאָלג איז אים נישט גוט...

ער האָט דאָך אַמאָל, טאַקע גאָרנישט לאַנג צוריק, אויך געהאַט

אַמביציעס צו שפּילן אין בעסערע זאַכן, צו ווייזן זיך נישט נאָר פאַר ווייבער...

און אַנומלט בין איך געווען אין אַ יידישן טעאַטער, אויך אַ דערפאָלגרייכן, האָט מיך דער דירעקטאָר, דווקא אַ וואוילער, יונגער מענטש, גענומען איינשמועסן, אַז ביי זיי גרייט מען צו דאָס פּאָלק פאַרן בעסערן טעאַטער... איז אייגנטלעך, אַרבעט מען ביי אים גאָר פאַר מאָריס שוואַרצן... מען שפּילט אין זיין טעאַטער, הייסט עס, האַלב און האַלב: צווישן שונד און ליטעראַטור...

האָב איך אויף אים געקוקט און זיך געזאָגט: דער מענטש פאַרענטפערט זיך פאַר מיר... דער מענטש וויל פאַרענטפערן זיין געוויסן... ער שפּייזט דאָס פאָלק מיט נאַרישקייטן, מיט שטרוי און היי, און ער וויל געפינען אַ זכות, אַז ער אַרבעט כאָטש פאַר אַ בעסערער זאַך...

אינערלעך פילט דער מענטש, אַז עס איז אַ זינד צו מאַכן געלט פון אַזאַ טעאַטער... עס איז נישט גאָר שיין... און ער זוכט אַ תירוץ, אַ רעכטפאַרטיקונג...

ער גרייט, הייסט עס, צו טעאַטער-גייער פאַר דער בעסערער דראַמע... זיין טעאַטער איז עס אַ מין פאָרבאַרייטונגס-שול און דער-פאַר זאָל די קריטיק מיט אים האָבן איינזעעניש...

און דאָ נישט לאַנג האָב איך אין טעאַטער באַגעגנט אַ פאַר פאַסער, וועלכער האָט אָנגעפּאַרפּאַסט איבער 80 פּיעסן פאַרן יידישן טעאַטער (אַזוי זאָגט ער).

און איך האָב געקוקט אויף דעם מענטשן. ער האָט גראָד דאַן געגעסן צונג מיט ברויט און זענעפט און איך האָב זיך געטראַכט: דער מענטש איז אַן אומגליקלעכער. ער עסט זיך אַליין אויף... איך בין זיכער, אַז אויך ער וואָלט נאָך אַוועקגעגעבן זיין גאַנצן דערפאָלג, ווען ער קען אָנשרייבן כאָטש איין פּיעסע, ווי פּרץ הירשביין...

אמת, ער מאַכט געלט, מען שפּילט אים. ער איז אַ שטענדיקער דערפאָלג. זיינע אַ פּיעסע, זאָגט ער, איז נאָך קיינמאָל נישט דורכ-געפאַלן... אָבער ער אַליין? — ער איז דורכגעפאַלן... ער איז גאָרנישט און צייטנווייז פילט ער עס...

און דער מענטש האָט געגעסן די צונג מיט ברויט און זענעפט, און זיך געצלאַשטשעט צו מיר און אין זיין קוק האָב איך געלייענט:

— זייט מיר מוחל, איך האָב אָנגעשריבן 80 פּיעסן!... איך

בין נישט שולדיק, וואָס זיי זענען געווען אַן דערפאַלג... וואַרפט עפּעס אַריין אַ גוט וואָרט פאַר מיר! שענקט אַ נדבה, געפינט פאַר מיר אַ זכות!... ווייל איך בין נישט שולדיק!...

און איך זאָג אייך דעם אמת, איך האָב אויף דעם מענטשן רחמנות געהאַט: אַכציק פּיעסן און קיינער קען אים נישט! אַכציק פּיעסן און די קריטיק זאָגט וועגן אים נישט קיין וואָרט!... עס מוז זיין זייער אַ ביטערע לאַגע!

און איך זאָג זיך: נאָך אַלעמען שפּילט ליטעראַטור און קונסט אַ סך גרעסערע ראָלע אין לעבן פון יידישן טעאַטער, ווי מען מיינט געוויינלעך.

אָט איז אַ „סטאַר". ער איז רייך, קריגט גרויסן געהאַלט און נאָך גרעסערע אַפּלאָדיסמענטן פון זיין פּובליקום, און דאָך איז ער נישט צופרידן... און ער וויל ביי מיר, אַ יידישן יונגן קריטיקער, פּועלן, אַז ער שפּילט ליטעראַטור...

אָפּט לאַכט אָט דער מענטש פון ליטעראַטור און קונסט. ער לאַכט ציניש, גראָב... אָבער דאָס לאַכן טוט דאָך וויי. עס איז דאָך אַ געלעכטער פון קנאה... ווייל אין האַרצן איז ער מקנא יענע, וועלכע מאַכן קיין געלט נישט, אָדער ווינציק געלט, אָבער דערפאַר רעדט פון זיי די בעסערע קריטיק...

און איך קום צום שלוס, אַז נאָך אַלע גליקן, וואָס אַן אַקטיאָר מאַכט, קען מען נישט וויסן, ווו דאָס גליק ליגט... און אפשר איז גאָר דער אַקטיאָר, וואָס ליידט און שפּילט דאָך בעסער טעאַטער, פיל גליקלעכער?

ווייל, באמת, וואָס מיינט אַקטיאָריש גליק? אַ גוטע קינסטלערישע ראָלע און אַ גוט וואָרט פון דער בעסערער קריטיק...

אויך שפּילנדיק שונד קריגט מען אָפּט „גוטע קריטיקעס", אָבער שטעלן זיי דען צופרידן?.. דער שווישפּילער אַליין ווייס דאָך ווער עס שרייבט די לויב-געזאַנגען פאַר אים און ער וויל דווקא לויב-געזאַנגען פון יענע קריטיקער, ביי וועלכע ער קען זיי נישט קריגן... יעדער אַקטיאָר וויל, מען זאָל אים נעמען ערנסט און ערנסט איז נאָר יענע קריטיק, וואָס שטעלט זיך העכערע צילן אין טעאַטער...

אַן אַקטיאָר קען זיך נישט צופרידנשטעלן מיט די שבחים פון פּרעס-אַגענטן... ווייל אויב יאָ, הייבט ער אָן פאַלן... אַן אַקטיאָר

וואָס הערט זיך אויף צו רעכענען מיט דער בעסערער קריטיק, הערט זיך אויף צו רעכענען מיט זיך אַליין...

איך האָב ליב צוצוקוקן דאָס אַרומטאַנצן, וואָס מען טאַנצט אַרום אין די שונד-טעאַטערס אַרום דעם בעסערן יידישן טעאַטער-קריטיקער... איר זעט, ווי זיי האַלטן אים פאַר אַ „יאָלד", אָבער דער „יאָלד" איז דער, וואָס וויל עפּעס פון טעאַטער... דער „יאָלד" איז דער, וואָס שטרעבט צוזאַמען מיטן אַקטיאָר צו אַ בעסערן שפּיל...

אין דעם אַרומטאַנצן אַרום דעם בעסערן יידישן טעאַטער-קריטיקער זע איך, אַז דאָס יידישע טעאַטער מיט זיין גאַנצער ירידה איז נאָך נישט געפאַלן... אין אמתן טיליעט אין אים נאָך אַ געפיל פאַר בעסערס.

אַפילו דער געפאַלנסטער יידישער טעאַטער-מענטש איז שטענדיק בבחינת יענקל שאַפּסאָוויטש, וואָס פילט זיין ירידה און וויל זיך מיט עפּעס אויסקויפן...

און איך קוק אַמאָל צו דאָס קוקן אין די אויגן דער בעסערער יידישער קריטיק און איך פריי זיך:

נאָך אַלעמען איז אַ יידישע נשמה נישט אָפּצושאַצן. דאַכט זיך, זי טרינקט זיך אין בלאָטע, לעבט זיך מיט איר דאָלאַרדיקן דערפאָלג און לאַכט אָפּט אַזוי ציניש פון ליטעראַטור און טעאַטער — און דאָך וויל זי אַליין אַ תיקון, זוכט נושא חן זיין ביי דערזעלבער „ליטעראַטור"...

וואו איז דער אמתער אמת?

אמת, ווי שיינקייט: ס'איז דאָ נישט איין שיינקייט, נאָר אַ סך שיינקייטן. ס'איז דאָ נישט איין אמת, נאָר אַ סך אמתן.

איך טראַכט אָפּט וועגן דעם גורל פון בעסערן יידישן טעאַטער.

און איך זאָג זיך אַרויס אַזאַ אמת:

דאָס יידישע בעסערע טעאַטער ליידט, חוץ די געוויינלעכע ליידעניש, פון צוויי גרויסע פּלאָגן: פון שנעל שטעלן און שנעל אַרונטערנעמען...

אומגליק ברענגט אומגליק: ווייל מען שטעלט שנעל, מוז מען אָפּט שנעל אַרונטערנעמען...

דאָס בעסערע יידישע טעאַטער איז קראַנק אויף דער איילעניש-קראַנקהייט.

אָפּט דאַכט זיך מיר, אַז עס איז גאָר קיין טעאַטער נישט, נאָר אַ יידישער קלאָוקמאַכער פון בראָנקס, וואָס איילט זיך וואָס שנעלער צו כאַפּן די סאָבוויי...

עס איז נישט קיין טעאַטער, וואָס שטופּט די טעאַטער-קונסט פאָרויס, נאָר וואָס מאַכט אַליין אַ לעבן פון שטופּן און דורכשטופּן זיך...

עס שטופּט זיך, אונזער בעסער יידיש טעאַטער, און דערפאַר קומט עס אַלע ווײַלע אַרויס מיט צעריבענע זייטן...

עס שטופּט זיך דורך — און דערפאַר האָט עס אַזאַ פּנים...

אונזער בעסער טעאַטער הייבט אָן אַ סעזאָן אין איילעניש און ענדיקט אים „מיט קוים דערלעבט שוין פּטור ווערן"...

אין איילעניש שטעלט מען ביי אונז פּיעסן... פאַרבאַרייטונגען? — ווער האָט עס כּוח דערצו? פּראָבע? — וואו נעמט מען צייט דערצו?

מען פאַרלאָזט זיך אויף דער געניאַליטעט פון דעם יידישן אַקטיאָר, ער וועט שוין גוט מאַכן...

קיין פּראָגראַם אויף אַ סעזאָן האָט נישט דאָס יידישע בעסערע טעאַטער... מען שפּעקולירט: וועט אַוועקגיין דאָס—איז רעכט! און ווען נישט, וועט מען כאַפּן אַ צווייטע זאַך... עפּעס וועט אונטער-שפּרינגען און וועט ראַטעווען...

איך האָב געזוכט די פּראָגראַמען פאַר אַ נייעם סעזאָן פאַר צוויי בעסערע טעאַטערס אונזערע און, מערקווירדיק, זיי האָבן ביידע כמעט געהאַט איין פּראָגראַם...

איך האָב געפרעגט ביידע דירעקטאָרן דיזעלבע פראַגע: וואָס וועט מען ביי אייך שפּילן? און ביידע האָבן מיר געוויזן אַ גרויס צעטל געננוג פאַר צען יאָר... און דער צעטל איז געווען דערזעלבער ביי ביידן...

ווי־זשע איז דאָס געשען? דאָס איז געשען, ווייל זיי ביידע האָבן נישט קיין פּראָגראַם...

מען וואַרפט זיך און מען וועט זיך וואַרפן...

די קאַסע וועט אַנטשיידן...

און רעזולטאַט:

דאָס ביסל כּוח, וואָס איז דאָ, שיסט מען אַרויס אויף דער ערשטער אויפפירונג.

צו דער ערשטער אויפפירונג גרייט מען זיך נאָך ווי עס איז. מען מאַכט אַ ביסל פּראָבע.

אָבער ווען גאָט העלפט און דער ערשטלינג פאַלט דורך — הייבט מען אָן שטעקן וואָס עס קומט צו דער האַנט.

מען ראַטעוועט זיך...

און אָנשטאָט כּוח און גלויבן אין זיך, קומען אַרויף אויף דער סצענע אימפּעט און שפּעקולאַציע. ביידע קינדער פון אַנטטוישונג.

מען שפּעקולירט: אפשר וועט די נייע זאַך אַוועקגיין? ווער ווייסט?... מען זעט נישט קלאָר דעם וועג, נאָר מען בלאָנדזשעט, ווי אַ שיכּור... און האָקט מען אָפּ דעם קאָפּ אָן אַ טעלעפאָן-סלופּ, זידלט מען זיך, מען הייבט זיך אויף און מען וואַקלט זיך ווייטער...

מען שפּעקולירט מיט האַלב-רויע אויפפירונגען... מען געמבלט מיט דער קריטיק... מען רופט זי צו האַלב-רויע פאָרשטעלונגען מיט דעם כיטרען געדאַנק: אפשר וועט מען זי אָפּנאַרן?... ווייל נאָך

אַלעמען, ווייסט זי דען עפּעס, אונזער קריטיק? — זי שרייבט! און ווער ווייסט: אפשר וועט זי דאָסמאָל זאָגן גוט...

מען רופט די קריטיק, נישט גלויבנדיק אין איר... נישט האַלטנדיק פון איר...

און אונזער קריטיק קומט אין איילעניש זען די האַלב-רויע אויפפירונגען. און זי קוקט איילנדיק און שרייבט נאָך איילנדיקער און עס קומען אַרויס איילנדיקע טעאַטער-קריטיקן אויף איילנדיקע פאַרשטעלונגען. און די קריטיק ווערט געלייענט פון אַ לעזער, וואָס איילט זיך אוודאי... און עס קומט אַרויס אין סך-הכל: גאָרנישט מיט גאָרנישט...

און וואָס קאָן אונזער טעאַטער טאָן?

איך שטעל זיך אָפּ ביי קרבנות-ברענגען.

אונזער בעסער טעאַטער דאַרף האָבן קרבנות... יעדע אויפפירונג דאַרף זיין אַ געבראַכטער קרבן צום גאָט, אָדער, זאָל זיין אַפילו, צו דעם געטשקע פון קונסט... יידישע אַקטיאָרן מוזן ווערן געצנדינער, אַט וואָס...

אָן קרבנות קאָן אונזער בעסער טעאַטער קיין תקומה נישט האָבן...

דאָס בעסערע יידישע טעאַטער דאַרף אויפהערן ווערן אַ גרויס געשעפט.

די גרויסגעשעפטיקייט זיינע הרגעט אים אוועק. די הוצאות עסן אויף די קונסט. די קאַסע פאַרצוקט דעם טאַלאַנט.

דאָס בעסערע יידישע טעאַטער דאַרף זיך נישט אומקערן צוריק צו גאָרדינען. גאָרדין וועט אים נישט העלפן.

דאָס בעסערע יידישע טעאַטער מוז זיך אומקערן צום ליבהאָבער. עס דאַרף ווערן צוריק אַ ליבהאָבער-טעאַטער: קליין, אָבער פאַרליבט אין זיך. אָרעם, אָבער רייך אין אינהאַלט.

אזאַ טעאַטער וועט זיך נישט דאַרפן איילן... מען וועט שטודירן לאַנג און שטעלן פּאַרזיכטיק און מען וועט נישט מוזן שנעל אַרונטערנעמען...

אַזאַ טעאַטער וואָלט געזען קלאָר זיין וועג — דער וועג צו געפינען זיך אַליין, און ער וואָלט נישט באַדאַרפט טאַפּן שטיקער הושך מיט ציטערדיקע הענט...

אזאַ טעאַטער וואָלט נישט געדאַרפט שפּעקולירן: אפשר וועט געשען אַ נס...

אזא טעאַטער וואָלט דעם עולם געלערנט לאַנגזאַם צו פאַרשטיין טעאַטער... וואָלט אויף אים אַרויפגעצוואונגען אַ בעסערע באַציונג...

דאָס בעסערע יידישע טעאַטער וועט זיך נאָר דאַן קענען שטעלן אויף די פיס, ווען די מענטשן, וואָס שטייען אַרום אים, וועלן קענען האַלב הונגערן און שפּילן טעאַטער... ווען דער רעזשיסאָר וועט אַליין זיין אַ האַלב-הונגעריקער, ווען דאָס טעאַטער וועט נישט זיין קיין גרויס געשעפט, וואָס שטייט מיט אַן אָפן קאַסע-מויל און שרייט: גיב, גיב! געוואַלד, יידן, איך דערלייג!...

קורץ: מען מוז אַוועקנעמען די קאַסע פון בעסערן יידישן טעאַטער.

אָט אַזוי טראַכט איך אַמאָל... און איך גלויב, אַז דאָס איז אַן אמת.

אָבער אַן אַנדער מאָל רוקט זיך אַרויס פון ערגעץ אַ ווינקל מוח אַן אַנדער אמת און ער טענהט פונקט פאַרקערט...

— וואָס ווילסטו פון בעסערן יידישן טעאַטער? — ליבהאָבער... סטודיעס? אָבער זענען דאָס דען נישט די אַלטע דראַמאַטיק-קלובן אונזערע? און דאָס האָבן מיר דאָך שוין געהאַט!... און איך זע נישט, אַז פון דראַמאַטיק-קלובן זאָל דאָס בעסערע יידישע טעאַטער געראַטעוועט ווערן.

די אונטערנעמונג איז צו קליין. צו נישט וויכטיק... די מיטלען פּיטשיפּנקע... און די השגות אויך...

ניין, דאָס בעסערע יידישע טעאַטער איז אַ קינד פון יידישן פאָלק: אַ פאָלק, וואָס לעבט דווקא נאָר מיט אימפּעט, שלאָגט זיך דורך און מאַכט געשיכטע דווקא נאָר איילנדיקערהייט...

עס איילט זיך, יאָגט זיך — און דערפאַר לעבט עס...

אַז עס זענען דאָ מענטשן, וואָס שטעלן עפּעס איין און שרעקן זיך פאַר פאַרלוסט... מיינט עס — אָנשטרענגונג און קאָנקורענץ... באַטייט עס גרויסע אונטערנעמונגען...

און דאָס שטופּט אונזער בעסערן טעאַטער פון בעסער צו בעסער...

ווייל עס איז דאָ אַ מורא פאַר דורכפאַלן, פאַר באַנקראָט, שטרענגט מען זיך אָן, מען ראַטעוועט זיך...

און פאַלט מען, הייבט מען זיך אויף און מען גייט ווייטער...

און דערויף וואַקסט דאָס בעסערע יידישע טעאַטער...

די קונסט ליידט דערביי? נישט קיין אומגליק! מיר ליידן

אויך! אמתע קונסט וועט אַלעמאָל ליידן אַפילו מיט האַלב-הונגעריקע קינסטלער... אַזוי איז שוין די טבע פון קונסט — זי מוז ליידן... זי וואָלט נישט געהייסן קונסט, ווען זי ליידט נישט...

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז געזינטער וואָלט געווען, ווען מיר האָבן מעצענאַטן, וואָס זאָלן אַוועקלייגן אַ מיליאָן דאָלאַר פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער און זאָגן: נאַט אייך, קינדערלעך, און שפּילט!

און אַ רעגירונג, וואָס זאָל דעקן פון איר קאַסע אַלע פאַרלוסטן— וואָלט אויך געווען נישט שלעכט.

אָבער מיר האָבן נישט קיין מעצענאַטן און נישט קיין רעגירונג...

און ווען זיי זענען נישטאָ, זאָג איך: געבענטשט זאָלן זיין די איילנדיקע אונטערנעמער אונזערע, די קונסט-שפּעקולאַנטן, וואָס איילן זיך אויף דער אייגענער רעכענונג... דאָס איז שיין פון זיי... זיי שפּעקולירן — און מיר דערוויילּ שפּאָרן אָפּ אַ רעפּערטואַר...

ווייל אַז מען וויל, קאָן מען זאָגן, אַז שנעל שטעלן, ווי שנעל אַרונטערנעמען, איז אַוודאי שלעכט פאַר טעאַטער-אונטערנעמער: עס שאַדט דער קאַסע... אָבער פאַר דעם שפּיל גופא איז עס גאָרנישט אַזוי שלעכט... מען איילט זיך און דערווייל נעמט מען אַמאָל אונטער זאַכן, וואָס נישט איילנדיק, וואָלט מען דאָס נישט אונטערגענומען... מען מאַכט ווינציק פּראָבע, אָבער מיר פאַרלירן ווינציק, ווייל וואָס אַרט אונז, אַז די אַקטיאָרן שטרענגען זיך אָן און דערגאַנצן מיט אימפּעט דאָס, וואָס עס פעלט זיי צו פּראָבע?...

און אַזוי זעען מיר יעדע וואָך נייע זאַכן אין בעסערן יידישן טעאַטער... נייע אויפפירונגען און אויפטואונגען—און אונזער בעסערער רעפּערטואַר וואַקסט...

— —

ווי געזאָגט, אמת, ווי שיינקייט: ס׳איז דאָ נישט איין שיינקייט, נאָר אַ סך שיינקייטן; ס׳איז דאָ נישט איין אמת, נאָר אַ סך אמתן... און וואו איז דער אמתער אמת?

געראטעוועטע שורות.

איך שרעק זיך נישט פאַר דעם געשריי: דאָס יידישע טעאַטער גייט אונטער צוליב דעם, וואָס עס באַצאָלט זיך נישט. אַזאַ זאַך איז אוממעגלעך, עס קאָן נישט זיין. הייראַט באַצאָלט זיך אויך נישט און דאָך האָט מען חתונה.

פעסימיסטן, אַ יידיש טעאַטער וועט זיין! איז אַ קבצנישער, וועלן די דירעקטאָרן גיין צופוס, וועלן די אַקטיאָרן שפּילן פויקער אויף בעבלעך — אָבער אַ טעאַטער וועט זיין!

עס זענען דאָ צופיל אַקטיאָרן, ווי צופיל שרייבער. און די צרה איז נישט, וואָס יעדער פון זיי וויל עסן — נאָר וואָס יעדער וויל אויך שפּילן.

די בעסטע מאָמענטן פון טעאַטער:

1) די צווישן-צייט, ווען איין העלד גייט אַרונטער און דער צווייטער איז נאָך נישט אַרויף.

2) ווען דער פאָרהאַנג וויל נישט אַרבעטן, און

3) ווען אַן אַקטיאָר ליגט טויט אויף דער בינע און קען זיך נישט רירן.

גוטע יידישע דראַמען האָט מען געדאַרפט בויען פון שווערע שטיינער, כדי מען זאָל זיי אַזוי שנעל נישט קענען אַ ר ו נ ט ע ר־ נ ע מ ע ן.

עדער אַקטיאָר וויל אַ גוטע ראָלע פאַר זיך — דאָס איז מענטשלעך. ווייל ער אָבער אויך דערצו אַ ש ל ע כ ט ע ראָלע פאַר זיין קאָלעגע — איז דאָס איז שוין ט ע אַ ט ע ר.

יעדער יידישער אַקטיאָר וויל, אַז מען זאָל אים ל ו י ב ן — איז דאָס אויך מענטשלעך. ווייל ער אָבער דערצו אויך, אַז מען זאָל אַרונטעררייסן זיין קאָלעגע — און דאָס איז שוין ט ע אַ ט ע ר.

אַן אַקטיאָר שטאַרבט צ ו ו י י מאָל — איינמאָל פאַר ז י ך, און אַ צווייטן מאָל פאַר ז יי נ ע ר אָ ל ן. אָדער קלאָרער גערעדט: איינמאָל אַלס מענטש און איינמאָל אַלס אַקטיאָר.

דאָס איינציקע, וואָס קלעבט זיך שטענדיק אין יידישן טעאַטער איז די אַפישע.

אַ שרייבער שטאַרבט נישט — נאָר ער לייגט אַוועק די פעדער פון האַנט. אַן אַקטיאָר שטאַרבט נישט—נאָר עס לאָזט זיך אים אַרונ־טער דער פאָרהאַנג.

אייגנטלעך, ווערן ביי אונז אָפּערעטן געמאַכט אַזוי: מען נעמט אַ מעלאָדראַמע, מען שניידט איר אויס די געדערעם, מען שטעכט איר אויס די אויגן (כדי זי זאָל נישט קענען וויינען), מען האַקט איר אָפּ דעם קאָפּ מיט די פיס און מען פּוצט זי אויס אין יאַפּאַנישע, כינעזישע, קאַווקאַזישע און פראַנצויזישע עפּאָלעטן. מען הייסט איר טאַנצן, שפּרינגען, זינגען — און עס ווערט אַן אָפּערעטע.

און ווי ווערט געמאַכט ביי אונז אַ מעלאָדראַמע? צוריק די אייגענע מעשה: מען וואַרפט אַרויס אַ ביסל געזאַנג און טענץ, און מען טוט אָן אַן אָפּערעטע וואָכעדיקע קליידער, מען הייסט איר כליפּען, — און עס ווערט אַ מעלאָדראַמע...

ביי אונז, אַז מ׳עפנט אַ ניי טעאַטער, איז חוץ דער שמחה קומט אונז צו אַ נייע זאָרג: וואו נעמט מען פּאַר אים פּיעסן?

אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז יידן זענען אַ חוץ אַ מעלאָדראַמאַטיש פאָלק אויך אַ שונד־ראָמאַן־ און אָפּערעטן־פאָלק...

אַ פאָלק, וואָס איז פּונקט ווי צוגעמאָסטן פאַר אַ שונד־ראָמאַן און פאַר אַן אָפּערעטע.

און דערפאַר קאָן קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט נישט האָבן אַזעלכע שונד־ראָמאַנען „פוןביידע זייטן ים״, ווי מיר, און אָפּערעטן, וואו די העלדן זאָלן אַזוי גרינגפּיסיק אומשפּרייזן פון איין לאַנד צום צווייטן און אומעטום זיך פּיקן היימיש, זינגענדיק...

איך זיך אמאָל אין יידישן טעאַטער און טראַכט זיך: ביז וואַנען? ביז וואַנען וועט מען אונז רייצן מיט זנות, נאַרן, ווייזן און גאָרנישט ווייזן? זאָל מען שוין, צו אַלדי טייוול, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַרויסווייזן אויף אונזער בינע די גאַנצע נאַקעטע שאַנד (אָן מייטקעס) און זאָל עס נעמען אַ סוף צו די צרות. ווען מען ווייזט עס שוין, וואָלט אפשר אונזער טעאַטער-קונץ געקומען צו זיין נאַקעטן „קלימאַקס", וואו ווייטער גיין קאָן מען שוין נישט, און דאַן וואָלט מען אפשר געגאַנגען צוריק ביז אַ קאַפּיטשקע אַנשטענדיקייט...

צוליב פיש.

— פאַרוואָס האָט די יידישע פּרעסע דווקא אויסגעקליבן פרייטיק אַלס טעאַטער-טאָג?

— פרייטיק עסן אַלע פרומע יידן פיש. און אונזער פרום-יידישע פּרעסע עסט דעם טאָג פיש ביי די אַקטיאָרן און טעאַטער-דירעקטאָרן...

אָרעמע „מירעלע"!

„מירעלע אפרת" איז יעקב גאָרדינס אומגליקלעכסטע פּיעסע.

יעדע יידישע אַקטריסע, תיכּף ווי זי דערפילט, אַז דער „רו-מאַטיז" גיט זיך ביי איר אַ צאַפּל—נעמט זי זיך צו שפּילן „מירעלען".

„יענקל דער שמיד" איז פון יענע פּיעסן מיטן גוטן סוף, וואו דער פּראָפעסאָר ברענגט צו אַ תּכלית זיינע העלדן מער אָדער ווייניקער צו דער צופרידנקייט פון אונזער פּובליקום.

„יענקל דער שמיד" — געבענטשט זאָל ער זיין! — איז אַ מוסר-מוסטער פאַר שלעכטע פרויען: אָט אזוי, ליבינקע, — זאָגט פּינסקי, — דאַרף אַ ווייב אַרומגיין מיט אַ שלעכטן מאַן. אָט ווי טאַמאַרע! אמן, און אייך וועט זיין גוט, ווייבעלעך!..

„יענקל דער שמיד" איז פון דער באַרימטער סעריע אונזערער:

„יענקלס״. אָט די סעריע גראָבע יונגען מיט די ווילדע אינסטינקטן, וועלכע די פּאַרפאַסער האָבן אַרויסגעפּירט צו ווייזן די גויִים, אַז אויך מיר האָבן גראָבע יונגען און נישט נאָר מלמדים (אַ געוואַלדיקער אויפטו געווען אין יענע צייטן).

און צום סוף: געוואַלד, שריי איך, ווי ווערט מען שוין פּטור פון דער סעריע יענקלס! יענקל בוילע, יענקל דער שמיד און אַפילו יענקל שאַבסאָוויטש צוגערעכנט! וויפל איז דער שיעור צוליידן פון די יענקלעך!

אַ פּ ר אָ י ע ק ט.

(פאַר די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן).

עס איז אַ פאַקט, מיינע הערן, אַז דער יידישער עולם איז אַ פּראַקטישער, אַ תּכליתדיקער. דער יידישער עולם וויל נישט זען קיין לייכטע, פּוסטע, אינהאַלטסלאָזע זאַכן. זיי מעגן זיך זיין אַפילו די שפּאַסיקסטע. דאָס יידישע פּובליקום איז אַן ערנסטע, און עס וויל פון טעאַטער עפּעס אַרויסטראָגן, עפּעס אהיים ברענגען.

אַלזאָ, וואָס טוט מען? האָב איך פאַר אייך אַן עצה: לייגט אַוועק ביי יעדן באַזוכער פון אייערע קונסט־טעמפּלען אַ זילבערנע לעפעלע (ראדזשעס 784) און איר וועט זען, אַז זיי וועלן אַלע קומען און בלייבן צופרידן. אַלע דראַמען וועלן זיי געפעלן, ווייל זיי וועלן זיכער עפּעס אַרויסטראָגן...

די אמתע מאַרטירער.

אָפט קוק איך אויף די קלעזמער אין די יידישע טעאַטערן און איך האָב אויף זיי רחמנות.

מאַרטירער, אמתע מאַרטירער זענען זיי! זיי מוזן, נעבעך, פינף מאָל אין וואָך אויסזיצן און זען איין נאַרישע זאַך, הערן דיזעלבע חכמות און נאָך מאַכן זיך אַ האַרץ און צושפּילן דערצו...

אַ ר ח מ נ ו ת.

שרייבט אַ דיכטער אַן אַ שוואַך, נישטיק לידל און האָט זי מורא צו דרוקן אַלס זיינס אַ ליד, שטעלט ער אַרויף אַ קעפּל: „פאָלקס־טאָן“, אָדער „פאָלקסליד“. קוואַטשעט אַ שרייבער אַן אַ זאַך, וואָס מען קאָן עס נישט דרוקן אַלס אַרטיקל — נעמט ער און שטעלט אַרויף דערויף „פעליעטאָן“... און אַזוי איז אויך מיט קאָמעדיע: שמירט מען אָן ביי אונז אַ מאַכאַרייקע, וואָס איז נישט קיין דראַמע און נישט קיין מעלאָדראַמע און אַפילו נישט קיין אָפּערעטע — גיט מען דאָס אַ נאָמען „קאָמעדיע“...

עס איז אַ רחמנות אויף אונזער פאָלקסליד, אַ רחמנות אויף אויף אונזערע פעליעטאָנען און אונזערע קאָמעדיעס.

דער אונטערשייד.

— מיט וואָס אונטערשיידט זיך דער „רעוויזאָר“ פון אַנדערע פּיעסן?

— דער „רעוויזאָר“ נעמט איין געלט אויסער ביי דער קאַסע אויך אויף דער בינע.

ווען אַ יידישער אַקטיאָר גייט אַריבער צו די גוים און פאַלט דורך — דאַן פרייען זיך אונזערע היימישע אינטעליגענטע קונסט־מבינים, פיינשמעקערס און קוקער: אַהאַ, וואָס האָבן מיר אייך געזאָגט? מיר האָבן געזאָגט, אַז ער טויג נישט, אַ פּורצע, אַ גאָרנישט! מילא, מיר מוזן זיך מיט אים האַלטן, אָבער ווי קומט ער אויף אַן אמתער בינע?

און ווען ער נעמט אויס, דאַן ווערן אונזערע היימישע אינ־טעליגענטן, קונסט־מבינים, פיינשמעקער און קוקער, אָנגעצונדן פון נאַציאָנאַלן פייער און בייזערן זיך: אַט, קוקט אים נאָר אָן, דעם פאַר־רעטער! גלייך ווי מיר האָבן אים נאָר „גרויס געמאַכט“, האָט ער גענומען און איז אַנטלאָפן צו זיי!

אַזוי, צי אַזוי, עס איז גאָרנישטאָ וואָס צו מקנא זיין די יידישע

אַקטיאָרן, וואָס גייען אַריבער צו די גוים. יוצא זיין פאַר אונזערע היימישע פיינשמעקער און קוקער איז אוממעגלעך...

הערן בן-עמי און ווייזענפרייד, איך בין אייך נישט מקנא!..

טאָפּל-ברוסטיקע קריטיק.

ביי אונז שרייבט מען טעאַטער-קריטיק האַלב-אויף-האַלב (פיפטי-פיפטי). דאָס מיינט, אַז די ערשטע העלפט פון איין קריטיק שטימט קיינמאָל נישט מיט דער צווייטער, ווי זיי וואָלטן געווען צעקריגט.

אָט נאַט אייך אַ מוסטער. אַ קריטיקער שרייבט ביי אונז, למשל, אַזוי:

ערשטע העלפט:

„די דראַמע איז זייער אַן אינטערעסאַנטע. די אינטערעסאַנטקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דאָ ווערט צום ערשטן מאָל אויף אונזער בינע געשילדערט אַ שטיק אמתער רעאַלער יידישער לעבן.

„די שילדערונג איז אַ קרעפטיקע, אַ בילדער-האַפטע, אַן אייגנאַרטיקע. מאָמענטנווייז זיצט מען אין טעאַטער, ווי פאַרגאַפט.

„עס איז אַ גרויסער געווינס פאַר דער יידישער בינע”.

צווייטע העלפט:

„עס מוז אָבער באַמערקט ווערן, — זאָגט דער קריטיקער, — אַז די דראַמע איז אין איר הויפּטסיוזשעט אַ געגנבעטע. אַ ביסל ביי פּשיבישעווסקין, אַ ביסל ביי איבסען, אַ ביסל ביי מעטערלינקן און אַ קאַפּיטשקע אויך ביי נח-מענדלען...

די דראַמע איז טעכניש שוואַך, קינסטלעריש שוואַך אויסגעאַרבעט און מאַנאַטאָן, א. אַז. וו.”

מיר ראַטן די פאַרפאַסער בלויז צו לייענען די ערשטע העלפט פון אונזערע טעאַטער-קריטיקן. די צווייטע העלפט וועלן שוין לייענען זייערע שונאים...

צו וואָס אַנטראַקטן?

אַזוי ווי אונזערע טעאַטער-דירעקטאָרן זוכן דאָך נייע זאַכן, האָב איך פאַר זיי טאַקע אַ באמת נייע זאַך, וואָס איז נאָך נישט „דאָ געווען" אפילו ביי די גויִים, און די יידישע בינע וועט האָבן דעם פאַרדינסט, וואָס זי וועט זיין די ערשטע דאָס איינצופירן.

איך שלאָג פאָר, מען זאָל אָפּשאַפן די אַנטראַקטן פון די צווישן-אַקטן.

מיין אַרגומענטאַציע איז די: איז די דראַמע, טראַגעדיע, אָדער קאָמעדיע אַן אינטערעסאַנטע און מ'קאָן אויסזיצן, — דאַן צו וואָס לאָזן דעם עולם מוטשען מיט אַנטראַקטן? זאָל מען געבן כסדר און פאַרטיק. און אויב פאַרקערט, דאָס געשפּילטע טויג נישט, און מען קאָן עס נישט אויסזיצן — דאַן צו וואָס נאָך מוטשען דאָס פּובליקום מיט אַנטראַקטן? זאָל מען עס אָפּפּטרן וואָס שנעלער און פאַרטיק! אַזוי, צי אַזוי: אַ גוטע פּיעסע דאַרף קיין אַנטראַקטן נישט. מען ווערט נישט מיד זעענדיק זי כסדר. און אַ שלעכטער פּיעסע קאָנען קיין אַנטראַקטן אויך נישט העלפן... אָפּט שאַדט עס נאָך: דער עולם האָט צייט צונויפצורעדן זיך און עס אויספייפן מיט פאַרייניקטע קרעפטן...

די גרעסטע כבוד-פרעסער זענען די אַקטיאָרן. אַ גאַנץ יאָר גיב זיי גלאַט כבוד. און נאָכדעם האָבן זיי ספּעציעלע אָוונטן און גיב זיי כבוד-אָוונטן.

און וואו, כ'בעט אייך איבער אייער כבוד, זאָל דאָ פאָלק נעמען אַזויפיל כבוד?

וואָס מיינט איר, דאָס פאָלק איז אַ בהמה, וואָס לאָזט מעלקן פון זיך כבוד אָן אַ סוף?

פ אַ ר ש אָ ל ט ן.

אַלע אונזערע קינסטלערישע אונטערנעמונגען זענען פאַרשאָלטן. די ערשטע קללה פון אַזעלכע אַנטערנעמונגען איז די וואָכעדיקייט.

די צווייטע קללה — די אומעסטעטישקייט.
די דריטע קללה איז די געלט-גייציקייט.

אויף אַלע אונזערע קינסטלערישע אונטערנעמונגען גיט דעם הויפּט-טאָן דעם ד אָ ל אַ ר. פריער פון אַלץ וויל מען מאַכן געלט און געלט. פינאַנציעלן דערפאָלג וויל מען. און ווי קריגט מען עס? מען טוט אַזוי: מען נעמט דעם גרעסטן זאַל, מען גיט די גרעסטע אַנאָנסן, מען שרייבט די גרעסטע גוזמאות, מען טרייבט אָן דעם גרעסטן עולם. און דאַן גיט מען זיי דערפאַר די גרעסטע פייג.

אַ סיזשעט.

איך האָב אַ סיזשעט פאַר אַ פיר-אַקטיקער עכט-יידישער פּיעסע מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג, וואָס קאָן זיין אַ זיכערער דערפאָלג.

פּראָלאָג — תּקון חצות.
ערשטער אַקט — דאַוונען שחרית.
צווייטער אַקט — מוסף.
דריטער אַקט — מנחה.
פערטער אַקט — מעריב.
עפּילאָג — תהלים.

דאָס וועט זיין אַן עכט-יידישע פּיעסע, שטאַרקער פון „דבוק” און „יזכור” צוזאַמען. מען קאָן האָבן גרויסע מאַסן-סצענעס, אַ סך געזאַנג און אַ סך באַוועגונג. און אַזאַ פּיעסע דאַרף נישט האָבן קיין רעזשיסער — עס איז גענוג אַ היימישער שמש...

דאָס גליק.

און ווייסט איר, וואָס דאָס גליק איז פון די אַלע אונטערנעמונגען? — דאָס גליק איז, וואָס דער עולם האָט אַ קורצן זכרון: ער שעלט אָן, פאַרגעסט, און אויפן צווייטן יאָר קומט ער ווידער שעלטן...

אונזער עולם איז ווי אַ קליינשטעטלדיקע יידענע, וואָס האָט אַ טבע צו לייגן זיך יעדן יאָר אין קימפּעט. ביי יעדן קימפּעט שעלט

זי דעם מאַן מיט טויטע קללות און פאַרשווערט זיך: מער נישט! און קומענדיקן יאָר ליגט זי ווידער אין קימפעט...

דער „קוועטש״, האָט שוין, אפנים, אַרויסגענומען בירגער־פּאַפּירן אין אונזערע טעאַטערס, און וויבאַלד אַ בירגער, קען מען דאָך אים גאָרנישט טאָן...

ווען אַ באַס דערקלערט זיך אין ליבע, זיצט דאָס פאָלק און קוקט עס צו און זאָגט:

— עי, דו, וואָס מאַכסטו זיך נאַריש!.. דו ביזט דאָך נישט קיין טענאר!

באַראַטאָוו.

באַראַטאָוו שפּילט נוסח מאָסקווע: דאָס הייסט, ער איילט זיך נישט, כאַפּט נישט. ער ווייס, אַז ער קען זיין ראָלע און וועט זי שפּילן גוט, און ער ווייס אויך, אַז די, וואָס זענען אים געקומען זען, וועלן זיך נישט צעלויפן (ער וועט זיי שוין צושמידן צו זייערע פּלעצער...).

באַראַטאָוו איז פון די שוישפּילער מיט פּאַרנעם. חוץ גוף־פּאַרנעם אויך גייסט־פּאַרנעם. ער איז פון די הויך־געוויקסיקע אַקטיאָרן, ביי וועלכע דער גוף איז נישט איבערגעוואקסן זייער טאַלאַנט.

ווייזענפריינט.

ווייזענפריינט וועט קיינמאָל קיין הויפּט־ראָליסט, אין דעם אַנגענומענעם זין פון וואָרט, נישט זיין.

אַפילו ווען ער וועט שפּילן הויפּט־ראָלען, וועט ער זיי אַלץ שפּילן פון דער זייט.

ווייזענפריינט איז דער קינסטלער פון שטיין אין אַ זייט און צויבערן. ער איז דער סטאַר פון מן הצד־קונסט.

זאָגט ווייזענפריינט: אָט וועל איך אייך ווייזן אַ גרויסן וואונדער: איך וועל נעמען אַ קליינע ראָלע און זי מאַכן גרויס, אַ זייטיקן טיפּ און אים שטעלן אין צענטער...

ווען ווייזענפריינט שפּילט, דאַכט זיך אייך אָפּט, אַז ער איז גאָר דערביי נישטאָ... ער שפּילט און קוקט ערגעץ פון דער זייט און שמייכלט כיטרע: אַ יאָ, איך קען? אהאַ?

גאָלדינבורג.

ווען איך קוק אויף גאָלדינבורגן, דאַכט זיך מיר, אַז ער זאָגט: ווי איר קוקט מיך אָן, קען איך אייך געבן מער וויפל איך גיב אייך. אויף אַלע געביטן קען איך אייך געבן, נאָר פאַר אייך איז גענוג, אַז איך דערלויב אייך צו קוקן אויף מיר, דעם איינציקן ראָמאַנטישן שוישפּילער...

און איך זאָג זיך: באמת, ווען גאָלדינבורג וואָלט זיך צע־וואַרעמט און געוואָלט אַ שפּיל טאָן מיט זיין גאַנצן כּוח, וואָלט ער געוואָרן איינער פון אונזערע גוטע שוישפּילער. אַפילו אין קונסט אויך... ווייל דראַמאַטישן כּוח פאַרמאָגט ער, נאָר ער רעזערווירט עס פאַר זיך, ער האָלט עס פאַר בעסערע צייטן...

און כּוח מוז מען ווייזן, און אַ סך כּוח, אַזוי ווי דאָס פאָלק ישראל.

אויב דו ביזט אַ טראַגיקער, זאָגט דאָס פאָלק ישראל, טאָ זיי

ווי קנסלער און שילדקרויט. גיב טראַגיזם פון דער טיף, פון גרונט. שריי עס אַרויס...

און אויב דו ביזט אַ קאָמיקער, איז זיי אַ מאָגולעסקאַ, אָדער זאַק.

און אַפילו לעבעדעוו לייגט אַריין זיין גאַנצן כּוח אין די פּיס.

דאָס פּאָלק ישראל וויל קרבנות אומעטום, אַפילו אויף די בינע-ברעטער.

מיך פאַרכאַפּט די אידעע פון וואָס ווינציקער אַקטיאָרן אויף די בינע.

איך האָב ליב גרוימקייט און שטילקייט אויף די ברעטער.

איך טומל זיך אָן אַ גאַנצן טאָג אומעטום, וויל איך זיך אָפּרוען כאָטש ביי אַ פּיעסע...

איך האָב נישט ליב קיין מאַסן-סצענעס אויף אונזער בינע. אַלץ ווערט דאַן צוזאַמענגעמישט און צונויפגעשריען, — אַז עס כאַפּט אייך אָן אַ שרעק.

אין די מאַסן-סצענעס פאַרלירט זיך דאָס קאַפּיטשקע טאַלאַנט, וואָס מיר פאַרמאָגן...

מיר מוזן אויף אונזער בינע פריער אַרויסהייבן און פאַר-איידלען די איינצלנע, די יחידים, און נאָכדעם ערשט שפּילן אין גרויסע מחנות.

ווען טאַלאַנטפולע יחידים וועלן שפּילן אין אַ מאַסן-סצענע, וועט ערשט דאַן די מאַסן-סצענע קריגן איר תּיקון ביי אונז...

ווען איך בין געוועזן אַ יונגער יינגל, האָב איך זיך זייער גע-שראָקן עולה לתּורה זיין. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל נישט קאָנען זאָגן גלאַט די עברי. און ווען איך פלעג יאָ אויפגערופן ווערן, פלעג איך אָפּכאַפּן די ברכות. איך האָב געמיינט, אַז ווען איך וועל אָפּכאַפּן, וועט מען נישט מערקן מיין שוואַכקייט, און דער סוף איז

געווען, אַז איך האָב געמאַכט טעותן און מיין שרעק איז געשטאַנען נאַקעט פאַר אַלעמען...

אָפּכאַפּן איז אַ מיאוסע מידה—נישט נאָר ביי דער תּורה, נאָר אויך אויף דער בינע.

ווען אַן אַקטיאָר כאַפּט אָפּ זיין ראָלע, איז ביי מיר דער דייטלעכער סימן, אַז ער איז געכאַפּט אויף נישט קענען.

ווען דר. קאָראַלניק שרייבט וועגן טעאַטער, דערמאַן איך זיך, אַז ש. ניגער פאַרשטייט אויך נישט קיין טעאַטער...

ל ע ב ע ד ע ו.

לעבעדעוו איז שטענדיק דערזועלבער; אין „דער רומענישער חתונה" איז ער מאָטקע שפּיצקאָפּ? גאָרנישט! ס'איז דערזעלבער „ליאָווקע מאַלאַדעץ", „יאָשקע כוואַט", איין מענטש, איין העלד, איין טאַנץ, אים איז גוט. ער קען זיין ראָלע און ער דאַרף גאָרנישט מאַכן קיין פּראָבע.

און דאָס, וואָס מען רופט לעבעדעוון איצט מאָטקע, איז אויך אַ צופאַל. שולדיק זענען די „יידישע רעד-אַרטן": מאָטקע — צוליב דעם ווערטל: „נישט ביי מאָטיען"... און אייגנטלעך האָט די גאַנצע „רומענישע חתונה" געדאַרפט בעסער הייסן „נישט ביי מאָטיען". נאָר מן הסתם וועט זי נאָך אַזוי הייסן איבעראַיאָר... דאָס איז דען אַ חתונה אויף איין סעזאָן? דאָס איז אַ חתונה אויף אייביק!

קוקנדיק אויף לעבעדעוון, מוז מען זאָגן, אַז ער האָט איין גרויסע מעלה: ער ברעכט זיך נישט, שפּילט אָן קונצן, פאַרשטעלט זיך נישט. „אָט דאָס האָב איך און דאָס גיב איך אייך". און מען קען זאָגן, אַז ער האָט אַן אייגענעם נוסח, אַ ליטווישן, אַן אָפּנ-האַרציקן און אָפּנפּנימדיקן. ער איז אַ גלייכשפּילנדיקער, ווי אַ גלייך פּיסיקער.

קלוגע מענטשן האָבן שוין לאַנג פעסטגעשטעלט, אַז צווישן די סך זאַכן, וואָס אונז פעלט, פעלן אונז אויך צערעמאָניעס, פּאַטאָס און יום־טובדיקייט.

דערהויפּט פעלן זיי אונז תמיד, ווען מען דאַרף זיי אַמנייטיקסטן: ביי ימים־טובים־פייערונגען און ביי דערעפענונגען.

געוויינלעך פייערט מען ביי אונז — אָן פייער.

יום־טובט מען — אָן יום־טוב־שטימונג.

און מען עפנט אַפילו אַ קונסט־טעאַטער, ווי אַ קראָם...

אַקטיאָרן ווי קינדער.

האָט איר זיך אַמאָל צוגעקוקט, ווי קינדער שפּילן זיך? קינדער ווייסן נישט פון מאָראַל און מאַניערן... זיי לעבן מיטן אינסטינקט, מיט דער מינוט, מיט דער רגע.

און דערפאַר: איז אָט וואַלגערט מען זיך אויף דער ערד, ווי גזלנים, מען דרייט זיך פאַר די קעפּלעך — און אין אַ רגע איז מען צוריק חברים, די בעסטע פריינט, מען לויפט צוזאַמען און מען שפּרינגט צוזאַמען!..

אַקטיאָרן זענען קינדער, זיי לעבן מיטן אינסטינקט, מיט דער מינוט, מיט דער רגע, מיט דעם נצחון און קאַמף פון דער רגע.

און דערפאַר איז ביי זיי דער איבערגאַנג פון שפיכת דמים ביז האַלזן און קושן זיך אַזאַ לייכטער...

און ווי קינדער קריגן זיך שטענדיק צוליב קלייניקייטן: פאַר אַ קנעפּל, אַ שערבל, אַ קאָלירט שטיקל גלאָז, אַזוי איז אויך די מחלוקת ביי אַקטיאָרן: עס איז צוליב אַ שטיקל קאָלירט גלאָז פון כבוד, אָדער פאַר אַ קנעפּל־שבעקנעפּלדיקע ראָלע...

ביי דער „פּראָבע“ פון דער אַקטיאָרן־יוניע פייניקט מען אייגענע מענטשן, מען פייניקט מיט אכזריות, מען פאַרגיסט בלוט, מען ציט די אָדערן — אָבער דאָס ווערט געמאַכט קינדיש־שפּילעוודיק...

און די אכזריות איז נישט קענטיק, מען פילט זי נישט...

און אין פינף מינוט נאָך דעם שפּיל פילן זי נישט אַפילו די געפייניקטע גופא...

וויבאַלד זיי זענען נאָר דורכגעגאַנגען דעם גיהנום, וויבאַלד זיי

האָבן געקראָגן דעם „יאָ", — גייען זיי שוין אַריין אין שפּיל. און איך גלויב, אַז זיי זענען גרייט גלייך צו נעמען פייניקן אַנדערע און מיט דערזועלבער אכזריות.

און אַז עס איז אַ קינדער-שפּיל, באַווייזט דער סוף פון יעדער „פּראָבע" ביי די אַקטיאָרן.

תּיכּף, ווי די גליקלעכע קאַנדידאַטן גייען דורך, פאַלט מען זיך אויף די העלזער, מען קושט זיך, מען דריקט די הענט, מען גיט קאָמפּלימענטן און מען רופט „ברודער און שוועסטער".

און דאָס איז אַזוי קינדיש און אַזוי שפּילעוודיק!

עס זענען דאָ שרייבער פאַר דער יידישער בינע, וועלכע האָבן צופיל טאַלאַנט, מער טאַלאַנט, ווי זיי איז נייטיק פאַר אַ פּיעסע... אַזעלכע פאַלן אַממערסטנס דורך.

עס זענען דאָ שרייבער פאַר דער יידישער בינע, וואָס האָבן טאַלאַנט אַזויפיל אויף וויפל זיי איז נייטיק פאַרן יידישן טעאַטער—די זענען דערפאָלגרייך.

צו דער צוקונפט פון אַמעריקאַנער יידן.

יעדע שיף פון אייראָפּע ברענגט אין אַמעריקע אָדער איין חזן, אָדער צוויי אַקטיאָרן. און סטאַטיסטיקער האָבן אויסגערעכנט: אויב די שיף-„אומגליקן" וועלן אַזוי לאַנג אָנהאַלטן, וועלן מיר אויף יעדן אַמעריקאַנעם יידן האָבן אַ חזן און אויף יעדער אַמעריקאַנער יידענע אַן אַקטיאָר...

הענט, וואָס זינגען.

מיר דאַכט, אַז חוץ וואָס שוישפּילער, אָדער פידל-שפּילער, אָדער זינגער אַרבעטן מיט די געוויינלעכע זינג-און-שפּיל-מיטלען —

האָבן זיי יעדערער נאָך אַן אייגענע שפּיל־אייגנשאַפט, וואָס צייכנט זיך אויס פון אַנדערע.

פאַר מיר, צום ביישפּיל, שפּילט שילדקרויט מיט די אַקסלען, בן עמי — מיטן פּלייצע (אַן עכט אינטעליגענטישע פּלייצע), שוואַרץ — מיטן בערדל (ווען אַפילו ער שפּילט אָן אַ בערדל), יאַשאַ חפץ — מיט אַ בייטש (ווייל מיר דאַכט אַלעמאָל, אַז ער שפּילט נישט, ווי געוויינלעך, ער בייטשט די פידל) און איזאַ קרעמער זינגט מיט די הענט. ווען איזאַ קרעמער זינגט — דאַכט זיך מיר, אַז איר שטימע גייט אַרויס נישט פון איר האַלז, נאָר פון אירע פינגער־שפּיצן. דאָס זינגען אירע הענט אַזוי חן־פול...

אויב איר ווילט, קענט איר מיט מיר נישט איינשטימען אויך...

איך האָב אויסגעפונען דעם הויפּט־חילוק צווישן דעם יידישן טעאַטער־פּובליקום און דעם נישט יידישן. ביי זיי איז דאָ אַ היבשע צאָל מענטשן מיט נאַקעטע קעפּ. דער חילוק איז, הייסט עס, — אין פליך... ביי אונז זעט מען נישט קיין פליך־מענטשן אין יידישן טעאַטער. און אויב פליכעס איז אַ סימן פון קולטור, איז אין ענגלישן טעאַטער דאָ מער קולטור, ווי ביי אונז...

ווידער אַ פאָרשלאַג.

איך שלאָג פאָר דער דראַמאַטישער סעקציע פון דער „קולטור־ליגע" זי זאָל זיך צואיילן און שוין אָפּקויפן פאָלגנדיקע אַנטיקן פאַר דעם צוקונפטיקן מוזיי פון דער „ליגע".

1) די וואַנע מיט מולינעס, אין וועלכער בעסי טאָמאַשעווסקי קוליעט זיך איבער אין „ליידי חיה ציפּע".

2) די באַרימט־געוואָרענע מייטקעס.

3) די קאָלדרעס, אין וועלכע לודוויג זאַץ וויקלט זיך איין אין „קבצן, וואו קריכסטו?"

4) די וואַטע, מיט וועלכער געבל בעט זיך אויס אין זיין „גולם".

5) די „בלאָנדע צעפּ" פון מאָריס שוואַרץ אין „דאָן זשואַן" און
6) דאָס שווערדל, מיט וועלכן עס פאָכעט מייזעל אין דעמזעלבן „דאָן זשואַן".

אַנאַ פּאַוולאָוונאַ.

ווען אַנאַ פּאַוולאָוונאַ טאַנצט, האַלט איך אין איין שרעקן זיך: אָט-אָט—און זי ברעכט זיך איבער. און צו וואָס?

ווען אַנאַ פּאַוולאָוונאַ שטעלט זיך אויף דער דינסטער דינקייט פון אירע פּיסעלעך, הייבט זיך מיר אָן דאַכטן: אָט-אָט—און זי וועט אַ פּאַטש טאָן מיט די פליגלען און אַוועקפליען... און מיר וועלן זי פאַרלירן. און פאַרוואָס?

גאָט מיינער! וואו נעמט אַ מענטש אַזויפיל דינקייט און גרינקייט?

דראַמאַטורגישע שוואַכקייטן.

בערקאָוויטש האָט אַ שוואַכקייט — צו ג ו י ִ ם.
הירשביין — צו ש ד י ם.
ליבין — צו פּ ע ד ל ע ר ס און א פּ ר יי ט א ר ס.
קאָברין — צו ש י ק ס ע ס.

זאָל זיך דאָס קינד!

אַ רוסישער שוישפּילער האָט אַמאָל געזאָגט וועגן טעאַטער: „זאָל זיך דאָס קינד שפּילן מיט אַלץ אין דער וועלט, אבי עס זאָל נישט וויינען..."

ווען איך קוק דורך דאָס צעטל, וואָס מען שפּילט ביי אונז, זע איך איין, אַז מען קען עס אויף אונז נישט זאָגן, ווייל ביי אונז וויל דאָס קינד דווקא וויינען... און דאָס שפּיל איז קיין שפּיל נישט, אויב מען וויינט נישט...

לודוויק זאַץ.

דער אומגליק מיט זאַצן איז, וואָס ער שפּילט נישט קיין ראָלן — נאָר זאַצן. תּמיד און שטענדיק זאַצן. איז ווען דער מאָ וואָלט אַרויסשפּילן זיך אַליין און נישט קיין פּיעסן, וואָלט עס געווען גוט: שפּילט זיך אַ מענטש, און אַ גוטער אַקטיאָר דערצו, זיך אַליין... און ער גיט, וואָס ער קען... אָבער זאַץ שפּילט דאָך אין פּיעסן, אין ראָלן...

און דאָ קומט אַרויס אַ שטענדיקע מלחמה, אַן אייביקער פּלאָנ־טער צווישן דער ראָלע און זאַצן.

די ראָלע בעט זיך ביי לודוויקן: „געוואַלד, גזלן, שפּיל מיך! דו קאָנסט דאָך אַזוי פיין שפּילן. ביי דיר שפּילט דאָך יעדער אבר, געוואַלד, לודוויק, וואָס האָסטו צו מיר? איך בין אַ „ישיבה־בחור“ און דו שפּילסט גאָר אַ אַ וואָדעוויל־אַקטיאָר!“

אָבער זאַץ ענטפערט מיט טויזנט מינעס און קנייטשעלעך: „ניין, איך בין בילכער פאַר טויזנט ראָלן. איך בין טאַלאַנטפולער פאַר מיינע ראָלן... און דאָס פאָלק וויל זען מיך און נישט דעם „ישיבה־בחור“!

אַן אַפאָריזם אין אַ נאָווינע.

עס זענען דאָ מיידלעך, וועלכע
קושן זיך אויס גלייך
ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט;
עס זענען דאָ פּיעסן אַזעלכע,
וואָס שפּילן זיך אויס גלייך
ביים ערשטן אַקט...

ע ך, אַ מ אָ ל, אַ מ אָ ל!

עס זענען געווען צייטן, נאָך אין מיינע יאָרן, ווען טאָמאַשעווסקי פלעגט אויף דער בינע פאַר דעם עולם אין די אויגן, גלאַט אַזוי זיך, צוליב פאַרגעניגן וועגן, כאַפּן אַן אַקטריסעלע, זי אַריבערלייגן איבער דער קני און איר אַריינצימבלען, וואו מ'דאַרף און וואו מ'דאַרף

נישט. און אזוי געשמאַק, מיט אַזאַ אַפּעטיט און מיט אַזאַ שטאָלץ פון אַ באַלעבאָס.

ווי אײנער רעדט: ס׳איז מײן טעאַטער, מײן פּובליקום, מײנע אַקטריסעלעך און איך קען טאָן מיט זײ, וואָס איך וויל... ווען איך וויל צימבלען, צימבל איך!

און דער עולם האָט הנאה געהאַט...

ס׳איז געווען אין יענע צײטן, ווען באָריס איז געווען דער קעניג אויף דער צווײטער עוועניו.

אין טעאַטער איז דער עיקר נישט דאָס טשוועקל אין דער וואַנט, נאָר די א מ ו נ ה אין טשוועקל.

אַז מען קוקט זיך גוט צו צום טעאַטער-וועזן, זעט מען, אַז דאָס „גרויסע הויז פון פאַרגעניגן" (פאַרן עולם) איז גאַנץ אָפט אַ גרויס שחיטה-הויז (פאַר דראַמאַטורגן, דירעקטאָרן און אַקטיאָרן).

איזידאָר קעשיר.

פון קעשירן שרײט אַרויס דער גרויסער אַקטיאָרישער הונגער נאָך טראַגיזם.

אין יידישן טעאַטער פעלן טראַגיקער. מענטשן, וואָס שפּילן פון דער טיף, פון אונטער אַרויף.

מערסטע יידישע אַקטיאָרן שפּילן פון אויבן אַרונטער זיבן האַלבע, דרײ-פערטלדיקע, אָדער גאַנצע כאַראַקטער-קאָמיקער.

קעשיר וויל שפּילן פון אונטן אַרויף.

טעאַטער האָט איין גרויסן פאַרצוג קעגן דער פּרעסע, אַ ריזיקע מעלה: עס שליסט זיך יעדן יאָר...

„פּאָרהאַנג פאַלט" איז פּונקט אַזוי בייטיק, ווי „פּאָרהאַנג גייט אַרויף".

עס איז אַן אָפּרו פאַר די שוישפּילער — פון די קריטיקער, פאַר די קריטיקער — פון די שוישפּילער און פאַרן עולם — פון זיי ביידן...

ס'איז אַ וואַקאַציע — כּדי מ'זאָל זיך פאַרבענקען און נאָכדעם צוריק פאַלן איינע די צווייטע אין די אָרעמס און זיך ווידער קושן און דריקן און פון צייט צו צייט אויך זיך שטיקן...

זוכן אָריגינאַליטעט אין אַ יידישער אָפּערעטע איז פּונקט ווי צו זוכן עס ביי טעלעגראַף-סלופּעס.

אַלע טעלעגראַף-סלופּעס זענען פון איין הויך און דיטאָ: יידישע אָפּערעטעס...

אַ יידישער אַקטיאָר האָט געהערט, ווי מען לויבט די „מאָסקווער" פאַר זייער „פּערעזשיוואַניע". דאָס מיינט—פאַר דעם, וואָס זיי לעבן אַלץ איבער ביים שפּילן, און ער רופט זיך אָן:

— איבערלעבן, שמיבערלעבן! נישקשה, מיר ווען זיי אויך איבערלעבן!

דעם „דבוק" קאָן מען נישט שפּילן. מען דאַרף אים דורכפירן. און ס'איז אַ פראַגע נישט פון שפּיל, נאָר פון צערעמאָניאַלע קונצן. ווען עמעצער זאָל דעם „דבוק" אויפפירן אין אַ הייל און ביי אַ געהיימען פייער און אים אנשטאט דריי שעה געצויגן זעקס, וואָלט עס נאָכמער געפעלן געוואָרן די, וואָס האָבן ליב, מען זאָל זיי פּייניקן, אָט יענע טעאַטער-סאַדיסטן, ווי איך וואָלט זיי גערופן.

געביל זיצט און שרייבט...

כאַפּ איך אַ קוק אין אַרטיקעלע וועגן געבילס איבעררײַשונגען פאַרן „נייעם סעזאָן“, שטייט דאָרט אַזוי געשריבן:
געביל זיצט און שרייבט!..
פאַלט אויף מיר תּיכּף אָן אַן אימה:
געביל זיצט און שרייבט!
שניצלער שרייבט, בערגסאָן שרייבט, גאָרקי שרייבט—און געביל זיצט אויך און שרייבט.
אַ, אַ! געביל אַליין זיצט עס און שרייבט!..

מ׳האָט זיך איינגעשמועסט, אַז אַן אָפּערעטע דאַרף פּרוידערן.
מען האָט באַשטימט, אַז אַן אָפּערעטע דאַרף פריער אַרונטער פון זינען, איידער זי גייט אַרויף אויף דער בינע.
דאָס איז אַלץ די מלאכה פון די דערמוטיקער פון שלעכטע זאַכן ביי אונז אין טעאַטער — פון די קאַהאַנס און זיין גלייכן.
ניין!
אַן אָפּערעטע מעג זיין קלוג און רעדן מיט אַ טאָלק אַפילו — און מ׳זאָל דאָך פון איר הנאה האָבן.

מען מעג!

יעדער טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער, גוי אָדער ייד, מעג אָנשרייבן אַ זאַך, וואָס זאָל נישט טויגן.
דאָס איז די פּריווילעגיע פון טאַלאַנט, אַנישט וואָלט געווען שווער צו לעבן אַלס שרייבער.
גיי, גיב דער וועלט כּסדר געניאַלע ווערק! מ׳קען דאָך זיך אונטעררייסן!
אַ מוטער, וואָס האָט געבוירן געזונטע קינדער, מעג זיך פאַרגינען צו האָבן אַ מפּילע אויך.
קיינער וועט זי דערפאַר נישט משפּטן...

אַ מאָדנע פאָלק די גויִים, נאַיִווע ביז גאָר... זעען זיי אַ זאַך און פאַרשטייען נישט, זאָגן זיי, אַז זיי פ אַ ר ש ט י י ע ן נ י ש ט. פשוט... זיי זענען זיך מודה.

האָבן קיין מורא נישט פאַר זייער רעפּוטאַציע און זאָגן דעם אמת.

יידן אָבער זענען אַנדערש.

אַ יידישער קינסטלער מ ו ז פאַרשטיין, וויסן אַלץ, ווען אַפילו עס איז נישטאָ, וואָס צו וויסן...

אַ יידישער קינסטלער, וואָס גייט אַוועק צו די גויִים, איז בבחינת שיין ווייבל, וואָס האָט געמאַכט אַ פּראָבע צו אַנטלויפן פון איר מאַן.

ווען דאָסדאָזיקע ווייבל קומט אַפילו צוריק, איז איר מאַן מיט איר נישט זיכער, און דער עיקר, זי איז אַליין אויך נישט זיכער, אַז זי וועט ווידער נישט אַנטלויפן...

און ביי אַזאַ „צושטאַנד" קאָן מען נישט שאַפן קיין היים און דערציִען קינדער: עס פעלט פעסטקייט, זיכערקייט...

איבסען איז געווען אַ חכם. ער האָט אַריינגעצויגן דעם עולם דורך ליטעראַטור און נאָכדעם אים געגעבן די ריכטיקע שטאָף, און אַז איבסען איז געווען קלוג (און טעאַטראַליש קלוג דערצו), האָב איך נאָך אַ באַווייז: אַליין אַן אַפּטייקער, פונדעסטוועגן האָט ער זיינע העלדן קיינמאָל נישט געהרגעט דורך סם, נאָר דורך אַנדערע קנאַלנדיקע מיתות משונות, ווייל סם, האָט ער געוואוסט, איז נישט קיין טעאַטראַלישער טויט, נאָר אַ נודנער.

די רוסן זענען גרויס אין צוזאַמענשפּיל.

אויף אַזויפיל, ווי די רוסן קענען זיך נישט אייניקן אין פּאַרטייען, אייניקן זיי זיך אין טעאַטער און אין כאָרן.

רוסן קענען זיך צוזאַמענגיסן מיט אַזאַ אחדות, ווי קיין אַנדער פאָלק.

אַ ייד, ווען ער גייט אַפילו אין קאַראַהאָד — טאַנצט ער אויך אַליין. דבקעט אויך אַליין.

נישט נאָר איז ליבע שטאַרקער פון שיכּרות, נאָר אויך אַפילו פון קונסט: ווייל אַ דורכפאַל אין קונסט קען אַ מענטש איבערטראָגן, אָבער אַ דורכפאַל אין ליבע — נישט.

סוף סעזאָן קוקט מיר אויס די יידישע בינע ווי נאָך אַ פּאָגראָם: יידן האַלטן דיזעלבע קראָמלעך, אָבער עס זענען שוין נישט די קרע־מער; יידן פאַרקויפן נאָך סחורה, אָבער ס׳איז נישט דאָס... יידן ברענגען אַפילו אַריין נייע סחורה און מען צעלייגט אויף די פּאָליצעס — אָבער אַלץ ווערט געטאָן אָן חשק, אָן נשמה, איבער געוואַלד...

סוף סעזאָן פון יידישן טעאַטער קומט מיר אויס ווי אַ יציאת נשמה פון אַ מענטשן: דער חולה גוססעט, דער דאָקטאָר האָט שוין אָפּגעזאָגט, די קרובים האָבן זיך שוין אויסגעוויינט, אויסגעשריען, אויסגעבייטלט, זיי האָבן שוין מער קיין כּוח נישט צו כליפּען, וויינען, שרייען, איינלייגן אַ וועלט. דער חולה איז פאַרביי, נאָך אַלעמען, נאָר מען וואַרט בלויז אויף דער פאָרמאַליטעט: דער גוסס זאָל צו־שליסן די אויגן.

בערטע קאַליש.

בערטע קאַליש שפּילט מאַמעס אויפן גרויסן שניט, מיט אַ סך אינטעליגענץ, פיינקייט און טאַקט. צוליב איר שפּילן פאַרשווינדן די־

מעלאָדראַמישע מאַמעס און ס׳קומען אַרויס געלייטערטע געשטאַלטן פון מאַמעס.

מאַדאַם קאַליש איז די איינציקע ביי אונז, וועלכע קאָן שפּילן יונגע מאַמע־ראָלן, וועלכע מען שפּילט ביי אונז געוויינלעך שלעכט.

מאַדאַם בערטע קאַליש האָט אַ סך מעלות, וואָס פיל פון אונזערע שוישפּילער האָבן נישט: זי כאַפּט נישט אָפּ אירע אַ ראָלע, זי איילט זיך נישט, נעמט זיך צייט, זי שפּילט באַוואוסטזיניק און דאָס מיינט גוט שפּילן, פּונקט ווי אָפּכאַפּן אַ ראָלע הייסט שלעכט שפּילן.

מאַדאַם קאַליש שפּילט נישט היסטעריש, אַפילו וואו מען מעג געזעצלעך ווערן היסטעריש. זי שרייט זיך נישט איבער, און דערפאַר הערט מען זי.

דער פאַרהאַנג פאַלט — נישט נאָר פאַרן שוישפּילער, נאָר אויך פאַר טעאַטער־קריטיקער.

איך האָב שוין אין מיין יונגן לעבן געזען אַלערליי „דבוקים״: אַ דבוק על פּי נוסח ווילנע, על פּי נוסח שוואַרץ און אַ ביסעלע על פּי נוסח לאה ראָזען; אַ גויִישן דיבוק ביי דער „הבימה״ אין העברעיִש. אַ יאַהודימישען דבוק אין ענגליש. און איך האָף צו זען אַ טערקישן דיבוק אין כינעזיש...

צו זיין אַ בטלן ביי גויִים, דאַרף מען זיין כאָטש אַ פּראָפעסאָר, בעת ביי יידן איז גענוג, אַז מען שאָקלט זיך איבערן עין יעקב...

דער חילוק צווישן דראַמע און מעלאָדראַמע איז אין אַ צוגע־שלאָסענער טיר און צוגעמאַכטער טיר.

אין מעלאָדראַמע קלאַפּט קיינער נישט אָן אין טיר — נאָר קומט אַריין גלייך, אומדערוואַרט... אנשטאט וואָס אין דראַמע מוז מען אָנקלאַפּן אין טיר און וואַרטן ביז מען זאָגט: „אַריין".

ווי אַזוי ווערט מען אַ דראַמאַטורג?

זענען דאָ אַ סך וועגן און עצות.

דער ערשטער וועג איז צו קויפן פּיעסן.

גייט אַריבער אין אַ בוך-קראָם, קויפט איין אַלע ידישע פּיעסן פון זינט יידיש טעאַטער עקזיסטירט.

קויפט און ברענגט אַהיים אין אַ זאַק (אומבאַדינגט אין אַ זאַק, איר הערט!).

נאָכדעם נעמט אַ טאָפּ און הייבט אָן רייסן בלעטלעך און וואַרפן אין טאָפּ. רייסט, ווי עס קומט אייך אין האַנט, אָן אַ סדר, און וואַרפט אין טאָפּ.

נאָכדעם גיסט אָן דעם טאָפּ מיט וואַסער...

נאָכדעם נעמט דעם טאָפּ און קערט אים איבער...

און נעמט בלעטלעך, ווי זיי קומען פון איבערגעקערטן טאָפּ און שרייבט זיי איבער אויף נייעם פּאַפּיר...

פון אַזאַ קאַשע קומט אַרויס אַ פיינע פּיעסע.

עס זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע קומען אָפּ אַ טערמין אין תּפיסה און עס זענען פאַראַן אַקטיראָן, וועלכע קומען אָפּ אַ טערמין — אין אַ דראַמע...

ווען מען הערט טשעכאָווס קלוגשאַפט, דערמאָנט מען זיך אָן גאָרקיס. סיי טשעכאָוו, סיי גאָרקי זענען קלוגע שריפטשטעלער, אפשר די קלוגסטע, וואָס רוסלאַנד האָט ווען פאַרמאָגט. דער חילוק איז נאָר, וואָס גאָרקי איז אַ מער רעדעוודיקער חכם און טשעכאָוו — אַ מער

שווייגנדיקער. גאָרקי בליצט מיט קלוגשאַפט, פלייסט זיך... און טשעכאָוו שמייכלט בלויז, ווי איינער רעדט: אַז מיך אַרט גאָרנישט, אַז איר וועט זאָגן אויף מיר, אַז איך בין נישט קלוג...

די רוסן זענען די מייסטער פון נישט איילן זיך. ווען שאַ־ליאַפּין זינגט, פאַרציט ער און ציט אַרונטער ביז דער סאַמע טיף פון דער דינסטער גאַטע, אַזוי, אַז עס דאַכט זיך אייך, אַז אַפילו ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער נאָך אַלץ נישט געענדיקט.

דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי און טשעכאָוו אַליין זענען אויך נישט פון די איילנדיקע. די רוסישע ליטעראַטור איז די לאַנגזאַמסטע, די פאַרצויגנסטע, די דעטאַלירטסטע אין דער וועלט, און דערפאַר איז זי אַזוי גרויס און אָפט אַזוי לאַנגווייליק... אויך די „מאָסקווער" שפּילן צעצויגן, איילן זיך נישט — און אין דעם איז אויך אַ טייל פון זייער גרויסקייט... אַ יידישער זינגער איילט זיך אין זיין זינגען, ווייל בשעת ער זינגט דענקט ער שוין פון נאָענטסטן קאָנצערט. אַ יידישער אַקטיאָר, ווען ער שפּילט טעאַטער, איילט ער זיך און כאַפּט אָפּ די ראָלע, כדי צו כאַפּן וואָס גיכער די אַפּלאָדיסמענטן... און דערפאַר טראָגט אונזער קונסט אויף זיך די איילנדיקע „האַרי־אַפּ"־סימנים פון איילנדיקער גאַסיקייט... די איינציקע שוישפּילער, וועלכע איילן זיך ביי אונז נישט, זענען בן־עמי און מוני וויזענפריינד...

נאַקעטע קונסט, קונסט לשם קונסט, גלאַט זאַכן, גלאַט עסטע־טיק, קאָנען מיר נאָך נישט פאַרדייען.

מיר קאָנען אויפנעמען אַ האַלב־נאַקעטע אַקטריסע, אָבער נישט קיין נאַקעטע קונסט.

יואל ענטין.

יואל ענטין איז ביים יידישן טעאַטער דער מחותן, וואָס מען האָט אים פאַרזעצן ביים גרויסן טיש. זיצט ער זיך מן הצד, קוקט אויף די נייע מחותנים און מורמלט: פע, ס'טויג נישט! די נייע קענען נישט! גוואַלד, וואו איז קאברין! אוי, קאברין — טע, טע!..

יואל ענטין וויל עפּעס פון יידישן טעאַטער, דאָס איז זיכער. און ער וויל זיכער גאָר גוטס, נאָר אַז ער שטעלט זיך רעדן, אָדער זעצט זיך שרייבן, רעדט ער אַזוי לאַנג און קיינער האָט קיין צייט נישט אים אויסצוהערן ביזן סוף (איצט פליט מען מיט עראָפּלאַנען). און דערפאַר דאַכט זיך, אַז יעדע רעצענזיע פון ענטינען איז נאָך נישט פאַרענדיקט, ער וועט נאָך עפּעס זאָגן...

מען חקירהט און מען פּלפּולט זיך וועגן דעם רעאַליזם פון די „מאָסקווער". אָבער איך זאָג גאָר עפּעס אַנדערש: קיין ריכטיקן רעאַליזם אויף דער בינע קאָנען אַפילו די מאָסקווער אויך נישט געבן. ווייל, פריינט „דראַמעמאַנען", קיין אמתער רעאַליזם קאָן אין אַ טעאַטער איבערהויפּט נישט זיין צוליב אַ סך סיבות: 1) כל זמן מען זעט די ברעגן פון דער בינע; 2) כל זמן מען שפּילט טראַגעדיע און קאָמעדיע פאַר אַן אויסגעזעצטן שאָקאָלאַד-עסנדיקן, בילעטן-קויפנדיקן פּובּליקום... אין לעבן, זאָגט מען, שפּילן זיך דראַמען אַ קאַפּיטשקע אַנדערש...

איך האָב ליב שיכורים-ראָלן אויף דער בינע.

איך בין מקנא די שוישפּילער: ווערן שיכור בלויז פון אילוזיע און נישט פון וויין. דאָס דאַרף מען קענען — איך קען עס נישט. און בין אין געפאַר פאַרסמט צו ווערן.

איך וואָלט פאָרגעשלאָגן צו גרינדן אַ קונסט־סטודיע פאַר טעאַטער־גייער, וואו מען זאָל לערנען אונזער עולם ווי צו קוקן און נישט וואו צו קוקן, און דער עיקר: ווען צו לאַכן... אַך, ווען אונזער פובליקום ווייס ווען צו לאַכן, דאַן וואָלט מען דאָך געקענט שוין זיצן אין יידישן טעאַטער!

דער „קרייד־צירקל" איז דיזעלבע „ווייסע שקלאַפין"־געשיכטע, —
נאָר אָן אויקעניש און מאָראַליזאַציע.
דיזעלבע הייזקע — נאָר ביי די כינעזער הייסט עס טיי־הויז.
און אַפילו „דאָס קינד" אין די שמאַטקעלעך איז דאָסזעלבע:
אַ קינד, וואָס שטומט, ווי אַ האָלץ, די גאַנצע צייט.
איך האָב ליב די כינעזער.
אַ שטיל פאָלק, אַן אַלטס, אַ קלוגס... קוקט אויף דער וועלט,
ווי אויף אַ שלאָפצימער און גייט זי דורך מיט שטילע פאַנטאָפל־
טריט...
און אַלץ איז ביי זיי פאַרפוצט און פאַרצירט.
אַפילו זנות סערווירן זיי אין שענערע כלים, פאָטישער,
ווי מיר.

יעקב גאָרדין האָט די בינע געקענט און ער האָט זיינע העלדן מאַטעריאַליזירט און אַפילו ווען ער האָט זיי געגעבן אייגענע ווערטלעך, מאַכט עס אויך נישט אויס, ווייל אויף דער בינע איז נישט דער עיקר צי די ווערטלעך זענען באמת פונם ווירקלעכן לעבן גענומען. דער עיקר איז, אַז די ווערטלעך זאָלן קאָנען לעבן אין מויל פון אַקטיאָר...

נאָך יעקב גאָרדינען האָט מען ביי אונז גענומען שרייבן פאַר דער בינע, פון איין זייט „ליטעראַטור", און פון דער צווייטער— „פאַטשקעריי...

„צוריק צו יעקב גאָרדין" איז שוין אפשר צו שפּעט. גאָרדינס דראַמען זענען שוין אפשר אויסגעשפּילט. אַרונטער פון דער סצענע צוזאַמען מיט די קעסלערס, ליפּצינס און אַנדערע... אָבער דערפאַר קאָנען מיר זיכער אַרויסלאָזן אַ רוף: „צוריק צום גאָרדיניזם!"

אונזערע יידישע דראַמאַטורגן דאַרפן, ערשטנס, ליב קריגן דאָס טעאַטער, ווי יעקב גאָרדין. און נאָכדעם נעמען שאַפן, אָדער אַפילו פאַרפאַסן, ווי יעקב גאָרדין. אונטער גאָרדיניזם מיין איך: פילן אַקטיאָריש בלוט, שרייבן אַזוי קלוג און אַזוי כּוונהדיק פאַר דער בינע, ווי ער...

מיר זענען אַ ביבליש פאָלק — אָבער דעם ביבלישן טאָן האָבן די דייטשן, די ענגלענדער און נישט מיר... און דערפאַר איז נישט קיין וואונדער, וואָס אויך מאָריס שוואַרץ מיט זיין קאָמפּאַניע האָבן נישט געכאַפּט אין „שאול המלך" דעם ביבלישן טאָן, ווייל אויך מאָריס שוואַרץ און זיין קאָמפּאַניע, ווי באַוואוסט, שטאַמען פון יידן.

מיר זענען מלכים בני מלכים, אָבער אמתע קעניגן קענען שפּילן גוט ווידער נאָר די גויים: מאסקווין, קאטשאלאָוו, אָרלעניעוו... אָבער מיר קענען בלויז שפּילן אָפּערעטע־קעניגן מיט טאָמאַשעווסקי־שווערדלעך.

„דער ווילנער באַלעבעסל".

„דער ווילנער באַלעבעסל" פון מאַרק אַרנשטיין האָט געדאַרפט גיכער הייסן־דער „ווילנער באַלעבעסעלע", אַ דראַמעלע אין דריי אַקטעלעך. אָט אַזוי איז די דראַמע סענטימענטאַל צעקראָכן, קוואַטשיק, נודנע, פול—אויסער מיט מה־יפיתדיקייט — מיט „קעצעלע", „פייגעלע", „יינגעלע", „פידעלע", „ווינטעלע", „וועלדעלע"...

קאָלעגן־דראַמאַטורגן, שרייבט נישט קיין דראַמען בשותפות — צו וואָס הרגענען צוויי רעפּוטאַציעס פאַר איינמאָל?!

האָב איך זיך מיינע כללים וועגן קריטיקער פיעסן-שרייבער. נומער איינס: קאָנען זיי עס נישט שרייבן. נומער צוויי: קאָנען זיי עס נישט אַרונטעררייסן און נומער דריי: שטעלן זיי אין אַ פאַר-לעגנהייט זייערע קאָלעגן-קריטיקער. יענע ווייסן, נעבעך, נישט וואָס צו טאָן: אַרונטעררייסן? איז ווי רייסט מען עפּעס אַרונטער אַן אייגע-נעם צעך-מענטשן? דאָס פאָלק קען נאָך אָנהייבן קוקן אויף קריטיקער, ווי אויף קאַליקעס. וועלכע קענען נאָר לערנען אַנדערע, ווי צו שרייבן... נישט אַרונטעררייסן? — איז פּשוט אַ האַרצווייטיק...

ב. גאָרין.

ב. גאָרין איז געווען אַ מאָדנער טעאַטער-קריטיקער. זיין טבע איז געווען: ער האָט געשריבן זייער קורץ. ער איז, דאַכט זיך, דער קירצסטער קריטיקער, וואָס מיר פאַרמאָגן.

און דאָס איז אַ גרויסע מעלה.

א) ווייל ביי אונז שרייבן אַלע לאַנג. און איך האָב זיך מיין כלל: מען קאָן גאַרנישט זאָגן אויף איין קאָלום אויך, הייסט צו וואָס צוויי און אַ האַלב?...

ב) ווייל אַזאַ קורץ-שרייבער, ווי גאָרין, גיט אַ געלעגנהייט אַ צווייטן אויך עפּעס צו זאָגן. ער פאַרכאַפּט נישט אַלע זאָגעכצן פאַר זיך...

ג) צו וואָס שרייבן לאַנג, אַז מען קען אין דעם קירצסטן אַרטיקל מקצר זיין די יאָרן פון אַקטיאָר אָדער אַקטריסע?

ב. גאָרין איז אויך געווען דער קאַלטסטער טעאַטער-קריטיקער ביי אונז. און דאָס איז אויך נישט קיין חסרון, ווייל מיר האָבן שוין צופיל היציקע טעאַטער-קריטיקער. פון אַנדערע גייט אַזש פון זייער שרייבן אַ פאַרע, ווי פון צעהיצטע רייס-פערדלעך...

מיט אַלע גאָרינס אַקטקייטן און איינגעשפּאַרטקייטן וועגן יידישן טעאַטער זענען זיינע „טעאַטער-געדאַנקען" געווען ע פּ ע ס, און ער אַליין — פון די בעסערע יידישע טעאַטער-קריטיקער.

איינער פון די געציילטע, אַ מענטש מיט אַ בליק און אַ קוק אויף דער יידישער בינע.

אָפט געקוקט צו כמורנע, צו קרום, צו אַלטמאָדיש, אָבער עס איז געווען זיין קוק.

דערצו דער שאַפער פון דער „געשיכטע פון יידישן טעאַטער", זיין ערשטער היסטאָריקער. און מעג די געשיכטע אַפילו זיין פע־לערהאַפט, אָבער איר מעלה אַלס ערשטע פאַרדעקט די חסרונות.

אָבער די הויפּט־מעלה פון ב. גאָרין איז געווען דאָס, וואָס ער האָט שטענדיק געקעמפט פאַר אַ בעסערער יידישער בינע און געטריבן מיט עקשנות דעם שונד פון אונזערע ברעטער, און וויפל אַזעלכע קעמפער האָבן מיר?

די צרה מיט שאָו, וואָס ער שרייבט דראַמען, ווי ראָמאַנען: זיגזאַ־גיש. מיט פּסיכאָלאָגישע קונצן... וועג־פאַרלויפענישן און פאַרדרייעניש ען...

דראַמע פאָדערט גלייכע ליניען, גלייך־שטייענדיקע און גייענדיקע מענטשן... דראַמע טאָר זיך נישט פאַרדרייען, ווייל די בינע האָט אַ ראַנד — און עס קאָן זיך אַראָפּגליטשן.

דראַמע איז אַ נאַקעטע פאָרם און מען קאָן זי פאַרהילן אפשר מיט סימבאָלן־מאַנטלען, אָבער נישט מיט אַפאָריזמען־בלוזקעס.

און שאָו האָט נאָך אַ חסרון: ער איז וויצן־קראַנק. אַט רעדט ביי אים אַ העלד, כמעט ווי אַ מענטש, אָבער פּלוצלונג כאַפּט שאָו אָן אַ וויץ, איז אים אַן עבירה אָפּצולאָזן אַזאַ מציאה, און ער בראָקט אַריין אין זיין העלדס מויל דעם וויץ, און יענער ווערט גלייך אויס מענטש.

אַ מאָדנע זאַך מיט אונז, יידן: באַווייזט זיך נאָר ערגעץ אַ ייד, ווערט שוין תיכף אַ יידישער ישוב... און שטעקט אַריין אַ ייד איין פוס אין אַ טעאַטער און אַנטלויפט, קומט אַ צווייטער און שטעקט אַרייןביידע פיס.

אַ יידישער פוס־טראָט גייט קיינמאָל נישט לאיבוד...

אין אַ קונסט-טעאַטער מוז זיין זייער שטיל.

און ווי קאָן אַ יידיש טעאַטער-גייער זיין שטיל?

ביי שטימונג טאָר מען נישט שר ײ ע ן. און ווי קאָנען אונזערע אַקטיאָרן נישט שרייען? זענען זיי דען אויסגעוואַקסן אין אַ סביבה פון האַלב-טענער און דעמערונג?

די שטימונג טאָר מען נישט שטערן מיט אַפּלאָדיסמענטן—אָבער ווי קאָן אונזער עולם נישט אַפּלאָדירן?

ביי שטימונג-שפּיל מוז מען זיצן און שווייגן, אָבער אונזער אינטעליגענץ אַפילו איז אַ רוישיקע, אַ טומלדיקע, אַ בענקל-רוקנדיקע.

מאָריס שוואַרץ.

און קונסט איז, ווי יידישקייט—עס איז די שווערסטע קונסט זי צו טראָגן.

עס איז אַן עסק מיט תרי"ג מצוות... און מיט אַ באַרג פּלפּול אויף די תרי"ג...

כסדר נאָר מען מאָנט ביי דיר. עס מאָנען פּרומאַקעס און עס מאָנען צבועקעס...

כסדר נאָר מען בודקט דיינע ציצית...

פאַר אַ סך פון זיי איז ווינציק איין פּאָר תּפלין פון דער קונסט. מען וויל, דו זאָלסט אַ דאַוון טאָן אויך אין די תּפלין פון רבינו תּם...

שוואַרץ קען זאָגן: שווער איז צו זיין אַ ייד, אָבער נאָך שווערער איז צו האָבן אַ קונסט-טעאַטער ביי אַ פאָלק פון מאָנער: סיי געהאַלט, סיי קונסט.

אַנדערע מיינען, אַז אין „הבימה" זענען די יידישסטע שוי-שפּילער. נישט אמת! יידישע שוישפּילער זענען אין קונסט-טעאַטער און מאָריץ שוואַרץ איז דער יידישסטער פון זיי! כאָטש אָנ-געהייבן זיין קאַריערע האָט ער אַלס איטאַליענער אין „ביידקע מאַריאָנעטע..."

זיין ליניע (ווי די אַמאָליקע געלונגענע הינדענבורג-ליניע) איז דער שלום-עליכם-דימאָוו ייד: אַ טראַגי-קאָמישע פיגור, באַשפּרינקלט מיט גוטסקייט, באַטויט מיט רחמנות און באַוואַקסן מיט אַ באָרד...

שוואַרצס כּוח ליגט נישט אין הויכע און העכערע טענער, נאָר אין אונטערברומען, אין שטאַמל...

ווען שוואַרץ ברומט אונטער, האָב איך אים זייער ליב, ווערט ער מיינער...

ווען ער שטאַמלט, פאַרשטיי איך, וואָס ער רעדט...

שוואַרץ איז גוט אין זאָגן און נ י ש ט דערזאָגן.

אָפט אויך אין שווייגן—ער שוויגט יידישלעך, זייער יידישלעך. אָבער פון זיין שווייגן שרייט דער גלות...

שוואַרץ וואָלט געוואָרן דער גרעסטער טראַגי-קאָמיקער ביי יידן, ווען ער רייסט זיך נישט צו טראַגעדיע...

מאָריס שוואַרץ איז אין מיינע אויגן, חוץ שוישפּילער, דירעקטאָר און רעזשיסאָר, הויפּטזעכלעך אַ מ אַ ר ט י ר ע ר.

ביי יידן זענען דאָ דריי מאַרטירער: דרייפוס (פאַר אַ קריגס-בלבול), מענדל ביילים (פאַר אַ בלוט-בלבול) און מאָריס שוואַרץ (פאַר אַ קונסט-בלבול).

אין אונזערע מקומות וואָלט אַ קאָמיקער מיט אַזאַ בויך, אַנטשולדיקט, ווי באָריס באָריסאָוו, דער קעניג פון געלעכטער, געשפּילט בעיקר מיטן בויך. צו וואָס וואָלט ער געדאַרפט טאַלאַנט פון נאַטור, ווען ער האָט אַזאַ טייערן געשאַנק פון רעסטאָראַן? אָבער באָריסאָוו, כאָטש ער קוקט אויס ווי אַ רומעניש-יידישער רעסטאָראַטאָר אויף ברום סטריט, שפּילט דווקא מיט אַנדערע געבענטשקייטן. און ווי זאָגט מאַסלאַנסקי, ברוך יהיה, געבענטשט זאָל ער זיין דערפאַר!

ד״ר מוקדוני.

צו זיין אַ טעאַטער־קריטיקער איז אי גרינג, אי שווער:

גרינג — ווייל מען קען גיין אין טעאַטער צו אַ פּרעמיערע (מיט דער אייגענער ווייב און מיט יענעמס), קריגן אַ פיינעם זיץ, קוקן כסדר אויף די פיס פון דער און דער אַקטריסע און לויבן איר פּנים...

גרינג—ווייל עס זענען דאָך דאָ די באַרימטע סימנים: גוט, שלעכט, מען שטעלט זיי אויס ווי עס פאַלט איין און מען איז אַ טעאַטער־קריטיקער.

שווער איז צו זיין אַ טעאַטער־קריטיקער, ווען מען וויל עפּעס פון טעאַטער, ווען מען האָט דעם חשק און די אַמביציע אריינצו־דרינגען אין תוך פון שפּיל, ווען מען וויל זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דער נשמה פון אַן אויפפירונג.

שווער, זייער שווער...

ד״ר א. מוקדוני איז פון די טעאַטער־קריטיקער, וואָס האָבן אויסגעוויילט דעם שווערן וועג אין דער טעאַטער־קריטיק.

ד״ר מוקדוני רעדט פריער פון אַלץ טעאַטער־שפּראַך. און טעאַטער־שפּראַך מיינט: אַ ביסעלע אַ דערהייבענע שפּראַך.

ד״ר מוקדוניס קריטיק פון טעאַטער האָבן דערפאַר פּאַטאָס, מליצה, יום־טוב, אימפּעט, פייער (און אַפילו פייערווערק־פייער...).

ד״ר מוקדוניס ווערטער קומען אַרויס גרימירט. אָפט איז דער גרים געלונגען און אָפט נישט.

אָפט געפאַרבט מיט מאָס און אָפט איבערגעפאַרבט.

אָבער אַלעמאָל זענען זיי אין טעאַטער־נוסח, אינטערעסאַנט, צאַפּלדיק און שפּילעוודיק.

אסיפ דימאוו.

איך האָב ליב דימאָוון, דעם דראַמאַטורג. פאַרוואָס? — ווייל ער שפּילט זיך פילאָזאָפיש און פילאָזאָפירט שפּילנדיק זיך, ווייל ער נעמט שווערע פּראָבלעמען פון לעבן און טעאַטראַליזירט זיי, מאַכט זיי גרינגער, טוט זיי אויס פון זייער שווער-לייביקייט...

וואָס שייך פּראָבלעמען, איז דימאָוו נאָענט צו דוד פּינסקי. דער חילוק צווישן זיי איז אין דעם: פּינסקי נעמט שווערע פּראָבלעמען — מיט שווערע הענט. לייגט ער אַרויף אַ פּראָבלעמע אויפן אַקסל און קרעכצט. ווייל זי אויפהייבן — און ס'איז אַזוי טראַגיש!...

דימאָוו שפּאַצירט מיט זיינע פּראָבלעמען לייכט און גראַציעז, ווי איינער רעדט: וועט עס זיך מיר איינגעבן, איז גוט; ווען נישט, מאַך איך דערפון אינגאַנצן אַ וויץ...

דימאָוו איז פון דעם מין צושויער-שריפטשטעלער. ער איז אָבער פון די בעסטע, ראפינירטע צושויער.

ער קוקט און שמייכלט קלוג-קהלתדיק: שוין אַלץ געזען, אַלץ געהערט, נתפּעל ווערן איז נישטאָ וואָס... וואָס-זשע דען? אָבער קוקן אַליין איז ליב און אינטערעסאַנט.

דימאָוו איז אַ הומאָריסט און, ווי אַלע הומאָריסטן, בטבע אַ טראַגיקער.

אָבער דער טראַגיזם פון הומאָריסטן איז אַלעמאָל דער פּרייַ-לעכסטער, עס איז אַ ביטערע פּיל, פאַרזיסט מיט צוקער-שטויב...

איז דימאָוו אָריגינעל? מיך אַרט עס נישט. דימאָוו אין דער יידישער דראַמאַטורגיע איז ווי אַ טאַלאַנטפולע, עלעגאַנטע, פיינ-שמעקערישע באַלעבאָסטע: אַזאַ באַלעבאָסטע דאַרף נישט קיין נייע מעבל צו מאַכן שיין איר דירה. גיב איר אַלטע מעבל, אַלטמאָדישע צימערן — אָבער זי, מיט איר געשמאַק און גאָלדענע הענט, שטעלט איבער די מעבל: דאָ קלאַפּט זי צו אַ בילדל אויף דער וואַנט,

דאָרט טשעפּעט זי צו אַ בלימל, דאָ פּאַרציט זי אַ פאַרהעגגל — און עס ווערט אַ נייע שמעקעדיקע דירה...

דעם יידישן טעאַטער פעלט נישט קיין געלעכטער. דאָס יידישע טעאַטער האָט געלאַכט און לאַכט מיטן פולן מויל.

אָפט גראָב, וואולגאַר, אָפט ציניש, גאַסנמעסיק — כאַ! כאַ! כאַ! אוי, מיינע זייטן! אָפט האָט עס זיך געגרענעצט מיט הירזשען...

דימאָוו האָט נאָך שלום-עליכמען געבראַכט אויף דער יידישער בינע דעם ראַפינירטן געלעכטער, דעם געלעכטער פון אַ ציוויליזירטן מענטשן, דעם געלעכטער פון אַן איראָניקער — עלעגאַנט און גראַציעז און תמיד אַ ביסל מיסטיש...

אב. קאהאן.

אב. קאהאן שרייבט נישט קיין טעאַטער-קריטיק, נאָר קאַמאַנ-דעוועט, גיט באַפעלן, וויל דיקטירן און אָנוואַרפן אַ מורא. ער איז בנוגע טעאַטער-קריטיק דאָסזעלבע, וואָס דער קליינשטעטלדיקער גביר איז געווען אין שול: פריער פון אַלץ דאַרפט איר וויסן, אַז איך בין דער גביר און איר זענט די קבצנים, און נאָכדעם דאַרפט איר, שניי-דערוקעס, וויסן בלויז איינס: מיך הערן און פאָלגן!...

דאָס וואָס אב. קאַהאַן קנעלט מיט זיין עולם, איז נישט קיין רעאַליזם, נאָר טאַפּיזם (ער וויל אַלץ נאָר אָנטאַפּן מיט די נישט גאָר איידעלע הענט). וואָס איז ביי אב. קאהאנען אַ לעבנס-בילד אין אַ פּיעסע? — קליין-סביבה-מאלעריי, פינקטלעכע פאָטאָגראַפישע באַ-שרייבונג. עס מוז זיין אַ „פיקטשע” פון לעבן, אַ „באנטש” פאַקטן...

קאַהאַנס טערמינאָלאָגיע אין אַן „אָפּשאַצונג" איז אין עצם אַ שניידערשע:

„מען דאַרף אַרויסציען פון דער פּיעסע די פאַרסטריגעס".

„עס איז נישט גוט צוגעשניטן".

„מען דאַרף עס אַ ביסל צעטרענען".

„עס הענגען נאָך פעדים".

„עס איז אַ גוט שטיקל אויסגעביגלטע אַרבעט".

„עס איז געקנייטשט, נישט גוט אויסגעפרעסט".

„דער אַקט ליגט נישט שלעכט, נאָר אַ ביסל צו שמאָל אין סטאַן"...

חוץ שניידעריי, האָט קאַהאַן אויך ליב משלים פון עסנוואַרג:

„אַ דראַמע — ווי אַ גוט צימעסל".

„אַ פּיעסע — ווי אַ וואויל קאַטשקעלע".

„אַן אָפּערעטע — ווי אַ פעטע זופּ מיט קניידלעך".

ווילט איר מאַכן „אַ געלאַף" אויף אַ באַנק, הייבט אָן שרייען, אַז מען צאָלט נישט.

ווילט איר מאַכן אַ קריזיס, הייבט אַן שרייען: קריזיס.

כל זמן עס וועט זיין אַ יידיש טעאַטער, וועט זיין אַ קריזיס. ווייל טעאַטער מיינט קריזיס נישט נאָר ביי אונז.

זינט איך לייען וועגן טעאַטער, רעדט מען וועגן קריזיס. אַ קריזיס אין רוסישן טעאַטער, אין דייטשן און טעאַטער בכלל.

טעאַטער איז פון די אונטערנעמונגען, צו וועלכע מען מוז דערלייגן, נאָר, דערלייגנדיק, עסט מען דערווייל הון, טרינקט מען וויין און מען פאָרט אין אויטאָמאָבילן.

ווען מען וויל זיך אָפּגעבן מיט זוכן קריזיסן, קאָן מען זיי געפינען אומעטום, נישט נאָר אין יידישן טעאַטער.

מען קאָן געפינען אַ קריזיס אין די אַפּטייק־ביזנעס, אין די באַקאַליי־ביזנעס, קליידער, הערינג און סאַמעט־ביזנעס און אין די תכריכים־ביזנעס. ווען שלום עליכמס קברן באַקלאָגט זיך: „נישטאָ קיין מתים", מיינט עס, אַז שוין דאָן איז אויך געווען אַ קריזיס...

מאַכן בלויז צום לאַכן איז ווינציק פאַר אַ יידישן טעאַטער־גייער.

אַ יידישער מענטש איז בטבע אַ בעל־תכלית.

נאָכדעם ווי ער לאַכט אָפּ זיין חלק, וויל ער אויך נעמען אַ חלק אַהיים... און דעם חלק, וואָס ער וויל מיטנעמען, דאַרף זיין מיט אַן ענין, מיט אַ געדאַנק, נישט קיין סתם־וויץ.